STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01997

KEHAL HASIDIM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קהל חסידים

ושבחי בעל שם טוב

וואונדערליכע מעשיות פון רבי ישראל בעל-שם טוב און זיינע
תלמידים, אויך ספורים מרבותנו הקדושים חסידי עליון
וצדיקי יסודי עולם.

גענומען פון פארשיעדענע מקורים

פון

ב. פרנס

STAR HEBREW BOOK CO.
54-58 Canal Street, New York

Printed in the United States of America

COPYRIGHT, 1928,
BY THE STAR HEBREW BOOK CO.
NEW YORK, N. Y.

אינהאלט:

מעשה וועגען דעם געבורט פון בעל־שם טוב — 3
דער בעל־שם־טוב פאר זיין נתגלה ווערען — 6
ווי דער בעל־שם־טוב האט חתונה געהאט — 10
מעשיות פון בעל־שם טוב מיט גזלנים — 14
געשעהעניששען צווישען דעם בעל־שם טוב און זיין שוואגער הרב ר' גרשון 17
נאך מעשיות צווישען דעם בעל־שם טוב און זיין שוואגער ר' גרשון — 20
ווי דער בעל־שם טוב באקומט צוריק זיין גנבה — 22
מעשיות ווי דער בעל־שם טוב האט געקראגען אויף פסח — 22
מעשיות צווישען בעל־שם טוב און קלייבערער רב — 25
ווי דער בעל־שם טוב הויבט אן נתגלה ווערען — 27
ווי דער בעל־שם טוב ברייננט רעגען — 31
ווי דער בעל־שם טוב היילט קראנקע — 33
ווי א דאקטאר זעהט די גרויסקייט פון בעל־שם טוב — 36
ווי דער בעל־שם טוב היילט אויס א כלה, וועלכע האלט ביים שטארבען — 37
ווי דער בעל־שם טוב האלט מלחמה און איז מנצח מכשפים — 41
דער בעל־שם טוב ענטפלעקט א גרויסען סוד — 46
מעשה וועגען דעם עושר'ס מלמד — 49
א מעשה מיט'ן ווערכאוועקער מגיד — 50
דער בעל־שם טוב און דעם סוחר'ס בן יחיד — 52
ווי דעם בעל־שם טוב'ס א מקורב איז יום כפור אין פעלד — 53
מעשה מיט'ן בעל־שם טוב און א מעזבוזער סוחר — 54
מעשה בעל־שם טוב מיט אן ארענדאר — 63
דער בעל־שם טוב איז מציל א נפש פון דערטרונקען ווערען — 65
ווי דער בעל־שם טוב פארהיט פון שטן — 75
דער בעל־שם טוב און הרב ר' מיכל, דער זלאטשעווער מגיד — 77
דער בעל־שם טוב ראטעוועט אידען פון א בלבול — 78

א מעשה פון בעל־שם טוב מיט ר׳ דוד מיקאליײעווער — 80

ווי אזוי דער בעל־שם טוב האָט געלערנט זיינע תלמידים די מדה פון בטחון — 86

דער בעל־שם טוב ווייזט זיינע תלמידים די כונה פון זיין לאכען — 90

מעשיות פון בעל־שם טוב מיט הרב ר׳ אבא, רבֿ פון קריוויץ — 95

מעשיות פון בעל־שם טוב מיט הרב ר׳ יחיאל קאוועלער — 97

וועגען בעל־שם טוב׳ס טאָכטער האָדעל — 104

פטירת בעל־שם טוב, ז״ל — 105

מעשה־פון מגיד הקדוש מיט הרב ר׳ אהרן מקארלין, ז״ל — 109

מעשה מהרב הקדוש ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, ז״ל — 111

מעשיות פון די ברידער הרב ר׳ שמעלקע והרב ר׳ פנחס — 114

מעשיות מהרב הקדוש ר׳ ליב שרה׳ס — 119

וועגען דער מחלקות פון דעם מגיד׳ס תלמידים מיט דעם ווילנער גאון 128

מעשה ווי אזוי מ׳האָט דעם אנדערען מאָל גע׳מסר׳ט און ארעסטירט הרב ר׳ שניאור זלמן און ווי אזוי מ׳האָט איהם באפרייט — 140

וואָס האָט זיך געטראָפען מיט די איבריגע רבנים־חסידים, ווי מען האָט זיי ארעסטירט און באפרייט — 142

דער סוף פון די מוסרים — 143

מעשה פון רבי ישראל פלאצקער, ווי אַזוי ער איז געוואָרען מקורב צום מגיד — 145

אַ מעשה פון הרב ר׳ ליב, דער שפּאלער זיידע, און הרב ר׳ פּנחס קארעצער 153

אַ מעשה מיט דעם ר״י הקדוש — 158

מעשה מהרב ר׳ ישראל מרוזין — 160

מעשה מיט דעם רמ״א זצ״ל — 162

מעשה וועגען דעם רמא״ס פטירה — 165

אַ מעשה מיט׳ן מהרש״א — 167

אַ מעשה פון אַ מסור, אַ בעל־תשובה — 172

אַ מעשה מיט ר׳ יצחק לאנדוי פון צפת — 176

מעשה מיט ר׳ אברהם מרדכי מפינטשעוו — 181

מעשה מיט ר׳ מאיר פראנקפורטער — 183

מעשה וועגען דעם געבורט פון בעל-שם-טוב.

אין דעם געגענד וואלכי האָט געוואוינט א גרויסער רב מיט'ן נאָמען רבי אליעזר. ווען די טאטארען זיינען באפאלען דעם גע־געגנד, האָבען זיי דעם רב גענומען אין געפאנגענשאפט. זיי האָ־בען איהם פארקויפט פאר א קנעכט אין א ווייטע מדינה צו אַ גרויסען שר. ר' אליעזר האָט ביים שר זעהר אויסגענומען און דער שר האָט איהם אויך געלאָזען רוהען אום שבת. שפעטער האָט זיך געמאכט, אז דער שר האָט עפּעס געדארפט געבען א מתנה צו א גרויסען יועץ ביים מלך, האָט ער איהם געגעבען דעם רב פאר א מתנה. דער רב האָט ביי דעם יועץ זעהר נושא חן געווען און דער יועץ האָט איהם באפרייט פון אלע ארבייט, אוי־סער ער זאָל איהם אליין באדינען. ווען דער יועץ פלעגט קומען פון דעם מלך, פלעגט דער רב איהם אנטקעגען טראָגען א בעקען מיט וואסער אָפּצואוואשען די פיס, ווי עס איז געוועזן דער מנהג ביי אלע שררות, און די איבריגע צייט, האָט דער רב געדינט גאָט ברוך הוא.

איינמאָל האָט זיך די מדינה געפונען אין אַ עת צרה, שונאים זיינען איהר באפאלען אויף א מלחמה, און דער קעניג האָט גע־שיקט נאָך דעם יועץ, ער זאָל איהם ראטען וואָס צו טאָן, ווייל מען האָט צו דעם געדארפט פיעל חכמה. דער יועץ האָט ניט גע־וואוסט ווי אן עצה צו געבען, און דער מלך איז אויף איהם דער־פאר געוואָרען שטארק אין כעס. דער יועץ איז געגאנגען אהיים א צוטראָגענער און פול מיט צער.

אז ער איז אריין אין שטוב, איז איהם דער רב, ווי אלע טאָג, געגאנגען אנטקעגען מיט דעם בעקען וואסער, אבער דער יועץ

האָט זיך ניט געוואָלט וואַשען. האָט איהם דער רב געפרעגט, וואָס איז ער אזוי טרויעריג? האָט איהם דער יועץ דערצעהלט, וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, אז ער וויים ניט, וואָס צו ענט־פערען דעם קעניג.

האָט איהם דער רב געבעטען, ער זאָל איהם דערצעהלען די זאַך, אפשר וועט ער קענען געבען אַן עצה.

דער יועץ האָט איהם דערצעהלט און דער רב האָט גלייך געגעבען א קלוגע עצה. דער יועץ האָט די עצה דערצעהלט פאר דעם מלך און די חכמים זיינען אלע איבערראשט געוואָ־רען פון דער קלוגקייט פון דער עצה, און האָבען געזאָגט דעם יועץ, ער מוז זיי זאָגען, ווער עס האָט איהם געגעבען די עצה, ווייל קיין מענשליכער שכל קען אזא זאַך ניט דערטראַכטען, און דאָס מוז זיין א מכשף. האָט דער יועץ אויסגעזאָגט דעם מלך, אז ער פאַרמאָגט א קנעכט און דער קנעכט האָט עס איהם געזאָגט. האָט מען געשיקט רופען דעם רב און ביי איהם גע־פרעגט נאָך עצות, און ווי דער רב האָט געזאָגט אזוי איז געוועזן. דער קעניג האָט איינגענומען די מלחמה און געוואָרען זעהר גרויס.

דער מלך האָט פארשטאַנען, אז דער רב איז א געטליכער מאַן און האָט איהם געלאָזט האַלטען ביי זיך און איהם געמאכט זעהר חשוב. מיט דער צייט האָט אלץ דער רב נושא חן געווען מיט זיין ברייטען פארשטאַנד און גרויס חכמה, ביז דער קעניג האָט איהם געמאכט פאר א שני למלך.

דער מלך האָט אויך געגעבען דעם רב א גרויסען שר'ס א טאָכטער פאר א ווייב, אבער דער רב האָט איהר אפילו ניט אָנגערירט. די ווייב האָט איהם אבער זעהר ליעב געהאַט, און זי האָט איהם איינמאָל געפרעגט, פאר וואס איז ער אזוי אָר־מעטיג און מיט איהר פון וויטען? האָט איהר דער רב געבעטען, זי זאָל איהם שווערען, אז זי וועט קיינעם ניט דאַכטען פון דעם,

וועט ער איהר אויסזאָגען. האָט זי איהם געשוואוירען. האָט ער איהר דערצעהלט די גאנצע מעשה, אז ער איז א יהודי א רב, וועמען די טאטארען האָבען געפאנגען און פארקויפט פאר א קנעכט. האָט זי איהם געגעבען א סך געלט און אוועקגעשיקט שטילערהייט אהיים.

אויפ'ן וועג האָט מען איהם בא'גזל'ט, אבער ער איז ווייטער געגאנגען ווי אן אָרימאן, ביז ער איז געקומען אהיים און דאָרט געטראָפען זיין פריהעריגע ווייב. האָט זיך צו איהם באוויזען אליהו הנביא אין חלום און געזאָגט, דערפאר וואס ער איז בייגעשטאַנען אזא נסיון, וועט זיין ווייב איהם געבוירען א זוהן, וואָס וועט פארלייכטען די וועלט.

אַזוי איז טאקע געווען. אין א קורצע צייט ארום האָט ר' אליעזר'ס ווייב איהם געבוירען א זוהן, וועמען מען האָט א נאָמען געגעבען ר' ישראל, און דער זוהן איז דאָס געווען הרב הקדוש ר' ישראל בעל-שם טוב זי"ע.

פאר זיין טויט האָט הרב ר' אליעזר גענומען זיין זוהן אויפ'ן האַנט און האָט צו איהם געזאָגט:

„מיין קינד, כאָטש איך בין ניט זוכה דיך מגדל צו זיין, ווייס איך אז גאָט וועט זיין מיט דיר. דו זאָלסט דעריבער זיין דרייסט און זיך פאר קיין זאך ניט שרעקען".

דערנאָך, אז ר' אליעזר איז נפטר געוואָרען און דער אינגעל ישראל איז געבליבען אן עלענדער יתום, האָט די שטאָט פאר איהם געדונגען א מלמד צו לערנען מיט איהם, אָבער ר' ישראל האָט גאָר ניט געוואָלט לערנען און פלעגט אנטלויפען אין די פעלדער און וועלדער. האָט מען אויפגעהערט אויף איהם צו קוקען. ער איז פאר א קורצע צייט געוואָרען א „באהעלפער"*)

---

*) „באהעלפער" — א מאַן, וועלכער פיהרט די קינדער צום און פון חדר, העלפט דעם רבי'ן.

און פלעגט פיהרען קינדער מיט גרוים געזאנג אין שוהל אריין. די קינדער פלעגען דאָרט ענטפערען „אמן", „יהא שמיה רביה", און זייערע קינדערשע קול'כלאך פלעגען געהן ביז'ן הימעל ביז צום כסא הכבוד. גאָט ברוך הוא האָט געהאט נחת פון דעם, מעהר ווי פון די געזאנגען פון די לוים אין בית-המקדש.

איינמאָל האָט זיך געמאכט, אז א חיה רעה איז באפאלען די קינדער, ווען זיי זיינען געגאנגען אין חדר און דאס האָט גע־וואָרפען א פחד אויף די עלטערען. קיינער האָט ניט געוואָלט געבען זיינע קינדער לערנען. האָט זיי דער בעש"ט געגעבען מוט, און געזאָגט, אז גאָט איז מיט זיי און דארפען פאר קיין זאך קיין מורא ניט האָבען. האָבען אלע אָנגעטרויט די קינדער צו דעם „באהעלפער" אין די הענט, און דער „באהעלפער" האָט זיי אלע־מען געבראכט צוריק בשלום. דער באהעלפער איז געוואָרען זעהר באריהמט פאר זיין אומץ לבו, דערנאָך איז ער געוואָרען א שומר אין בית המדרש, און זיין סדר איז געווען, ווען אלע האָבען געלערנט האָט ער געשלאָפען, און בשעת אלע פלעגען שלאָפען, פלעגט ער דאמאָלסט לערנען, און אלע מענשען האָבען גאָר ניט געוואוסט און גערעכענט, אז ער איז א גרויסער שלעפער.

———:———

דער בעל-שם טוב פאר זיין נתגלה ווערען.

עס איז געווען א בעל-שם טוב, האָט ער געהייסען ר' אדם. ר' אדם איז געווען א גרויסער אָרימאן און האָט געוואוינט מיט זיין ווייב און קינדער אין א קליינע שטיבעלע. זיי פלעגען געהן אָפּגעריסען און נאקעט, אבער ווען עס פלעגט קומען שבת און יום-טוב פלעגען זיי זיך אלע אויספוצען אין שעהנע מלבושים.

האָבען זיך אלע געוואונדערט, פון וואנען קומט צו זיי די מלבושים. הינטער דער שטיבעלע איז געוועו אויסגעגראָבען אַ גרויסער הייל. אין דעם הייל פלעגט ר׳ אדם האלטען כתבים פון סודות התורה, און פלעגט אָפט דאָרט זיצען און לערנען. ווען ער פלעגט דאָס וועלען די נייע מלבושים, פלעגט ער זאָגען א שם און די בגדים פלעגען גלייך ווערען אויפ׳ן אָרט. און כאָטש ער האָט געקענט מיט א שם אלץ דערגרייכען, איז ער דאָך געוועזן אַ גרויסער עני און געלעבט בדחקות, ווייל ער האָט ניט געוואָלט צופיעל נהנה זיין פון דער וועלט.

ר׳ אדם בעש״ט האָט געהאט א זוהן. אַז ר׳ אדם האָט גע־דאַרפט נפטר ווערען, האָט ער גערופען דעם זוהן און צו איהם געזאָגט: „מיין זוהן, איך וועל אינגיכען שטארבען, לאָז איך דיר איבער זעהר טייערע כתבים. דו ביזט ניט ראוי צו זיי. זאָלסטו נאָכפרעגען נאָך דער שטאָט אָקופּ, דאָרט וועסטו טרעפען איינעם מיט׳ן נאָמען ישראל, וואָס איז אלט פערציג יאהר. אָט דעם ישראל׳ן זאָלסטו מוסר זיין די כתבים, און אויב דו וועסט זוכה זיין, וועט ער לערנען מיט דיר.״

אַז ר׳ אדם איז נפטר געוואָרען, איז דער זוהן געפאָהרען אין דער שטאָט אקופּ און איז פארפאָהרען צו דעם פּרנס חודש. האָט איהם דער פּרנס געפרעגט, וואס טוט ער דאָ, האָט ער איהם געענטפערט, דאס זיין פאטער ר׳ אדם בעש״ט האָט איהם גע־לאָזען א צוואה, אז ער זאָל נעהמען א ווייב פון דער שטאָט אָקופּ. האָט מען איהם אָנגעהויבען רעדען שדוכים, ביז ער האָט חתונה געהאט מיט א גביר׳ס א טאָכטער. נאָך דער חתונה האָט ער אין דער שטיל אָנגעהויבען זוכען דעם ישראל.

איינמאָל האָט ער צופעליג דערזעהן דעם שומר פון בית־המדרש און האָט געהערט ווי מען רופט איהם ישראל. האָט ער איהם אָנגעהויבען נאָכקוקען און אין איהם האָט זיך דערוועקט א חשד, אז דאָס איז עם דער ישראל. ער האָט געזאָגט דעם

שוועד, אז ער וויל ווערען א פרוש פאר א שטיקעל צייט, און ער זאָל פאר איהם מאכען א מחיצה אין בית המדרש, וואו ער וועט זיצען און לערנען. דער שווער האָט אזוי געטאָן און ער האָט אויך געדונגען ישראל'ן, דעם שומר פון בית המדרש, ער זאָל באַדינען זיין איידעם.

ווען ר' אדם'ס זוהן פלעגט שלאָפען, פלעגט ר' ישראל אויפ־שטעהן און, ווי זיין סדר איז געווען, זיך מתעסק זיין אין תורה ותפלה. ר' אדם'ס זוהן האָט אבער ניט געשלאָפען און שטילער־הייט אלץ געמערקט. שפּעטער, ווען ר' אדם'ס זוהן איז אויפ־געשטאַנען און ר' ישראל איז געגאַנגען שלאָפען, האָט ר' אדם'ס זוהן גענומען א קונטרס פון זיין פאָטערס כתבים און עס אוועק־געלעגט לעבען ר' ישראל'ן. ר' ישראל איז אויפגעשטאַנען, און ווי ער האָט דערזעהן דעם קונטרס, איז ער אויפגעציטערט גע־וואָרען און האָט איהם באהאלטען. דעם אנדערען טאָג האָט ער ווידער אונטערגעוואָרפען א קונטרס און ר' ישראל האָט עס מיט ציטערדיגע הענט ווידער באהאלטען. האָט שוין ר' אדם'ס זוהן געוואוסט אויף זיכער, אז דאס איז דער ישראל, וואָס זיין פאָטער האָט איהם געזאָגט.

ער האָט צוגערופען ישראל'ן און איהם אלעס דערצעהלט, אז זיין פאָטער האָט איהם איבערגעלאָזען כתבים, ער זאָל עס איהם איבערגעבען, באופן ער זאָל מיט איהם לערנען. האָט ר' ישראל מסכים געווען, נאָר מיט דעם באדינג, אז קיינער זאָל ניט וויסען, עס זאל בלייבען א סוד, און ער, ישראל, זאָל בלייבען א משרת אזוי ווי פריהער. אזוי האָבען זיי א לאנגע צייט גע־לערנט צוזאמען. אז דער עולם האָט געזעהן, אז ר' אדם'ס זוהן חבר'ט זיך מיט'ן משרת, האָט מען דעם משרת אויך אָנגעהויבען מכבד זיין, און איהם געגעבען א ווייב.

ר' ישראל האָט חתונה געהאט, אָבער באלד איז די ווייב גע־שטאָרבען. דערווייל האָט דער שווער פון ר' אדם'ס זוהן, דער

גביר, אויסגעבויט פאר זיין איידים א באזונדער חדר אויסער'ן שטאָט, און דער איידעם איז דאָרט צוזאמען מיט ר' ישראל'ן געזעסען און געלערנט גמרא און פוסקים, הלכה און קבלה.

לערנענדיג צוזאמען האָט איינמאָל דער בן־הרב (ר' אדם'ס זוהן) געבעטען ר' ישראל'ן, ער זאָל אראָפּברייננגען דעם שר התורה, ער זאל מיט זיי לערנען. האָט איהם ר' ישראל אלץ מדחה געווען מיט דער טענה, אז עס איז א סכנה, ער קען נאָך אמאָל טועה זיין אין דער כונה און אנשטאט דעם שר התורה קען ער נאָך אראָפּברייננגען אן אנדערען שר. דער בן־הרב האָט איהם אבער זעהר שטארק געבעטען, האָט ר' ישראל איהם גע־הייסען פאסטען משבת לשבת און אליין האָט ער אויך געפאסט. דערנאָך האָבען זיי זיך מטהר געווען, און במוצאי שבת האָבען זיי מכוון געווען דעם שם. פלוצלונג האָט אבער ר' ישראל ארויסגעגעבען שרעקליכע קולות און אויסגעבראָכען אין א גע־וויין. ווען דער בן־הרב האָט איהם געפרעגט, וואס האָט גע־טראָפען, האָט ר' ישראל איהם געזאָגט, אז זיי האָבען זיך טועה געווען, אנשטאָט דעם שר התורה האָבען זיי אראָפּגעבראכט דעם שר האש. און אָט קומט ער אראָפּ און וועט באלד פארברענען די שטאָט אין פייער. איז דער בן־הרב געלאָפען, לויט ר' ישראל'ס פארזאָג, און אָנגעזאָגט גאנץ שטאָט, אז באלד וועט אויסברעכען אַ פייער און יעדערער זאל ראטעווען וואָס ער קען. האָבען אלע איהם געפאָלגט און באלד איז טאקע אויסגעבראָכען א גיהנום'דיגער פלאַם, וועלכער האָט פארברענט די שטאָט מקצה אל הקצה. פון דאמאָלט אָן האָבען אלע אָנגעהויבען האלטען פון בן־הרב, כאָטש קיינער האָט ניט געוואוסט פון ר' ישראל'ן.

אין א צייט ארום, האָט דער בן־הרב ווידער געבעטען ר' ישראל'ן מען זאָל אַראָפּברייננגען דעם שר של תורה, און ווידער האָט ר' ישראל ניט געוואָלט ביז ער האָט איהם שטארק מפציר געווען. האָבען זיי ווידער געפאסט משבת לשבת און געטאָן

כוונות, אָבער אויך דעם מאָל האָבען זיי טועה געווען: אנשטאט דעם שר של תורה האָבען זיי גאָר אראָפּגעבראכט דעם שר של מות. האָט איהם ר' ישראל געזאָגט „זאָלסט וויסען, אז מיר האָבען אראָפּגעבראכט דעם שר של מות און עס איז נגזר געוואָרען מיתה אויף אונז, עס איז נאָר דאָ איין תקנה און דאָס איז, מיר זאָלען א גאנצע נאכט ניט שלאָפען, נאָר זיצען און לערנען. האָבען זיי אזוי געטאָן, זיי האָבען געלערנט א גאנצע נאכט, אָבער צום פארטאָג איז דער בן־הרב איינגעשלאָפען און איז גלייך געשטאָרבען. איז ר' ישראל געלאָפען און געשריען איבער די גאסען „דער בן־הרב חלש'ט", מען זאָל איהם מינטערען. זיינען געקומען צולויפען די מענשען פון שטאָט און איהם שוין געפונען טויט.

ר' ישראל איז נאָך דער מעשה אוועקגעפאָהרען פון אָקופּ און איז געקומען אין א שטעטעל לעבען בראָד און איז דאָרט געוואָרען א מלמד. עס האָט גענומען א קורצע צייט און אלע האָבען דערשפּירט ר' ישראל'ס חשיבות, פלעגט מען פאר איהם בריינגען אלע משפטים פון שטאָט. ר' ישראל האָט שטענדיג ריכטיג גע'פסק'עט און קיינער איז אויף איהם קיינמאָל ניט געוואָרען אין כעס. אפילו די וואָס זיינען ארויס חייב, האָט זיי אויך ר' ישראל געגעבען צו פארשטעהן, אז זיי זיינען אומגערעכט, און זיי פלעגען מסכים זיין צו ר' ישראל'ן.

ווי דער בעל־שם טוב האָט חתונה געהאט.

אין יענער צייט איז אין בראָד געווען דער ראש בית־דין הרב ר' גרשון קיטעווער. דעם ראש בית־דין'ס פאָטער האָט געהייסען ר' אברהם. מאכט זיך א מעשה, אז ר' אברהם האָט

געהאט אַ סכסוך מיט אַ בעל־הבית פון דער שטעטעל, אוואו ר׳ ישראל האָט געקנעלט. זאָגט דער בעל־הבית צו ר׳ אברהמ׳ן: „ביי אונז אין שטאָט איז דאָ אַ מלמד אַ מופלג, לאָמיר געהן צו איהם האָבען די דין־תורה, און אויב אייך וועט ניט זיין געפעלען, וועלען מיר פאָהרען קיין בראָד״. האָט ר׳ ישראל געזעהן ברוח הקודש, אז ר׳ אברהם׳ס טאָכטער ברויכט צו זיין זיין ווייב, האָט ר׳ ישראל געזאָגט פאר ר׳ אברהמ׳ן אַ שארפען אויפטו אויפ׳ן רמב״ם, וועלכער איז ר׳ אברהמ׳ן שטארק געפעלען געוואָרען. דערנאָך האָבען זיי זיך געלאָדעט ביי איהם, און פון זיין פסק דין איז אויך ר׳ אברהם געוועזן נשתומם. אַזוי, איז ר׳ ישראל מיט אמאָל חשוב געוואָרען אין זיינע אויגען און האָט איהם באלד אויך ליעב באקומען.

שפּעטער איז ער געוואָהר געוואָרען, אז ר׳ ישראל איז אַן אלמן, און ר׳ אברהם האָט געהאט אַ טאָכטער אַ גרושה, האָט איהם ר׳ אברהם געפרעגט, אפשר וועט ער נעהמען זיין טאָכ־טער פאר אַ ווייב, האָט איהם ר׳ ישראל געזאָגט, אז ער איז מסכים, נאָר דאס זאָל זיין בסוד גמור, ווייל אַ סך גבירים ווילען מיט איהם טאָן שדוכים און זיי האָבען איהם געטאָן אַ סך טובות, קען ער זיי ניט מעיז זיין, און נאָך אַ תנאי האָט ר׳ ישראל אויס־גענומען, אז אין די תנאים ביים שרייבען זיין נאָמען, זאָל מען מעהר ניט שרייבען ווי ישראל בן אליעזר, ניט שרייבען קיין טי־טעלס, ניט דעם וואָרט „למדן״ און ניט „דיין״. ר׳ אברהם האָט איהם געפאָלגט. זיי האָבען געשריבען בסתר תנאים און ר׳ אברהם איז אוועקגעפאָהרען.

אין וועג האָט געטראָפען אַ סיבה. ר׳ אברהם איז געוואָרען קראנק און איז נפטר געוואָרען. זיין זוהן, ר׳ גרשון, דער בראָדער ראש בית־דין, האָט איהם מספיד געוועזן. אז ר׳ גרשון האָט אי־בערגעקוקט דעם טאַטענס כתבים, האָט ער דאָרט אויך געפונען די תנאים. ער לייענט איבער, און ער זעהט, עס שטעהט נאָר

אז דעם חתן רופט מען ישראל בן אליעזר, איז עס איהם געוואָ־
רען א וואונדער, דער טאַטע זאָל טאָן א שדוך מיט ניט קיין בן־
תורה און פון אן אומבאקאנטע משפחה.

אז ער איז געקומען אהיים, האָט ער איבערגעגעבן די
תנאים דער שוועסטער די גרושה, האָט זי געזאָגט, אז ווען עס
וועט זיך נאָר אָפּזוכען דער ישראל, וועט זי טאָן מיט איהם דעם
שדוך, ווייל אויב דער פאָטער האָט געטאָן, איז עס געווים רעכט
און ער האָט געוואוסט פארוואָס.

אין א קורצע צייט ארום האָט ר׳ ישראל זיך צוזעגענט מיט
זיינע בעלי־בתים פון דער שטעטעל, וואו ער האָט געקנעלט און
איז אוועקגעפאָהרען. קומענדיג נאָהנט צו בראָד, האָט ר׳ ישראל
זיך איבערגעטאָן אין א קורץ פעלצעל און זיך ארומגעבונדען מיט
א ברייטען שטריק גארטעל, און איז אזוי אריין צו ר׳ גרשון דעם
ראש בית־דין אין הויז. ר׳ גרשון איז דאן געזעסען ביי א משפט,
אַז ער האָט דערזעהן א מענשען אין א פעלצעל שטעהענדיג ביים
טהיר, האָט ער געמיינט, אז אן אָרימאן וויל א נדבה. דערלאנגט
ער איהם א פרוטה. רופט זיך אָפּ ר׳ ישראל: „רבי, איך דארף
מיט אייך רעדען ביחידות" און איז מיט איהם אריין אין א באַ־
זונדער חדר. דאָרט האָט ר׳ ישראל ארויסגענומען די תנאים,
איהם געוויזען און געזאָגט, אז ער איז דאָס דער ישראל, און וויל
חתונה האָבען מיט דער שוועסטער. ר׳ גרשון איז געוואָרען
זעהר דערשראָקען, איהם איז געוואָרען דערווידער, וואס דער
טאַטע האָט געטאָן און האָט געשיקט רופען דער שוועסטער.
די שוועסטער האָט ווידער געזאָגט דאָסזעלבע, אז אויב דער פאָ־
טער האָט דאָס געטאָן, מסתמא איז גוט, און האָט אָפּגעשטעלט
דעם זמן פון דער חתונה.

אז עס איז געקומען פאר דער חופה, האָט ר׳ ישראל גערו־
פען דער כלה אָן א זייט און איהר פארטרויט דעם סוד, אז ער
וויים אין נגלה ונסתר, און אז ער וועט אמאָל נתגלה ווערען,

דערווייל האָט ער איהר באשוואוירען, אז זי זאל ניט אויסזאָגען ווער ער איז, כאָטש זי וועט געווים א שטיק צייט ליידען דחקות.

זיי האָבען חתונה געהאט. נאָך דער חתונה האָט ר׳ גרשון געוואָלט לערנען מיט ר׳ ישראל׳ן טאָמער וועט ער איהם אָביסעל אויסלערנען דברי תורה, אבער ר׳ גרשון האָט זיך תיכף ארומגעזעהן, אז ר׳ ישראל קען גאָר ניט מקבל זיין, און וויפיעל ער האָט זיך באמיהט מיט איהם אריינלערנען, האָט גאָר ניט געהאָלפען, האָט ר׳ גרשון געזאָגט צו זיין שוועסטער: „דו זעהסט דאָך, אז עס איז מיר א גרויסע חרפה פון דיין מאן; אויב דו ווילסט זיך גט׳ן איז אודאי גוט, ווען ניט וועל איך קויפען אַ פערד, און דו זאָלסט מיט איהם אוועקפאָהרען, ווייל איך קען ניט אויסשטעהן די חרפה". האָט די שוועסטער מסכים געווען אוועקצופאָהרען.

ר׳ גרשון האָט זיי געקויפט א פערד און זיי זיינען אזוי געפאָהרען, ביז זיי זיינען געקומען צו אַן אָרט, וואָס איז געווען ארומגענומען מיט בערג פון אלע זייטען. דאָרט האָבען זיי זיך באזעצט. ר׳ ישראל פלעגט זיצען יום ולילה און לערנען, נאָך עטליכע מאָל אין וואָך פלעגט ער אָנגראבען א וועגעלע ליים, און די ווייב פלעגט עס אַוועקפיהרען אין דער נאָהנטער שטאָט פארקויפען. ר׳ ישראל האָט געפאסט א סך תעניתים מיט הפסקות און נאָך די תעניתים פלעגט ער אויסגראָבען אין דער ערד א גריבעל, פלעגט דאָרט אריינטאָן מעהל מיט וואסער און דאָס באקען אויף דער זון.

———:———

מעשיות פון בעל-שם טוב מיט גזלנים.

ווי דערצעהלט, איז דער אָרט, וואו ר׳ ישראל האָט אויס־געקליבען צו וואוינען, געווען צווישען הויכע בערג און צווישען די בערג זיינען געווען זעהר טיפע טאָהלען, אין די ערטער האָ־בען אויך געוואוינט גזלנים, וועלכע פלעגען זיך אויסבאהאלטען אין די לעכער און טהאָלען.

איינמאָל איז ר׳ ישראל געגאנגען אויף א בארג פארטראכט און איז אזוי דערגאנגען ביז׳ן ברעג. גזלנים זיינען געשטאַ־נען אויף דעם אנדערען בארג אנטקעגען איהם. ווי זיי האָבען געזעהן, אז א מענש געהט צום עק בארג, האָבען זיי ביי זיך געטראכט, אָט באלד וועט ער אראָפּפאלען און צושאָטען ווערען אויף שטיקער. אָבער, אז ער איז געקומען צום עק בארג האָט זיך דער צווייטער בארג פון זיך אליין צוגערוקט און ער איז אזוי גלייך איבערגעגאנגען אויפ׳ן צווייטען, ווען ער איז שוין דאָרט געווען, איז דער בארג פון זיך אליין צוריק אָפּגעטראָטען, און אזוי אויף דעם וועג צוריק, האָבען זיי פארשטאַנען, אז דאס איז א געטליכער מענש און די גזלנים זיינען צו איהם צוגע־גאנגען, און איהם געבעטען אז ער זאל מתפלל זיין אז זיי זאָלען מצליח זיין. האָט ר׳ ישראל זיי געזאָגט, אז ער וועט זיי בענשען, ווען זיי וועלען איהם מבטיח זיין, אז זיי וועלען קיין שום יהודי נים טאָן קיין שלעכטס. האָבען זיי איהם צוגעשוואוירען. פון דאן אָן, איז ר׳ ישראל ביי זיי געווען חשוב, און, ווען זיי האָבען געהאט צווישען זיך טענות, פלעגען זיי קומען צו איהם, און ער פלעגט צווישען זיי מאכען שלום.

אַמאָל זיינען צו איהם געקומען צוויי גזלנים זיך לאדען, און איין גזלן איז נים געווען געפעלען ר׳ ישראל׳ס פסק, האָט ער

באשלאָסען איהם הרג'ענען. ווען ער האָט דערשפירט, אז ר' ישראל איז איינגעשלאָפען, האָט דער גזלן אויפגעהויבען זיין האַק איבער ר' ישראל'ס קאָפּ, אָבער ווען ער האָט געוואָלט די האנט אראָפּלאָזען, האָט ער דערפיהלט, ווי אימיצער האלט איהם פעסט פאר'ן האנט, באלד האָט ער אויך געפיהלט שטארקע וועהטאָגען, ווי אימיצער וואָלט איהם שלאָגען, און איז געבליבען ליגען מיט פיעל וואונדען אויפ'ן גאנצען קערפּער.

ר' ישראל האָט זיך אויפגעכאפּט, ער זעהט, א מענש ליגט א צובלוטיגטער לעבען איהם, האָט ער איהם געפרעגט, ווער האָט עס איהם געטאָן, אבער יענער האָט ניט געהאט קיין כח צו ענטפערען. האָט איהם ר' ישראל אזוי געלאָזען ליגען, ביז אויפמארגען איז דער גזלן אליין אויפגעשטאַנען און דאס אלעס דערצעהלט.

איינמאָל זיינען די גזלנים געקומען צו רבי ישראל'ן און איהם געזאָגט, אז אויב ער וויל קענען זיי איהם פיהרען אין ארץ ישראל, ווייל זיי ווייסען א קורצען וועג דורך היילען. האָט ר' ישראל מסכים געווען. זיינען זיי אזוי געגאנגען, ביז זיי זיינען געקומען צו אן אָרט, וואו עס איז געווען זעהר א טיעפער טאָהל פון וואסער און בלאָטע אין מיטען וועג. עס איז געווען אונמעגליך דורכצוגעהן, האָבען די גזלנים געלעגט א ברעט און זיי זיינען אריבער. ווי ר' ישראל האָט גענומען שפּרייזען אויפ'ן ברעט, האָט זיך די ברעט אומגעקעהרט, האָט ר' ישראל פארשטאַנען, אז מן השמים הייסט מען זיך איהם אומקעהרען. ער איז געגאנגען צוריק און געבלאָנדזשעט.

נאָך דריי טעג און נעכט געהן, האָט ער מיט אמאָל באמערקט זעהר א גרויסען פראָש, אבער אזאַ גרויסען, אז ר' ישראל האָט אָנפאנגס ניט דערקענט, וואס פאר א בריה דאָס איז. האָט איהם ר' ישראל געפרעגט: „ווער ביזטו?" האָט דער פראָש געענטפערט: „אין מיר איז מגוגל א תלמיד-חכם שוין גאנצע פינף

הונדערט יאהר." האָט ר' ישראל אָנגעהויבען ריידען מיט'ן גלגול אליין.

דאָס ערשטע האָט איהם ר' ישראל געפרעגט, „פאַרוואָס האָט ר' יצחק לוריא, ווען ער האָט מתקן געווען נשמות, איהם ניט מתקן געווען?" האָט דער גלגול געענטפערט, „אַז צו־ליעב זיינע גרויסע עבירות האָט מען איהם פאַרטריבען ווייט פון מענשען." האָט איהם ר' ישראל ווייטער געפרעגט, וואָס האָט ער געטאָן? האָט ער דערצעהלט „אַז די ערשטע עבירה איז געווען, וואס ער האָט מזלזל געווען בנטילת ידים. אָבער ווען דער שטן האָט וועגען דעם אויף איהם מקטרג געווען, האָט מען־איהם געזאָגט, אז ווען ער וועט איהם מאכען נאָך זינדיגען, וועט מען יענע אויך צורעכענען; אויב, אָבער, ער וועט חרטה האָבען און מעהר ניט זינדיגען, וועט מען איהם די ערשטע עבירה אויך ניט רעכענען. אין גיכען האָט איהם דער מקטרג מכשיל געווען נאָך אין אַן עבירה, און פון דער צווייטער און דריטער איז שוין געווען א לייכטע זאַך, ביז ער האָט עובר געווען אויף דער גאַנ־צער תורה. און כדי ער זאָל זיך צום סוף ניט כאַפּען און תשובה טאָן, האָט איהם דער שטן געמאכט פאר א שכור, אזוי אז ער האָט שוין ניט געהאט קיין קאָפּ צו טאָן תשובה. אבער ווייל דער גורם פון אלע עבירות איז געווען די ערשטע, דער זלזול בנטילת ידים, איז ער נאָכ'ן טויט מגולגל געוואָרען אין א פראָש, וואָס זי איז תמיד אין וואסער, און איז פאַרוואָרפען געוואָרען אויף אזא אָרט, וואו קיין מענשען געהען ניט, ווייל טאָמער געהט דורך א איד, און מאכט א ברכה, אָדער ער איז מתפלל אָדער ער האָט א מחשבה טובה, קען ער נאָך עפּעס דורכדעם מתקן זיין פאר דער נשמה."

אז ר' ישראל האָט אויסגעהערט די מעשה, האָט ער תפלה געטאָן און איהם מתקן געווען. די פראָש איז גע'פּגר'ט, און די נשמה פון גלגול איז ארויפגעבראכט געוואָרען אין דער הויך.

געשעהענישען צווישען דעם בעל שם טוב און זיין שוואָגער הרב ר׳ גרשון.

זיבען יאהר זיינען פאַראיבער פון דעם טאָג, ווען ר׳ ישראל האָט פארלאָזען מיט זיין ווייב בראָד. און ר׳ ישראל האָט באַשלאָסען פאָהרען צוריק דאָרט. ער איז געקומען צו זיין שוואָגער הרב ר׳ גרשון. האָט דער שוואָגער געפרעגט דער שוועסטער, וואו זיינען זיי דאס געווען? האָט זי איהם געענטפערט, אז זיי האָבען ארומגעוואנדערט און געהאט פיעל צרות. האָט ר׳ גרשון רחמנות געהאט אויף זיי, און זיי געגעבען א דירה נית ווייט פון איהם. ער האָט אויך צוגענומען ר׳ ישראל׳ן פאר א משרת ביי איהם.

איינמאָל איז ר׳ גרשון געפאָהרען פון בראָד אין א נאָהנטען דאָרף און גענומען ר׳ ישראל׳ן פאר אן אָנטרייבער צו די פערד. ר׳ גרשון איז אנטשלאָפען געוואָרען און ר׳ ישראל האָט זיך פאר־טראכט אין מחשבות טהורות. די פערד און וואָגען זיינען דער־וויל אריין אין א געדיכטען זומפּ, וואָס איז געווען אוממעגליך ארויסצוגעהן פון דאָרטען. אז ר׳ גרשון האָט זיך אויפגעכאפּט און געזעהן וואו זיי געפינען זיך, האָט ער בעסער געוואָלט אליין געהן אין דאָרף, רופען מענשען מיט פערד העלפען ארויס־שלעפען פון בלאָטע, ווייל ער האָט מורא געהאט שיקען ר׳ ישראל׳ן, טאָמער וועט ער זיך איננאנצען נית אומקערען.

ווען ר׳ גרשון איז צוריקגעקומען צום בלאָטע מיט א קאָמפּאניע מענשען און פערד, האָט ער געזעהן ווי ר׳ ישראל פאָהרט איהם אנטקעגען. „ווער האָט דיך ארויסגעשלעפּט?“

האָט איהם ר' גרשון געפרעגט. „איך האָב געגעבען א גוטען קלאפּ די פערד, זיינען זיי ארויס" האָט ר' ישראל געענטפערט.

פון דאמאָלט אָן האָט ר' גרשון איהם מעהר ניט געוואָלט האלטען פאר א טרייבער, און ער האָט געזאָגט: „אפילו צו אַזאַ ארבייט טויג ער אויך ניט. ווייזט אויס, ער איז שוין א לא יוצלח צו אלץ."

הרב ר' גרשון האָט זיך מיישב געווען און האָט פאר ר' ישראל'ן מיט דער שוועסטער געדונגען אין א דאָרף א שענק אין ארענדע, זיי זאלען זיך פון דעם מפרנס זיין. דאָרט אין דאָרף האָט ר' ישראל זיך גאָר קונה שלמות געווען. ער האָט אויס־געבויט א שטיבעל אין וואלד און געזעסען טאָג און נאַכט בתורה ותפלה, נאָר משבת לשבת פלעגט ער ארויסגעהן.

ער האָט געהאט אויף שבת נייע, ווייסע קליידער ווי אויך א מרחץ ומקום טבילה. די ווייב האָט זיך עוסק געווען אין מסחר און השי"ת האָט זיי געגעבען פּרנסה בכבוד. זיי פלעגען אויך אויפנעמען אורחים בכבוד גדול און זיי האלטען ביי זיך. נאָר אויף ראש חודש אלול פלעגט ר' ישראל פאָהרען אין שטאָט און דאָרט שוין זיין איבער אלע ימים טובים.

אין שטאָט פלעגט דער בעש"ט דאווענען צוזאמען אין איין בית המדרש מיט זיין שוואגער הרב ר' גרשון, און ר' ישראל פלעגט אויך זיך נוהג זיין ארויפגעהן אויבען אָן, פלעגט עס ר' גרשונ'ען פארדריסען, און ער האָט איהם געהאלטען פאר אַ משוגע'נעם, וואָס אזא עם הארץ קריכט אויבען אָן.

איינמאָל, חול המועד סוכות, האָט ר' גרשון געזעהן, אַז ר' ישראל לעגט ניט קיין תפלין, האָט ער איהם געפרעגט, פאר־וואָס טוט ער עס אזוי? האָט איהם ר' ישראל געזאָגט, אז ער האָט געזעהן אין טייטש־חומש, אז ווער עס לעגט תפלין אום חול־המועד איז חייב מיתה. איז ר' גרשון זעהר ברוגז געוואָרען

אויף ר׳ ישראל׳ן און האָט אָנגעבעטען נאָך א רב אין בראָד, ער זאָל ר׳ ישראל׳ן זאָגען מוסר, וואס ער פיהרט זיך אויף ווי איהם ווילט זיך, כאָטש ער דארף וויסען, אז אן עם הארץ קען קיינמאָל אליין ניט וויסען ווי צו זיין פרום.

דערווייל אריינגעהענדיג צום רב אין הויז, האָט געטראָפען נאָך א מעשה, וואס האָט ארויסגערופען ר׳ גרשון׳ס צאָרן. ביים אריינגאנג אין רב׳ס הויז האָט ר׳ גרשון געקושט די מזוזה ביים טהיר, אבער ר׳ ישראל, וואס איז געגאנגען נאָך איהם, האָט נאָר צוגעלעגט די האנט צו דער מזוזה, אָבער עס ניט געקושט. האָט אויך ר׳ גרשון דערצעהלט דעם רב, ער זאָל איהם אויס־ריידען.

ביים רב אין הויז האָט ר׳ ישראל פאר׳ן רב געלאָזט ווייזען אביסעל וואס ער קען. דער רב איז געוואָרען נשתומם פון די גרויסע חדושי תורה, וואס ר׳ ישראל האָט געזאָגט און גוט אויף איהם א בליק געגעבען, האָט ער פלוצלונג דערזעהן אויף איהם אָ גרויסע ליכט, און דער רב האָט פארשטאַנען, אז ר׳ ישראל איז א געטליכער מענש.

דערווייל האָט זיך ר׳ גרשון גענומען קלאָגען אויף ר׳ ישראל׳ן ביים רב, וואָס ער האָט ניט געלעגט קיין תפלין חוה"מ און וואס ער האָט ניט געקושט די מזוזה. דער רב האָט זיך אלץ משמט געווען פון ר׳ גרשון, און האָט גאָר ניט געענטפערט. דער־נאָך האָט ער אריינגערופען ר׳ ישראל׳ן אין א באזונדער חדר און צו איהם געזאָגט: „איך בין אויף דיר גוזר, דו זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת, וואס מיט דיר טוט זיך". ר׳ ישראל האָט מורא געהאט פאר דעם צדיק און האָט איהם אויסגעזאָגט דעם אמת, אָבער ר׳ ישראל האָט אויף איהם צוריק גוזר געווען, ער זאָל פאר קיינעם ניט אויסזאָגען, ווער ער איז.

דער רב איז אריין צוריק און געזאָגט צו רבי גרשונ׳ען, אז ער האָט געטאָן ווי ער האָט איהם געבעטען, ער האָט איהם

אויסגערעדט, אבער זיין מיינונג איז, אז כאָטש ר׳ ישראל איז א פּראָסטאַק, וועט ער דאָך ניט ארויסגעהן חוץ לשיטה, און עס איז גלייכער, אז ר׳ גרשון זאָל איהם לאָזען צורות, זאָל ער זיך פיהרען ווי ער וויל.

שפּעטער, אז זיי זיינען אוועק, האָט דער רב בודק געווען די מזוזה, וואָס ר׳ ישראל האָט ניט געוואָלט קושען, און ער האָט געפונען, אז די מזוזה איז געווען פּסול.

———:———

נאָך מעשיות צווישען דעם בעל-שם טוב און זיין שוואָגער ר׳ גרשון.

איינמאָל האָט ר׳ גרשון באגעגענט ר׳ ישראל׳ן געהענדיג אין גאַס, און האָט באמערקט, ווי ער האלט א ספר אונטער׳ן בוזעם, פרעגט ער איהם, „וואָס פאר א ספר האלטסטו דאָס באַ-האלטען?“ האָט איהם ר׳ ישראל גאָר ניט געענטפערט. איז ר׳ גרשון געוואָרען אין כעס און אליין ארויסגענומען ביי איהם דעם ספר פון אונטער׳ן בוזעם. ערשט ער זעהט, אז דאָס איז א זוהר. איז ער זעהר ברוגז געוואָרען, וואס אזא עם הארץ קוקט אין אזעלכע ספרים.

אין בראָד איז דאמאָלט געווען אן אשה, אין וועלכער עס איז אריין א רוח, און דער רוח פלעגט אויסרעכענען יעדען מענשען, וואָס ער איז. ר׳ גרשון האָט באשלאָסען נעמען ר׳ ישראל׳ן צו דער אשה, הערען וואס וועט דער רוח זאָגען.

זיי זיינען צו איהר אוועק. ווען ר׳ גרשון איז אריין דער ערש-טער, האָט די אשה אויסגערופען: „ברוך הבא קדוש וטהור“, און אויך צו די איבריגע מלוים, האָט זי יעדערען אָנגערופען ביי זיין נאָמען. ר׳ ישראל איז אריין דער לעצטער. ווי די אשה האָט

דערזעהן ר׳ ישראל׳ן, וועלכער איז נאָך געווען א יונגערמאַן און פראָסט אָנגעטאָן, האָט זי אויסגערופען: „ברוך הבא, ר׳ ישראל! דו מיינסט איך האָב פאר די מורא? זאָג איך דיר, אז ניט. וויל איך ווייס, אז אין הימעל האָט מען דיך באשוואוירען, דו זאָלסט זיך ניט עוסק זיין בשמות הקדושים, ביז דו וועסט זיין אלט זעקס און דרייסיג יאהר."

דער עולם האָט זיך ארומגעקוקט און ניט פארשטאַנען, וואס די אשה רעדט. האָט מען איהר איבערגעפרעגט, און זי האָט אלץ איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע. אז ר׳ ישראל האָט געזעהן, אז דער עולם הויבט זיך אָן עפּעס אָנשטויסען וועגען איהם, האָט ער אויף איהר דערלאנגט א געשריי: „אויב דו וועסט נאָך אמאָל רעדען, זעץ איך א בית-דין און מען וועט מיר מתיר מאכען, און איך וועל דיך ארויסטרייבען פון דער אשה." די אשה איז אנט־שוויגען געוואָרען. אָבער די ארומיגע זיינען צוגעשטאַנען צו ר׳ ישראל׳ן, ער זאָל זיי זאָגען, וואס האָט ער גערעדט צו דער אשה. האָט ער זיי מדחה געווען. ער האָט אבער מורא געהאט, טאָמער וועלען זיי אליין פרעגען דער אשה, און זי וועט זיי אלעם דער־צעהלען, האָט ער געבעטען דעם רוח, ער זאָל מיט גוטען פאר־לאָזען דער אשה און ער וועט פאר איהם לערנען. דער רוח האָט געפאָלגט און די אשה איז געוואָרען געזונד. ביים ארויסגעהן פון דער אשה האָט ער אויך אויסגעזאָגט ר׳ ישראל׳ן ווער ער איז.

ר׳ ישראל איז שוין פון דאמאָלסט אָן אביסעל חשוב׳ער גע־וואָרען ביי ר׳ גרשונ׳ען. אבער ר׳ גרשון האָט אלץ ניט געוואוסט, וואָס ער איז, און אלע האָבען איהם געהאלטען פאר אן עם הארץ און א בור.

———:———

ווי דער בעל-שם טוב באקומט צוריק זיין גנבה.

אמאל האט מען ביים בעש"ט אין דעם דארף וואו ער האט געוואוינט גע'גנב'עט א פערד. האט איהם ר' גרשון געשטראפט און געזאגט, אז איבער זיינע שלעכטע מעשים שטראפט עס איהם גאט. האט זיך דער בעש"ט פלוצלונג אויסגערעדט. „מען וועט מיר דעם פערד אפברייינגען אהיים". האט ר' גרשון פון איהם אפגעלאכט און האט געזאגט: „דו קענסט ווארטען, ביז מען וועט דיר איהם ברייינגען אין הויז".

עס איז אריבער בערך פון א יאהר און דער פערד איז אלץ ניט געוועזען. ווען דער בעש"ט איז נאר געקומען אין דער צייט אין שטאט אריין, פלעגט ר' גרשון אלץ פון איהם לאכען און מיט שפאט פרעגען: „נו, ישראל, מען האט דיר שוין אפגעבראכט דעם פערד?"

פונקט צום יאהר איז געקומען א גוי און אנגעקלאפט ביים בעש"ט אין פענסטער און געבעטען פייער אויף צו פאררויכערען די ליולקע. איז דער בעש"ט ארויסגעגאנגען און דערקענט זיין פערד. דער גוי איז תיכף אוועק און דער פערד איז געבליבען ביים בעש"ט.

מעשות ווי דער בעל-שם טוב האט געקראגען אויף פסח.

דער בעש"ט האט ניט געהאט קיין מצה אויף פסח, האט ער איינגעשפאנט זיין פערד אין וואגען, אנגעשטעלט דעם חלף, און ארויסגעפאהרען אלס שוחט איבער די דערפער. ער האט געקוילעט בהמות און צוריק געבראכט אין וואגען מעהל אויף פסח. ער האט נאך ניט געהאט באוויזען אראפנעמען די מעהל

פון וואָגען, ווי עס איז אויסגעבראכען פלוצלונג א גרויסער רעגען. די מעהל האָט זיך דורכגענעצט און איז חמצ'דיג גע־וואָרען. האָט דער בעש"ט צוריק גענומען דעם חלף און אוועק־געפאָהרען אין אן אנדער זייט דערפער און ווידער געפיהרט צו־ריק א וואָגען מעהל.

פאָהרענדיג אזוי איז ער געקומען אונטער א גרויסען בארג און דער פערד האָט בשום אופן ניט געקענט ארויפשלעפען דעם וואָגען מעהל אויפ'ן בארג. האָט דער בעש"ט אליין געהאָלפען דעם פערד שלעפען, ביז זיי זיינען געקומען צום שפיץ בארג, אָבער דאָרט איז דער פערד גאָר אוועקגע'פגר'ט. האָט דער בעל־שם טוב אליין געשלעפט דעם וואָגען מיט די מעהל, ווייל אוועק־געהן זוכען אן אנדער פערד האָט ער ניט געקענט, כדי די פסח'דיגע מעהל זאל ניט בלייבען אָהן א שמירה.

וויפיל ער האָט געקענט האָט ער געשלעפט, אבער אז די כחות האָבען איהם פארלאָזען, איז ער געבליבען שטעהן ביים וואָגען און אָנגעהויבען וויינען פאר השי"ת. וויינענדיג איז ער אזוי איינגעשלאָפען און אליהו הנביא איז צו איהם געקומען בחלום און האָט איהם געזאָגט: „מען האָט געזעהן דיינע טרעה־רען. מען וועט דיר שיקען איינעם, ער וועט דיר ברייגנען דיינע מעהל אהיים און דו וועסט שוין מעהר ניט זיין קיין עני".

דער בעש"ט האָט זיך אויפגעכאפט, ערשט ער זעהט, א גוי פאָהרט גלייך צו איהם און זאָגט איהם: „בינד אָן דיין וואָגען צו מיינעם און איך וועל דיך פיהרען אהיים." האָט דער בעש"ט געגעבען א זעקסער דעם גוי און ער האָט פאר איהם אויך אָפ־געשונדען די פעל פון גע'פגר'טען פערד, און ער האָט עס גע־נומען מיט זיך אין וואָגען.

אין דער היים האָט דער בעש"ט פארקויפט די פעל פאָר פיער גילדען, אויך אין דער צייט האָבען גוים צו דעם בעש"ט'ס ווייב געבראכט צו פארקויפען א מאַרדער, האָט זי געפרעגט

דעם בעש"ט, צי זי מעג עס קויפען. האָט דער בעש"ט געזאָגט, אז מען מעג, ווייל מארדערס זיינען הפקר, און מען מעג זיי הרג'נען. האָט זי עס אויך פארקויפט פאר פיער גילדען און גוט פארדיענט. פאר די געלט האָט דער בעש"ט געקויפט פאר זיך א זשיפּיצע און דער ווייב — א קלייד אויף יום טוב.

אז דער מוכס, ביי וועמען דער בעש"ט האָט געהאלטען דעם שענק אין ארענדע, האָט געזעהן, אז דער בעש"ט מיט דער ווייב האָבען זיך באקליידט אויף יום טוב, האָט ער געטראכט, בודאי מוז ער טרייבען בראנדוויין, און ער האָט פון דעם גרוים הכנסה. ער האָט איהם פארקלאָגט פאר זיין שוואָגער ר' גרשון.

דער מוכס האָט צו ר' גרשונ'ען אזוי געזאָגט: „באשר איך בין אייך מכבד בין איך מתרה פריהער, אבער איהר זאָלט ווי־סען, אויב ער וועט זיך ניט מודה זיין, וועל איך איהם לאָזען שמייסען ביים פריץ אין הויף."

האָט ר' גרשון געלאָזט שיקען רופען דעם בעש"ט און איהם איבערגעגעבען דעם מוכס'עס רייד. האָט דער בעש"ט געזאָגט, אז ס'איז ליגען, ער האנדעלט ניט מיט קיין בראנדוויין. „טאָ פון וואנען האָסטו געהאט אויף זיך צו באקליידען?" פרעגט איהם ר' גרשון. „גאָט האָט מיר געגעבען" ענטפערט דער בעש"ט. זאָגט ר' גרשון: „פארוואָס גיט מיר גאָט ניט?" ענט־פערט איהם דער בעש"ט, „מיר וויל ער געבען און דיר ניט". זאָגט ר' גרשון „נו, וועסטו זעהן, אז דער מוכסין וועט דיך לאָ־זען שמייסען". זאָגט ער „איך האָב פאר איהם קיין מורא ניט."

אין א טאָג ארום איז דער מוכסין געגעגאנגען אין הויף פאר'מסר'ן דעם בעש"ט איז איהם אויפ'ן וועג ניט גוט גע־וואָרען, ער האָט גע'חלש'ט און געשטאָרבען.

———:———

מעשות צווישען בעל-שם טוב און דעם קלייבערער רב.

דער קלייבערער רב, ר' דוד, איז ארומגעפאָהרען איבער די דערפער נאָך חנוכה-געלט און האָט פארבלאָנדזשעט אין דעם דאָרף, וואו דער בעש"ט איז געזעסען.

ער איז אריין צום בעש"ט אין דירה און געפרעגט דעם בעש"ט'ס ווייב, וואו איז איהר מאן. האָט זי געזאָגט: „מיין מאן איז ביים ארענדאר, ער העלפט דאָרט אָנטרינקען בהמות." באמת איז גאָר דער בעש"ט דאמאָלט געזעסען אין זיין התבודדות שטיבעל און געלערנט.

האָט ר' דוד ווייטער געפרעגט: „קען איך דאָ עפּעס האָבען צום עסען?" האָט זי געזאָגט: „עס איז דאָ אן עוף וואס מיין מאן האָט געקוילעט; זעהט איבער דעם חלף און אויב ס'וועט אייך געפעלען, וועל איך אייך קאָכען."

האָט ר' דוד איבערגעקוקט דעם חלף און ס'איז איהם געווען געפעלען. דערוויל איז דעם בעש"ט'ס ווייב שטילערהייט ארויס-געגאנגען און אָנגעזאָגט דעם בעש"ט פון דעם אורח. דער בעש"ט איז גלייך געקומען אהיים און האָט זיך געמאכט, ווי ער וואָלט קומען פון מוכסין. דערנאָך האָט דער בעש"ט אליין משמש געווען ר' דוד'ן, און אליין דוקא געבעט פאר איהם די בעט. ער האָט איהם אויך געבראכט צום בעט וואסער און א כלי צו וואשען די הענט.

שפּעטער איז דער בעש"ט אוועק שלאָפען אין זיין חדר'ל הינטער'ן אויוון. אינמיטען נאכט האָט זיך ר' דוד אויפגעכאפּט און האָט דערזעהן הינטער'ן אויוון א גרויס ליכטיגקייט, האָט ער געמאכט קולות, אז עס ברענט. האָט איהם דעם בעש"ט'ס ווייב געענטפערט: „געהט, זייט מוחל, נעהמט וואסער און פאר-

לעשט אליין דעם פייער, ווייל ביז וואנען איך וועל אָנטאָן דעם שלייער און דאס קלייד קען זיך נאָך פארנאַנדערפלאקערען."

ווי ר' דוד איז צוגעלאָפען הינטער'ן אויוועז, ערשט ער זעהט דער בעש"ט זיצט דאָרט, און נעבען איהם ברענט א ליכט. איז ער זעהר דערשראָקען געוואָרען און געבליבען אין חלשות. האָט דער בעש"ט געמוזט מבלבל זיין זיינע דבקות און איהם אָפּמינ־טערען.

אינדערפריה האָט ר' דוד געפרעגט דעם בעש"ט: „איך האָב געזעהן איבער דיין קאָפּ א גרויסע ליכטיגקייט, וואס באדייט דאָס?" האָט דער בעש"ט איהם געענטפערט: „אפשר דאָס וואס איך האָב געזאָגט תהלים מיט א כונה, און איך האָב זיך מדבק געווען אין השי"ת."

האָט ר' דוד אויף איהם גוזר געווען און ער האָט זיך מגלה געווען פאר איהם. נאָר ער האָט מיט איהם מתנה געווען, אז ס'זאָל בלייבען א סוד ווי פריהער און זאל עס ניט דערצעהלען צו קיינעם.

פון דאמאָלסט אָן פלעגט ר' דוד אָפט פאהרען צום בעש"ט הערען פון איהם תורה, און אז ער פלעגט דערנאָך איבערזאָגען די תורה, פלעגט ער זאָגען: „איך האָב עס געהערט פון אן עני ואביון, און ניט דערמאנען פון וועמען, אויך אז ר' דוד פלעגט הערען, ווי ר' גרשון שטראפט דעם בעש"ט, פלעגט ער זאָגען צו ר' גרשונ'ען אין געלעכטער, „לאָזט איהם צורוה; איך רעכען, ער איז נאָך מעהר חכם פון אייך."

מעהר האָט ער ניט געזאָגט, ווייל ער האָט געהיט דעם סוד, ווי דער בעש"ט האָט מיט איהם אויסגערעדט.

———:———

ווי דער בעש"ט הויבט אָן נתגלה צו ווערן.

איינער פון ר׳ גרשונ׳ס תלמידים איז געפאָהרען צו ר׳ גרשונ׳ען. אויפ׳ן וועג איז ער פארפאָהרען צו ר׳ ישראל׳ן, האָט מען איהם צוגענומען מיט גרויס כבוד. דאס איז געווען יום ג׳, אז זיי האָבען אָפּגעגעסען, רופט זיך אָפּ דער אורח: „גרייט מיר אָן די פערד, איך וויל תיכף אוועקפאָהרען".

ר׳ ישראל איז געגאנגען און איהם אליין איינגעשפּאנט די פערד. ביים זעגענען זיך, זאָגט ר׳ ישראל צום אורח, ר׳ גרשונ׳ס תלמיד: „וואָס וואָלט געווען, אז איהר זאָלט ביי אונז שבת האלטען?" האָט דער תלמיד זיך פארנאַנדערגעלאכט און גע־זאָגט: „עס איז דאָך ערשט דינסטאג, קען איך דאָך זיכער קומען אויף שבת אין בראָד".

דער תלמיד איז אוועקגעפאָהרען. ער איז ערשט אָפּגעפאָה־רען א האלבען מייל, ווי עס האָט זיך ביי איהם צובראָכען אן אַקס; האָט ער זיך אומגעקעהרט און גענעכטיגט. יום ד׳ איז ער ווייטער ארויסגעפאָהרען און ווידער האָט זיך געטראָפען א סיבה, און אזוי איז אויך געווען ביום ה׳ וגם ביום ו׳ ביז ער האָט גע־מוזט בלייבען שבת ביי ר׳ ישראל׳ן. דער תלמיד האָט זיך זעהר מצער געווען, וואס ער דארף האלטען שבת ביי אזא גראָבען ארענדאר, א פּראָסטאק.

דערווייל זעהט ער, ווי די ווייב פון ר׳ ישראל מאכט צוועלף חלות אויף שבת. האָט ער זיך זעהר געוואונדערט און געפרעגט דער ווייב, „וואָס טויגען איהר צוועלף חלות?" האָט זי איהם געענטפערט, „אַז כאָטש מיין מאן איז אן עם הארץ, איז ער פאָרט אן אדם כשר. איך האָב געזעהן ביי מיין ברודער מאכט מען צוועלף חלות, מאך איך אויך י"ב חלות". פרעגט ווייטער דער אורח, אויב עס איז פאראן א מקוה, זאָגט די ווייב, אז יע. זיי

האָבען א מקוה אויך. איהר מאַן, כאָטש אן עם הארץ, געהט אלע טאָג טבילה. דער אורח האָט זיך פון דעם אלעם שטארק געוואונדערט.

אז עס איז געקומען פרייטאג בין השמשות, צו קבלת שבת, פרעגט דער אורח דער ווייב, אוואו איז עס ר' ישראל? זאָגט זי: „ער איז נאָך אין פעלד ביי די בהמות".

האָט דער אורח אָפּגעדאַווענט מנחה, מקבל שבת געווען, און האָט אויך מעריב אָפּגעדאַווענט און ר' ישראל איז נאָך אלץ נים געווען. דערנאָך מיט פינסטערע נאכט איז ר' ישראל געקו־מען אָנגעטאָן אין א גראָבע קלייד, און געזאָגט „גוט שבת" מיט א גראבען קול. אז ער האָט דערזעהן דעם אורח, זאָגט ער: „איך האָב אייך געזאָגט, אז איהר וועט דאָ זיין שבת". ביים טיש האָט ר' ישראל מכבד געווען דעם אורח מיט קידוש און זיי האָ־בען זיך געזעצט עסען, ווי אמת'ע דאָרפס־לייט.

ר' ישראל מיט דער ווייב זיינען געווען זעהר פרעהליך און לוסטיג, נאָר דער אורח איז געווען שרוי בצער, וואס ער איז דאָרט געבליבען שבת. זאָגט ר' ישראל צום אורח: „זאָגט אביסעל תורה".

די סדרה איז דאן געווען שמות, דער אורח האָט גענומען זאָגען תורה, און האָט פאר ר' ישראל'ן גאר דערצעהלט די מעשה פון יציאת מצרים. ר' ישראל האָט זיך צוגעהערט צו די תורה, ווי מען וואָלט איהם דערצעהלען גרויסע חדושים.

שפעטער זיינען אלע געגאנגען שלאָפען. דעם אורח האָט מען אויסגעבעט אויבען־אָן, און ר' ישראל איז געגאנגען שלאָפען אויפ'ן אויווען. ארום האלבע נאכט האָט זיך דער אורח אויפ־געכאפּט, ער האָט א בליק געגעבען צום אויווען, און א גרויסע ליכטיגקייט האָט איהם א שלאָג געטאָן אין די אויגען. האָט דער אורח געמיינט, אז שפּענער און האָלץ ברענען אויפ'ן אויווען, איז ער אויפגעשטאַנען און צוגעגאנגען נעהנטער צום אויווען.

ער איז אָבער באלד אָפּגעשפּרונגען צוריק און געפאלען אין חלשות. ר׳ ישראל איז געזעסען און געלערנט און אויף זיין קאָפּ איז געווען די ליכטיגקייט. האָט איהם ר׳ ישראל דערמינטערט און איהם געזאָגט, אז ווייטער זאָל ער ניט קוקען, אוואו מען דאַרף ניט.

אין דער פריה איז ר׳ ישראל נעלם געוואָרען אין זיין שטיבעל. דאָרט געדאווענט בהתבודדות און געקומען א היים א לוסטיגער, און האָט געזאָגט שוין בגלוי, מיט גרויס התלהבות דעם „אסדר לסעודתא" און האָט גערופען דעם אורח עסען. ביים טיש האָט ער ווייטער געבעטען דעם אורח, ער זאָל זאָגען תורה, אָבער דער אורח איז ממש מבולבל געוואָרען: וואס פאר א תורה דער אורח האָט נאָר געפּרואווט זאָגען, האָט איהם ר׳ ישראל ערקלעהרט אויף אנדערע דרכים וואס האָבען געעפענט זיינע אויגען.

שפּעטער האָט זיך ר׳ ישראל ווייטער מתבודד געווען אין זיין אוהל, און צו מנחה האָט ער זיך שוין אינגאנצען מגלה געווען. ער האָט געזאָגט פאר׳ן תלמיד אזעלכע גרויסע סודות התורה, וואס מען האָט עס נאָך קיינמאָל ניט געהערט.

נאָך מעריב, האָט ר׳ ישראל געמאכט הבדלה, און געזאָגט דעם אורח: „איך בין אויף דיר גוזר, אז דו זאָלסט ר׳ גרשונ׳ען גאָר ניט מגלה זיין, נאָר צו די חסידים און צום רב זאָלסטו געהן און זאָגען, עס איז דאָ ביי אייך אן אור גדול, איז עס מעהר ווי רעכט, איהר זאָלט איהם ברייננען אין שטאָט".

דער אורח איז אוועקגעפאָהרען און דאס אלעס איבערגעגעבען, ווי ר׳ ישראל האָט איהם געהייסען. אז די חסידים און דער רב האָבען דאס דערהערט, איז ביי זיי געבליבען, אז דאס מוז זיין דער ר׳ ישראל און זיי האָבען זיך דערמאנט אלע פּליאות, וואס ר׳ ישראל האָט אויפגעטאָן, וואס האָט גורם געווען, עס זאָל זיך זיי אָפּדוכטען, אז ער איז ניט קיין בר-דעה. איז געבליבען

ביי זיי אלע, זיי זאָלען פאַהרען צו איהם אין דאָרף און בעטען איהם, ער זאָל קומען אין שטאָט אריין. אָבער ר' ישראל האָט שוין געוואוסט, אז זיי פאהרען צו איהם, האָט ער זיך מקדים גע־ווען און איז אליין זיי געפאָהרען אנטקעגען צום שטאָט צו. זיי האָבען זיך באגעגענט אין א וואלד, זיי זיינען אלע אראָפּ פון די וועגען, און האָבען פון צווייגען צווישען די בוימער אויפגע־שטעלט א חופּה און האָבען איהם אויפגענומען פאר א רב און ער האָט פאר זיי געזאָגט דברי תורה. פון דאמאָלט האָט מען איהם גערופען ר' ישראל בעל שם טוב.

אלע פעולות און מופתים וואס דער בעש"ט האָט געטאָן איז אלץ געווען פון די כתבים, וואס זיינען צו איהם געקומען פון בעש"ט ר 'אדם זצ"ל. די כתבים האָט דער בעש"ט פארשלאָסען אין א שטיין אויף א בארג. ער האָט משביע געווען דעם שטיין, האָט ער זיך געעפענט, דערנאָך האָט זיך דער שטיין צוריק פאר־שלאָסען, און די כתבים זיינען געבליבען אינעווייניג.

הרב המובהק דק"ק פולנאי האָט אויף דער עלטער געזאָגט, אַז ער האָט ביכולת זיי צו נעהמען פון שטיין, וואָרים ער וויים, וואו זיי ליגען. נאָר וויל דער בעש"ט האָט זיי פארשלאָסען, וויל ער זיי ניט ריהרען. ער האָט אויך געזאָגט, אז די כתבים זיינען נתגלה געוואָרען אויף דער וועלט פינף מאָל, היינו, לאברהם אבינו, צו יהושע בן נון, צו ר' אדם בעש"ט, און צו ר' ישראל בעש"ט, און דעם פיפטען וויים ער ניט, ווער ער איז.

מעשיות ביים אָנפאנג פון נתגלה ווערען.

נאָך די ערשטע מעשים, ווען דער בעש"ט איז שוין אביסעל מפורסם געוואָרען, האָט איהם א מוכס געוואָלט נעמען פאר אַ מלמד צו זיינע קינדער. האָט אָבער דער מוכס געזאָגט, ער האָט ניט קיין אָרט צום לערנען. עס איז יע דאָ א חדר, אָבער דאָרט איז א מקום טמא, עס האלטען זיך דאָרט אויף בעלי-דברים (שדים). האָט איהם דער בעש"ט געענטפערט, אז ס'מאכט ניט אוים, ער וועט אליין שלאָפען דאָרטען. און אזוי איז געווען. דער בעש"ט האָט דאָרט קובע מקום געווען. ביינאַכט האָט ער גע-שלאָפען און בייטאָג געלערנט מיט די קינדער.

די בעלי דברים זיינען פון דעם חדר אנטלאָפען און זיך אי-בערגעקליבען אויפ'ן בוידעם. מען האָט געהערט כמה פעמים, ווי זיי שטופען דאָרט אויפ'ן בוידעם און עס האָט קיינעם ניט געשאדט. ווען זיי האָבען אמאָל שוין צופיעל זיך צושטיפט, האָט דער בעש"ט א געשריי געטאָן און זיי זיינען געבליבען שטיל.

ווי דער בעל-שם טוב ברייננגט רעגען.

אין דעם דאָרף, וואו דער בעש"ט האָט געקנעלט, איז א לאנגע צייט ניט געווען קיין רעגען. די תבואות אין פעלד זיי-נען געשטאַנען פארברענטע און עס איז ניט געווען מיט וואָס זיי אָפצופרישען. האָבען זיך די גוים פון דאָרף צוזאמענגעקליבען ארום די גלחים, און די גלחים האָבען ארומגערינגעלט דעם דאָרף מיט זייערע אָפגעטער. האָט דער בעש"ט אויך געהייסען, מען זאָל צונויפקלייבען אלע אידען פון ארומיגע סביבות צו איהם.

ווען אלע אידען זיינען זיך צונויפגעקומען, האָט דער בעש"ט גוזר תענית געווען און גענומען מיט'ן עולם מתפלל זיין. ער

אליין האָט געדאַווענט ביים עמוד און זעהר מאריך בתפלה גע־ווען. די גוים ארום זיינען צו דעם ניט געוועזן געוואוינט, אז די דאָרפישע אידען זאָלען דאַווענען בצבור און אזוי וויינען ביים דאַווענען, האָבען זיי ניט געוואוסט, וואָס עס איז, און זיך אלע אויפגעקליבען ארום די אידען און געפרעגט, וואס קומט דאָ ביי זיי פאָר? האָט מען זיי דערצעהלט, אז דער מלמד וועט ברייגנען רעגען. האָבען זיי אלע געלאכט און אָפּגעשפּאָט, „אז די גלחים קענען ניט ברייגנען קיין רעגען, וועט עס דער מלמד קענען?"

אָבער נאָך דעם זעלבען טאָג, אין אבענד צו, האָבען זיך די הימלען שטארק פארוואלקענט, און א שלאקס רעגען האָט פאר־גאָסען אלע פעלדער.

אַז דער בעש"ט האָט אָנגעהויבען צו ווערען מעהר מפורסם, האָט ער אוועקגעוואָרפען די מלמדות, און האָט צו זיך גענומען א סופר, וועלכער פלעגט פאר איהם שרייבען קמיעות. מען האָט אָנגעהויבען פאהרען צו איהם פון אלע סביבות און האָט גע־קראָגען דעם נאָמען „בעל שם טוב", אז ער טוט אויף גרויס וואונדער.

התגלות הבעל-שם טוב, ז"ל.

ווי דער בעל-שם טוב היילט קראנקע.

דער הייליגער בעש"ט איידער ער איז נתגלה געוואָרען, פלעגט ער זיך אויפהאלטען, ווי מיר האָבען דערצעהלט, אין וועלדער און אין מערות, וואו ער פלעגט זיך מתבודד זיין אין דינען השי"ת, און קיין מענש האָט איהם ניט געשטערט.

צווישען די שטעט קאסוב און קוטוב געפינען זיך גרויסע בערג, און צווישען צוויי אזעלכע הויכע בערג האָט דער בעש"ט געבויט א מערה און א מקוה ביים זייט. דער בעש"ט פלעגט זיך אלע טאָג פריהער טובל זיין אין דער מקוה און נאָכדעם זיצען אין דער מערה און לערנען.

שפּעטער, אז דער בעש"ט האָט געוואָלט נתגלה ווערען, כדי צו מדריך זיין אידען און זיי פיהרען בדרכי החסידות, האָט ער, נאָך זיצענדיג אין דער מערה, אָנגעהויבען ווייזען מופתים, און מאסען מענשען פלעגען דאָרט צו איהם פאָהרען, וואַרטען ביים טהיר פון דער מערה און ווען דער בעש"ט פלעגט ארויס-געהן, פלעגען זיי בעטען זיין ברכה.

אין דער שטאָט העליטש איז ביי א גרויסען גביר קראנק געוואָרען זיין בת יחידה: זי איז געוואָרען משוגע. מען האָט גערופען די גרעסטע פּראָפעסאָרען, אבער קיינער האָט ניט גע-קענט געבען קיין עצה. דער גביר איז ארומגעגאנגען אין גרויס צער. האָבען איהם פיעל מענשען געראטען, אז ער זאל פאָהרען צום בעש"ט און איהם בעטען, ער זאל העלפען זיין טאָכטער.

דער גביר איז געקומען צום בעש"ט און געווארט ביים טהיר פון דער מערה. ערשט פארנאכט דער בעש"ט געהט ארויס פון

מערה, אָנגעטאָן אין נייע בגדים מיט א פעקעל אין האנט, גרייט צום וועג. אז דער בעש"ט האָט דערזעהן דעם גביר, האָט ער געזאָגט: „דאָס ווארט איך דאָך אויף אייך, קומט, לאָמיר פאָהרען אין האליטש." דער בעש"ט האָט זיך געזעצט ביים גביר אויפ'ן וואָגען און זיי זיינען אוועקגעפאָהרען.

אויפ'ן וועג האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט פיסטען נעכטיגען. ערשט, ויהי בחצות הלילה, אין מיטען נאכט, איז עס געוואָרען א גרויס געוואלט אין שטאָט. אידען זיינען געגאנגען און געוועקט איינע די אנדערע, אז מען זאָל געהן גיך אין שוהל אריין, זאָגען תהלים און מתפלל זיין, בעטען רחמים ביי גאָט, ער זאָל זיך דערבארעמען און מבטל זיין פון זיי די בי-טערע גזרה.

דער בעש"ט איז אויך אויפגעשטאַנען און געפרעגט די מענ-שען, וואס איז דאָס די גזרה. האָט מען איהם דערצעהלט די מעשה, „עס איז א שלעכטע גזרה אויף דער שטאָט. ביים שר העיר איז געפעהרליך קראנק געוואָרען זיין טאָכטער און קיין דאָקטאר קען איהר ניט העלפען. האָבען די גלחים געגעבען דעם שר העיר אן עצה, ער זאָל באפעהלען אלע אידען זיי זאָלען מתפלל זיין פאר השי"ת, און אויב זיי וועלען ניט פועל'ן ביי גאָט, און די טאָכטער וועט שטארבען, זאָל ער וויסען, אז השי"ת האָט פיינט די אידען, און דער שר העיר זאָל זיי שלאָגען און ארויסטרייבען פון זיין שטאָט, דעריבער — האָבען זיי דער-צעהלט דעם בעש"ט — שטעהט עס אויף גאנץ שטאָט, זאָגען תהלים פאר דעם שר העיר'ס טאָכטער."

האָט דער בעש"ט געזאָגט צו די מענשען: „געהט צום שר און זאָגט איהם, אז ס'איז געקומען אין שטאָט א גרויסער חכם, א איד, וואס נעהמט זיך אונטער היילען זיין טאָכטער! דאָס האָבען איהם די אידען פון שטאָט געבראכט אומישנע, כדי צו ברייגנען פאר איהר א ישועה."

דער שר העיר האָט גלייך געשיקט רופען דעם בעש"ט. דער בעש"ט איז געקומען אין שר'ס פּאלאַץ און געהייסען, מען זאָל פריהער ארויסנעמען אלע אומריינע זאכען פון הויז, דערנאָך זאל מען איבערלעגען דער קראנקער אויף דעם לינקען זייט, און דאַ־מאָלט זאָלען אלע ארויסגעהן פון דעם חדר, אוואו זי ליגט. איין גלח, זייענדיג נייעגעריג צו וויסען, ווי וועט עס דער בעש"ט איהר אויסהיילען, האָט זיך באהאלטען אין צימער אונטער א בעט. אָבער ווי דער בעש"ט האָט נאָר איבערגעטראָטען דעם שוועל פון הויז, זאָגט ער: „דאָ ליגט נאָך איינער פארבאהאלטען, טרייבט איהם ארויס, ווייל איך קען גאָר ניט טאָן." האָט מען גוט געזוכט און געפונען דעם גלח אונטער'ן בעט. מען האָט איהם מיט גרויס חרפה ארויסגעטריבען פון חדר.

האָט דער בעש"ט גענומען א פּאטשיילקע, ארומגעבונדען די באָרד און פּאות, אז קיין איינציגע האָר האָט זיך ניט ארויס־געזעהן, האָט זיך איבערגעבויגען איבער דער קראנקער טאָכ־טער, און איהר עפּעס געזאָגט אין אויער. דערנאָך איז דער בעש"ט גלייך אוועקגעפאָהרען פון שטאָט. דעם שר'ס טאָכטער איז אינגיכען אינגאנצען אויסגעהיילט געוואָרען.

דורך דעם מופת איז שוין אויך דעם בעש"ט נאָמען מפורסם געוואָרען און אלע האָבען איהם געהאלטען פאר א איש קדוש ונורא.

אינדערפריה איז דער בעש"ט ווייטער געפאָהרען מיט'ן גביר קיין האליטש. ער האָט אבער געזאָגט דעם גביר, אז ער דארף ניט ערוואַרטען, אז זיין טאָכטער זאָל אויך ווערען גלייך געזונד. ביים שר איז געוועען אנדערש: דאָס איז געוועען אן עת צרה פאר אלע אידען, האָט מען געמוזט גלייך אויפטאָן. דאָך האָט ער איהם צוגעזאָגט, אז אין עטליכע וואָכען וועט ער איהר אויסהיילען.

אז ער איז געקומען אין העליטש, האָט מען איהם, לויט זיין בקשה, אויסגעצאמט אן אָרט אין בית־המדרש און ער האָט פארזאָגט אויך ברייננגען אלע טאָג די משוגענע אויף יענעם זייט צוים אין בית המדרש, זי זאָל דאָרט זיין א גאנצען טאָג, כדי זי זאָל הערען די דברי קדושה פון זיין מויל, און די משוגעת וועט ביסלעכווייז אָפּטרעטען.

אזוי האָט געדויערט בערך פיער וואָכען, און דעם גביר'ס טאָכטער איז אינגאנצען אויסגעהיילט געוואָרען, און איז געוואָרען געזונד און קלאָהר ווי יעדער מענש. דאדורך איז דער נאָמען פון בעש"ט נאָך מעהר נתגלה געוואָרען און די וועלט האָט זיך אָנגעהויבען צו איהם ציהען.

ווי אַ דאָקטאר זעהט די גרויסקייט פון בעש"ט.

דער בעש"ט פלעגט עוסק זיין ברפואות. מען פלעגט צו איהם פאָהרען פון די ארומיגע געגענדען, און ער פלעגט אלעמען העלפען. אין דער שטאָט אוסטרא איז געווען א גרויסער דאָקטאָר, וואס איז געווען מפורסם איבער מרחקים. אז דער דאָקטאר איז געוואָהר געוואָרען, דאָס דער בעש"ט היילט קראנקע, האָט עס איהם זעהר פארדראָסען, און ער האָט זיך באריהמט, אז ער וועט זעהן דעם בעש"ט, וועט ער איהם איבערגעבען אין גוי'שע הענט, אלס א שווינדלער, וואס הויבט ניט אָן ווייסען ווי מען היילט.

האָט זיך געטראָפען, אז הרב ר' אברהם פאָדילסקער מגיד משרים איז זעהר שלאף געוואָרען. האָט ער געשיקט נאָכ'ן בעש"ט. דער בעש"ט איז געקומען, באטראכט דעם חולה און איהם געהייסען טאָן פארשידענע רפואות.

די קינדער של הרב האָבען אבער מורא געהאט צו פאר-לאָזען זיך אויפ'ן בעש"ט, און זיי האָבען געשיקט קיין אוסטרא נאָכ'ן דאָקטאר.

ווען דער דאָקטאר איז געקומען, האָט ער געהייסען טאָן פארשידענע רפואות. אבער וואס נאָר ער האָט זיי געהייסען טאָן, האָבען די קינדער גלייך געזאָגט „דאָס האָבען מיר שוין געטאָן". „ווער האָט עס אייך געגעבען?" האָט זיי דער דאָק-טאָר געפרעגט. האָבען זיי איהם דערצעהלט, אז דער פאָטער האָט גערופען דעם בעש"ט. אין דער דאָקטאר איבער-ראשט געוואָרען, ווי אזוי דער בעש"ט האָט עס געקענט וויסען, ווייל פון די רפואות האָבען נאָר געוואוסט יחידי סגולה, גרויסע פראָפעסאָרען. פון דאמאָלט אָן האָט שוין דער דאָקטאר מכבד געווען דעם בעש"ט, און אז זיינע א טאָכ-טער איז אין א צייט ארום געווען געפעהרליך קראנק, איז ער אליין געפאָהרען צום בעש"ט, ער זאָל איהר העלפען. דער בעש"ט האָט זיך מיישב געווען מיט'ן דאָקטאר און זיי האָבען צוזאמען דערטראכט א זאך פון וואס זי איז נתרפא געוואָרען זעהר גיך.

ווי דער בעל-שם טוב היילט אויס אַ כלה, וועלכע האלט ביים שטארבען.

דער בעש"ט איז אמאָל געפאָהרען מיט זיינע לייט און ער האָט געהייסען פארקירעווען דעם פערד אויף אן אומבאקאנטע וועג. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואס עס באדייט, דאך האָבען זיי איהם ניט געפרעגט.

זיי זיינען אזוי געפאָהרען העכער א מעת לעת ביז זיי זיי-נען פארפאָהרען צו אן ארענדאר אין א קרעטשמע.

פרעגט זיי דער ארענדאר: „ווער זייט איהר, אידען?"

זאָגט דער בעש"ט: „איך בין א גרויסער דרשן און איך האָב געהערט, אז אין בערלין האָט א גרויסער עושר היינטיגען שבת חתונה, פאַהר איך דאָס אהין אויף שבת, פיליכט וועל איך קענען דאָרט מאכען עפּעס געלט."

זאָגט צו איהם דער ארענדאר: „וואָס רעדט איהר רבי מגיד? היינט איז דאָך שוין מיטוואָך, און פון דאנען קיין בערלין איז נאָך גאנצע פופציג מייל, טאָר ווי אזוי וועט איהר דאס גריי-כען אהין אויף שבת?"

ענטפערט דער בעש"ט: „איך האָב זעהר גוטע פערד און איך וועל דאָרט זיין אויף שבת."

האָט דער ארענדאר אָפּגעלאכט און געזאָגט, אז עס איז אוממעגליך אזעלכעס זאָל געשעהן. דערווייל האָט זיך דער ארענדאר דערמאנט, אז ער באדארף אויך פאָהרען עטליכע מייל אויף דעם זעלבען טראקט וואס געהט קיין בערלין, טראכט ער „איך וועל אויך פאָהרען מיט דעם בעל דרשן ביז יענער שטאָט וואָס איך דארף, וועל איך אהין אָנקומען אויף שבת, ווייל קיין בערלין וועט דער מגיד געוויס ניט גרייכען."

פרעגט ער דעם בעש"ט, אויב ער וועט איהם מיטנעמען קיין בערלין? האָט דער בעש"ט מסכים געווען.

אויף מאָרגען, דאָנערשטאג פריה, האָט דער בעש"ט גע-דאווענט, ווי זיין שטייגער, זעהר לאנג, דערנאָך האָט ער גע-הייסען קאָכען עסען. פרעגט איהם דער ארענדאר: „וואָס זאמט איהר זיך אזוי, איהר ווילט דאָך נאָך זיין אויף שבת אין בער-לין?" אָבער דער בעש"ט האָט זיך גאָר ניט געאיילט. ערשט פארנאָכט זיינען זיי ארויסגעפאָהרען און דער ארענדאר איז אויך מיט זיי מיטגעפאָהרען. א גאנצע נאכט זיינען זיי אזוי געפאָה-רען, אז עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, האָט דער ארענדאר זיך ארומגעקוקט און מיט וואונדער אויסגעשריען: „מיר זיינען דאָך

ניט ווייט פון בערלין." זיי זיינען געפאָהרען נאָך א שעה און זיי זיינען אריינגעפאָהרען אין בערלין.

דער בעש"ט איז פארפאָהרען אין א הויז ווייט פון דעם עושר'ס חתונה. דער ארענדאר האָט ארומגעבלאָנדזשעט אין בערלינער גאסען און ניט געוואוסט וואס צו טאָן. פלוצלונג האָט ער דערהערט פון א הויז שטארקע געשרייען און אן אויפגעלויף פון מענשען. דער ארענדאר איז אויך אריין אין הויז. ער זעהט די כלה פון דעם עושר ליגט אויף דער ערד ווי געשטאָרבען. די דאָקטוירים זיינען זיך מייאש, און דער חתן לויפט ארום הין און צוריק, ניט טויט ניט לעבעדיג, און ווייס ניט וואס צו טאָן.

דער ארענדאר איז צוגעגאנגען צום חתן און געזאָגט: „זאָרגט זיך ניט, איך בין היינטיגע נאכט ארויסגעפאָהרען מיט אָ מגיד פופציג מייל ווייט פון דאנען און מיר זיינען צום פריה-מאָרגען געקומען אהער. שיקט נאָך איהם, איך האָב געהערט, אַז ער קען אויך רפואות, פיליכט וועט ער אייך העלפען."

דער חתן איז גלייך אוועקגעלאָפען צום בעש"ט און מיט טרעהרען איהם געבעטען, ער זאל העלפען זיין כלה. דער בעש"ט איז מיט'ן חתן געגאנגען צו דער כלה אהיים. ער איז מיט איהם אריין אינעווייניג אין הויז.

ווי דער בעש"ט האָט נאָר א קוק געטאָן דער כלה אין פנים, האָט ער גלייך אויסגערופען: „שיקט גלייך נאָך „חברה-קדישא" און הייסט גראָבען א קבר. דאן טוט איהר איהר רעכט און איך וועל מיט אייך געהן אויפ'ן פעלד, וועלען מיר זעהן, וואס מיר האָבען צו טאָן."

מען האָט געטאָן ווי דער בעש"ט האָט געהייסען. מען האָט ארויסגעפיהרט די כלה און דער בעש"ט איז אויך געגאנגען צו דער לויה. דערביי האָט ער אויך געהייסען נעמען מיט זיך דער כלה'ס חופה-קליידער. ווי זיי זיינען געקומען אויפ'ן פעלד, האָט דער בעש"ט געהייסען מען זאָל איהר ארייגלעגען אין קבר אָבער

ניט פארשיטען. ער האָט אויך געהייסען צוויי שטארקע מענ־שען זיי זאָלען שטעהן איבערגעבויגען מיט'ן פּנים צום קבר און איהר קוקען אין די אויגען, און ווי נאָר זיי וועלען מערקען אַן אַנדער מינע אויף איהר פּנים, זאָלען זיי איהר תיכף ומיד אַרויס־כאפּען פון קבר. דער בעש"ט אליין האָט זיך אָנגעלעהנט אויף זיין שטעקען און אויך אריינגעקוקט אין קבר.

עס איז אזוי אריבער א האלבע שעה. מיט אמאָל האָבען די מענשען דערזעהן, ווי דער כלה'ס פּנים הויבט אָן צו ווערען אביסעל רויטלאך. האָט זיי דער בעש"ט דערלאנגט א וואונק, און זיי האָבען איהר גיך ארויסגעכאפּט פון קבר. דער בעש"ט האָט דאן געגעבען א געשריי: „געהט צו דער חופּה". די כלה האָט זיך ביסלעכווייז אויפגעהויבען און גאָר געשווינד געשטעלט זיך אויף די פיס. דערנאָך האָט מען זי געפיהרט צו דער חופּה און דעם בעש"ט האָט מען מכבד געווען מיט סדור קדושין. ווי די כלה האָט דערהערט דעם בעש"ט'ס קול, האָט זי אראָפּגענו־מען דעם דעקטוך און געזאָגט: „דאָס איז דער איד, וואס האָט מיך מציל געווען פון טויט." האָט דער בעש"ט אָנגעשריען אויף איהר זי זאָל שווייגען. נאָך דער חופּה האָט די כלה דערצעהלט די גאַנצע מעשה: „איהר חתן'ס, דעם עושר'ס ערשטע ווייב, איז געווען איהרע א מומע, און זי, די כלה, האָט זיך אויפגע־האָדעוועט ביי איהר אין שטוב. ווען זי האָט געהאלטען ביים שטארבען, האָט זי פארשטאַנען, אז איהר מאן וועט אודאי וועלען נעמען די בתולה, האָט זי זיך זעהר מקנא געווען אָן איהר, און האָט גענומען ביי איהר מאן א תקיעת כף, אז ער וועט איהר, דער כלה, ניט נעמען. זי אליין האָט אויך געגעבען דער מומען א תקיעת כף, אז זי וועט ניט חתונה האָבען מיט דעם עושר. אז די מומע איז געשטארבען, האָבען זיי ביידע עובר גע־ווען אויף זייערע תקיעת כפּ'ן און האָבען דאָס געוואָלט חתונה האָבען, האָט די געשטארבענע ווייב געוואָלט דערפאר

הרג׳ענען דער כלה. ווען מען האָט איהר, דער כלה, אריינגעלעגט אין קבר, איז דאָס געווען אַ דין־תורה פאר דעם בעש"ט, האָט דער בעש"ט אויסגעהערט די מעשה און האָט געפּסק׳ט, אז די לעבעדיגע זיינען גערעכט: זיי האָבען איהר געמוזט געבען דעם תקיעת־כף זי זאָל ניט האָבען קיין צער פאר׳ן טויט. און תיכף ווי ער האָט געפּסק׳נט, האָט ער דאָס געהייסען ארויסכאַפּען איהר פון קבר, פון רשות פון די מזיקים. אז מען האָט אָנגעהויבען מסדר קדושין זיין, האָט זי דערקענט זיין קול און אראָפּגענומען דעם דעקטוך איהם אָנקוקען, דעם מענשען, וואָס האָט איהר גערעטעוועט."

דעם שבת האָט שוין דער בעש"ט געהאלטען מיט גרויס כבוד און אויף מאָרגען זונטאג, ווען ער איז ארויסגעפאָהרען, איז די גאנצע שטאָט ארויסגעגאנגען איהם באגלייטען מיט גרויס יראת הכבוד, און אלע האָבען גערעדט פון בעש"ט׳ס גרויסע פּעולות ונפלאות.

———:———

ווי דער בעל־שם טוב האלט מלחמה און איז מנצח מכשפים.

פאָהרענדיג צוריק, איז דער בעש"ט דינסטאג פארנאכט אָנגעקומען אין א קרעטשמע. ער געהט אריין אינעווייניג, ער זעהט, עס ברענען א סך ליכט און דער בעל־הבית געהט ארום זעהר אומעטיג און צוטראָגען. פרעגט איהם דער בעש"ט: „קען איך ביי אייך נעכטיגען?" דער בעל־הבית האָט דעם בעש"ט ניט געקענט, ענטפערט ער איהם: „ניין, איך קען אויף היינטיגע נאכט ניט נעמען קיין אורח". דער בעש"ט האָט איהם אָבער געבעטען, ער זאָל איהם דערצעהלען, וואס איז ער אזוי

טרויעריג. האָט איהם דער קרעטשמער דערצעהלט: „היינטיגע נאכט איז א וואכט-נאכט. מאָרגען פריה דארף ער מכנים זיין זיינעם א זוהן, בבריתו של אברהם אבינו, אָבער שוין ביי פיער קינדער טרעפט עס איהם, אז פונקט אין דער נאכט פאר'ן ברית שטארבט אוועק דאָס קינד. ער זעהט קיינמאָל ניט פריהער עפּעס א שוואכקייט און קען קיינמאָל ניט דערקלעהרען די סיבה, פון וואנען דאָס נעמט זיך. ער איז דעריבער אין גרוים שרעק און צער דאס קינד זאל חס-ושלום אויך ניט שטארבען היינטיגע נאכט."

האָט איהם דער בעש"ט געזאָגט: „איך וועל שטעהן ביי אייך און האָט קיין מורא ניט, עס וועט גאָר ניט זיין. איהר קענט זיך גרייטען צום ברית."

דער בעש"ט האָט אָנגעזאָגט זיינע לייט, זיי זאָלען לערנען א גאנצע נאכט און למעה"ש ניט איינשלאָפען. ער האָט אויך געהייסען צוויי מענשען זיי זאָלען שטעהן און האלטען אַן אָפּען נעם זאק לעבען קינד'ס וויגעלע און תיכף, ווי עס וועט עפּעס ארייןפאלען אין זאק, זאָלען זיי דעם זאק פארבינדען און איהם גלייך אויפוועקען. אלע האָבען מקיים געווען, ווי דער בעש"ט האָט פארזאָגט.

אז עס איז געקומען האלבע נאכט, האָבען זיך אָנגעהויבען פלוצלונג אויסצולעשען די ליכט, דעם בעש"ט'ס לייט האָבען זיך אָבער געשטארקט און אלץ געלערנט. פלוצלונג האָט זיך באַוויזען א גרויסע קאַץ, וועלכע איז דורכגעלאָפען פארביי און איז גלייך ארייןגעפאלען אין זאק אריין. האָבען די צוויי מענשען גיך פארבונדען דעם זאק און אויפגעוועקט דעם בעש"ט. דער בעש"ט האָט געהייסען מען זאָל דעם זאק איבערבינדען נאָך אמאָל און מיט צוויי שטעקענס שטארק שלאָגען איבער דעם זאַק. אז מען האָט דער קאַץ גוט אָנגעשלאָגען, האָט דער בעש"ט

געהייסען אָפּבינדען דעם זאק און ארויסוואַרפען דער קאץ אויפ'ן גאַס.

די נאכט איז אריבער, דער קינד איז געווען געזונד און מען האָט אויף מאָרגען פריה געפּראוועט דעם ברית, און דער בעש"ט איז געווען סנדק און מען האָט זעהר פרעהליך פאַר־בראַכט.

נאָכ'ן ברית האָט מען צוגעגרייט א סעודת מצוה. אָבער פאר דער סעודה האָט דער בעל־ברית גענומען רשות פון בעש"ט צו לויפען פריהער צום פריץ פון דאָרף, איהם אָוועקטראָגען א לעקאָך פון ברית, ווייל דער פריץ איז זעהר א שלעכטער און דער בעל־הבית האָט פאר איהם מורא. האָט דער בעש"ט צו איהם געזאָגט: „לך לשלום."

אז דער בעל־הבית איז געקומען אין הויף צום פריץ, זאָגען איהם די קנעכט, אז דער פריץ ליגט צושלאָגען און איז זעהר שוואַך. האָט דער איד געבעטען, מען זאָל דעם פריץ כאָטש מעלדען, אז ער האָט איהם געבראַכט לעקאָך. אז מען האָט דעם פריץ דאָס געמאָלדען, האָט ער געהייסען גלייך אריינרופען דעם איד. אז דער איד איז אריין, האָט ער איהם שעהן אויפ־גענומען און איהם געפרעגט, ווער איז ביי איהם דאָ פון פרעמדע מענשען? האָט דער בעל־ברית איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה: „עס איז צו איהם געקומען א איד פון פוילען, זעהר א פיינער מענש, און ער האָט מציל געווען זיין קינד פון טויט" און ער האָט איבערגעגעבען, אלץ וואס עס האָט געטראָפען. זאָגט צו איהם דער פריץ: „געה גיך אהיים, און בעט דעם אורח ער זאָל קומען צו מיר." איז דער בעל־ברית א צושראָקענער גע־קומען אהיים און דערצעהלט דעם בעש"ט די מעשה, אז דער פריץ ליגט א פאַרוואונדעטער און וויל איהם זעהן. זאָגט איהם דער בעש"ט: „וואס שרעקסט זיך אזוי?" לאָמיר אָפּעסען די סעודת מצוה וועל איך צוגעהן."

ביי דער סעודה האָט דער בעש"ט אלעמען קלאָר געמאכט, וואָס עס האָט זיך געטראָפען ביינאכט. דער בעש"ט האָט דער־צעהלט אזא מעשה: „דער פריץ איז א גרויסער רשע און אויך אַ גרויסער מכשף. א נאכט פאר'ן ברית פלעגט ער זיך מיט כשוף זיך פארשטעלען פאר א קאץ און ער פלעגט עס הרג'נען די קינדער. דאָס מאָל האָט ער איהם געכאפט אין זאק און אָנגע־בראָכען די ביינער. דעריבער ליגט ער עס קראנק."

נאָך דער סעודה איז דער בעש"ט אוועק צום פריץ. אז דער בעש"ט איז דאָרט געקומען, זאָגט צו איהם דער פריץ: „דו האָסט מיך געכאפט פלוצלונג, איך האָב מיך נישט געריכט, קום אָבער ארויס מיט מיר אין א שטרייט". זאָגט דער בעש"ט: „ווען דו ווילסט איך זאל מיט דיר שטרייטען, באשטעה איך. איך וועל צונויפקלייבען מיינע תלמידים, דו קלויב צונויף דיינע חברים און אין א חודש ארום וועל איך מיט דיר שטרייטען אויפ'ן פלאץ, וועסטו וויסען, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט."

אין א חודש ארום איז דער בעש"ט געקומען מיט זיינע תלמידים און דער מכשף, להבדיל, האָט אויך צונויפגעקליבען נאָך מכשפים און זיי זיינען ארויסגעגאנגען אויפ'ן פרייען פלאץ.

דער בעש"ט האָט געמאכט צוויי קרייזען, ארום זיך און ארום זיינע תלמידים, און ער האָט די תלמידים אָנגעזאָגט, אז זיי זאָלען איהם קוקען אין פנים אריין. ווי נאָר זיי וועלען זעהן אין איהם אן אנדער מינע, זאָלען זיי מהרהר בתשובה זיין.

דער מכשף האָט אויך געמאכט א קרייז ארום זיך און ארום זיינע מכשפים און זיך געשטעלט ווייט אָפגערוקט פון בעש"ט. האָט דער מכשף אָנגעהויבען אָנשיקען אויפ'ן בעש"ט אלערליי מינים חיות רעות. די חיות זיינען געלאָפען מיט אימפעט און קוראזש, אבער ווי נאָר זיי האָבען דערגרייכט דעם ערשטען קרייז, איז פון זיי מיטאמאָל גאָרניט געבליבען.

א גאנצען טאָג האָט דער מכשף אזוי געשיקט די חיות יעדער מאָל אן אנדער מין, אָבער קיין חיה האָט ניט געקענט אריבער־געהן דעם ערשטען קרייז און עס פלעגט פון איהר גאָר ניט ווערען. צולעצט האָט ער געשיקט ווילדע חזירים, פון זייערע מיילער האָט זיך געוואָרפען פייער און זיי זיינען אריבער דעם ערשטען קרייז. די תלמידים האָבען גלייך געזעהן אויף דעם בעש"ט'ס פנים אן אנדער מינע און האָבען מתפלל געווען צו הקדוש ב"ה, ווי די חזירים האָבען דערגרייכט דעם צווייטען קרייז, איז פון זיי גאָרנישט געבליבען.

דריי מאָל האָט דער מכשף אזוי געטאָן און אלע דריי מאָל איז פון די חזירים גאָר ניט געוואָרען.

זאָגט דער מכשף צום בעש"ט: „איך גיב זיך אונטער. איך האָב שוין מעהר קיין קראפט ניט געגען דיר צו שטרייטען. איצט זעגען איך זיך מיט דער וועלט; איך וויים געווים, אז דו וועסט מיך אומברייגגען."

האָט איהם דער בעש"ט געענטפערט: „ווען איך זאָל דיך וועלען אומברייגגען, וואלט איך שוין לאנג געמאכט פון דיר אַש, נאָר איך האָב דיר געוואָלט ווייזען, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, וואס קען בעסער טאָן אָהן כשוף. הויב אויף די אויגען און גיב א קוק אויפ'ן הימעל."

דער פריץ האָט אויפגעהויבען די אויגען און א קוק געטאָן. אין דעם אויגענבליק זיינען געקומען צוויי פויגלען און אויסגע־שטאָכען דעם מכשף ביידע אויגען און ער איז געוואָרען בלינד ביז זיין טויט.

———:———

דער בעל שם טוב ענטפלעקט אַ גרויסען סוד.

אין מעזבוז, וואו דער הייליגער בעש"ט האָט געוואוינט, איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם, וועלכער פלעגט זיצען יום ולילה און לערנען. ער איז געווען זעהר אָרים, און פלעגט זיך באנוגענען מיט דעם, וואס מענשען פלעגען זיך מרחם זיין אויף איהם און איהם ברייגנען עסען. זיין ווייב איז אויך געווען אַ גרויסע צדקת, און זי פלעגט איהם ניט מאָהנען קיין פרנסה, כדי איהם ניט מבטל זיין פון לערנען.

ווען די קינדער זיינען אבער אונטערגעוואקסען, איז די ווייב געקומען צו איהם און געזאָגט: „אמת, מיין ליעבער מאן, מיר לעבען אין גרוים בטחון, אז זיין הייליגער נאָמען וועט אונז העלפען, אבער מיר טאָרען ווייטער אזוי ניט לאָזען. די קינדער ווערען עלטער און עס איז ניט קיין דרך ארץ צו לאָזען געהן דערוואקסענע טעכטער אזוי אָפּגעריסען אין שמאטעס".

פרעגט איהר דער תלמיד־חכם: „וואָס זאָל איך טאָן דערצו? זאָל איך אוועקוואַרפען דעם לערנען?" האָט די ווייב איהם געענטפערט: „פאָלג מיך, מיין מאן, אין אונזער שטאָט איז דאַ דער הייליגער בעש"ט. פיעל מענשען זיינען דורך איהם גע־האָלפען געוואָרען. זעהסט דאָך, מען מאַכט הוצאות און מען פאָהרט צו איהם פון דער גאנצער וועלט, לעג אוועק דיינע התנגדות, און געה אויך אריבער צו איהם, אפשר וועט ער עפּעס אונז העלפען."

דער תלמיד חכם, כאָטש ער איז באמת געווען א מתנגד לבעש"ט, האָט זיך געלאָזען אָנריידען פון דער ווייב, און אוועק־געגאנגען צום בעש"ט און איהם דערצעהלט פון זיין טרויעריגע לאגע.

דער בעש"ט האָט אויסגעהערט זיין בקשה און האָט צו איהם געזאָגט: „פאָהר קיין קאזמיר, דאָרטען זאָלסטו פרעגען אויף א בעל-מלאכה און דורך איהם וועסטו געהאָלפען ווערען." דער בעש"ט האָט איהם געזאָגט דעם נאָמען און דעם פאָטער'ס נאָמען פון דעם בעל-מלאכה, און נאָך פיעל אנדערע סמנים, ווי אזוי ער זאָל זיך קענען נאָכפרעגען אויף דעם מענשען.

דער תלמיד-חכם האָט אויף זיך מקבל געווען צו פאָלגען דעם בעש"ט. אזוי ווי קיין געלט אויף הוצאות האָט ער ניט גע-האט, איז ער געגאנגען צו-פוס פון שטאָט צו שטאָט, ביז ער איז געקומען אין דער שטאָט אריין, וואו דער בעש"ט האָט איהם געהייסען. דער שטייגער פון אן אָרימאן איז דאָך, אז ער קומט אין אַן אָרט, געהט ער גלייך אין בית המדרש אריין זיך אָפ-רוהען. ווען דער תלמיד-חכם איז געקומען אין בית-המדרש, זיי-נען דאָרט געווען פיעל מענשען. ער האָט תיכף זיך גענומען נאָכפרעגען אויף דעם בעל-מלאכה, געזאָגט זיין נאָמען און זיין פאָטערס נאָמען, ווי אויך די סמנים, וואס דער בעש"ט האָט איהם געגעבען. אבער קיינער האָט ניט געוואוסט פון אַזאַ בעל-מלאכה. פארקעהרט נאָך, אלע האָבען איהם געזאָגט, אז אַזאַ מענש איז אין שטאָט געווים ניטאָ.

דער תלמיד-חכם האָט געזיפצט אויף זיינע גרויסע צרות, די מאטערניש און ליידען, וואס ער האָט געהאט אויף דעם לאנ-גען וועג, איידער ער האָט זיך דערשלעפט אין דער שטאָט, און איצט איז גאָר דאָרט אזא מענש ניטאָ.

אין שטאָט זיינען אבער אויך געווען זקנים, האָבען די שטאָט-לייט איהם געראטהען ער זאָל פרעגען ביי זיי, אפשר איז דאָ אמאָל געווען אזא בעל-מלאכה? אז די זקנים האָבען געהערט דעם נאָמען מיט די סמנים, האָבען זיי געזאָגט: „ליע-בער פריינד, וואס פרעגט איהר זיך נאָך אויף איהם? דער רשע איז שוין זעכציג יאהר, אז ער איז געשטאָרבען. ער איז געווען אַ

רשע, א מסור, און ער האָט ניט דורכגעלאָזען איין עבירה, וואָס ער האָט ניט עובר געווען. די גאנצע שטאָט האָט זיך געפרעהט, וואָס ער איז געשטארבען. וואָס טויג אייך דערמאנען זיין נאָמען?"

דער תלמיד חכם איז אוועק פון דער שטאָט מיט נאָך א גרעסערען שברון הלב, און ער האָט ניט געקענט פארשטעהן דעם בעש"ט'ס כונה, וואָס האָט ער געמיינט מיט דעם, וואס ער האָט איהם אומזיסט געהייסען געהן.

אן אָפּגעשוואכטער פון ענויי-הדרך, איז ער צוריק געקומען אין מעזבוז, און איז גלייך אוועק צום בעש"ט. ער האָט דערצעהלט דעם בעש"ט, וואס די זקנים האָבען איהם געזאָגט, אז יענער איז שוין זעכציג יאהר טויט און איז גאָר געווען א רשע, א מסור און האָט זיך מתרעם געווען, וואס דער בעש"ט האָט איהם אהין געשיקט. האָט איהם דער בעש"ט געענטפערט: „דו ביזט דאָך באמת א תלמיד חכם און גלויבסט דאָך אין דער גמרא און אין נסתר און דו ווייסט פון גלגולים, וואו דער מענש ווערט מגולגל, כדי ער זאָל מתקן זיין, וואס ער האָט פוגם געווען. וויסען זאָלסטו, אז דו ביזט דאס דער זעלבער רשע און מסור פון יענער שטאָט, וואס איז געשטארבען מיט זעכציג יאהר צוריק. דו האָסט עובר געווען כל עבירות שבתורה, גע'מסר'ט אידען, ווילסטו נאָך, אז דיר זאָל געהן גוט אויף דער וועלט, מיט עושר וכבוד? מיט די יסורים ועניים, וואס דו ליידסט דאָ וועסטו מתקן זיין, דאס וואָס דו האסט פוגם געווען אין יענעם גלגול".

ווי דער תלמיד-חכם האָט דאס געהערט, האָט ער אויפגעציטערט און שוין מעהר אויף קיין זאך ניט געבעטען, נאָר זיך נאָך מעהר אַנגעקניפּט אָן דער הייליגער תורה, געלערנט יומם ולילה, און איז אויך געוואָרען פון דעם בעש"ט'ס גרעסטע חסידים.

———:———

דער בעל שם טוב און זיינע מקורבים.

ווי דער בעש"ט האט מקרב געווען לבבות צו זיך.

דעם עושר'ס מלמד.

אין מעזבוז איז געווען א בעל-הבית אן עושר, וועלכער האט ניט געהאלטען פון בעש"ט. דער עושר האט ביי זיך אין הויז געהאלטען א מלמד, א איד א מופלג בתורה. ער איז ביים עושר געווען זעהר חשוב, אבער אויך דער בעש"ט האט דעם מלמד געוואלט מקרב זיין, ווייל דער בעש"ט האט געזעהן, אז דאס איז א כלי וואס קאן מקבל זיין. דער בעש"ט האט געזוכט וועגען, ווי צו ברייננען דעם מלמד צו זיך.

איינמאל, פרייטאג צו נאכט, האט זיך דעם מלמד גע'חלומ'ט א חלום: ער געהט שפאצירען הינטער'ן שטאט, פלוצלונג זעהט ער א פאלאץ, שעהן און פיין אויסגעמאהלט, וואס מען קען גאר ניט באשרייבען. ער האט זיך אפגעשטעלט באטראכטען די שעהנקייט פון פאלאץ און איהם האט זיך פארוואלט זעהן, וואס קען שוין זיין אין אזא פאלאץ אינעווייניג? האט ער אריינגע־קוקט אין א פענסטער, ערשט ער זעהט דער בעש"ט מיט זיינע לייט זיצען ארום א טיש, און דער בעש"ט זאגט פאר זיי תורה. האט ער זיך צוגעהערט צו די תורה און איז געווען נשתומם פון די חדושים וואס ער האט געהערט. דער מלמד האט זיך דער־לאנגט א כאפ אויף, און ער האט נאך געדענקט די תורה, וואס ער האט געהערט און זיי זיינען געווען זים ווי האניג. ער האט זיי עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט, און איז באלד צוריק איינגע־שלאפען. אינדערפריה, אז ער איז אויפגעשטאנען, האט ער די

תורה פארגעסען, נאָר דעם חלום האָט ער געדענקט. איז ער גע־זעסען זעהר טרויעריג, ער האָט גאָר ניט געקענט דאווגען שחרית. איהם האָט זיך געוואָלט הערען נאָכאמאָל די תורה.

ביים עסען האָט דער עושר איהם געפרעגט, וואס איז ער אזוי מבולבל? אפשר האָט זיך איהם גע'חלומ'ט א חלום, וועט ער איהם מיטיב חלום זיין, נאָר דער מלמד האָט גאר ניט געענט־פערט. ער האָט געוואָלט געהן צום בעש"ט, אבער ער האָט מורא געהאט, דעם עושר וועט עס פארדריסען.

צו שלש סעודות האָט זיך געעפענט די טהיר ביים עושר און א שליח פון בעש"ט איז אריין אין הויז רופען דעם מלמד אויף שלש סעודות צום בעש"ט. ווי דער מלמד האָט עס דערהערט, איז ער איבערגעשפרונגען דעם טיש און געלאָפען ווי א משוגע־נער, ער האָט אפילו פארגעסען אָנטאָן די קאפּאָטע.

ביים טיש האָט דער בעש"ט געזאָגט די אייגענע תורה, וואס דער מלמד האָט געהערט אין חלום און ער האָט זיך ממש דער־קוויקט פון עונג, אז דער בעש"ט האָט געזעהן, ווי דער מלמד פרעהט זיך אזוי, זאָגט ער צו איהם: „וואָס איז דיר דאס אזא חדוש, דו האָסט דאָך שוין געהערט איינמאָל די תורה?" האָט שוין דער מלמד געוואוסט, אז דער בעש"ט איז א איש אלקים און ער האָט זיך מדבק געווען אָן בעש"ט און איז געוואָרען איינער פון זיינע תלמידים מובהקים.

אַ מעשה מיט'ן ווערכאָווקער מגיד.

רבי שמערל, ווערכאָווקער מגיד, איז פריהער געווען א איד אָן עושר. ער האָט פארמאָגט איבער דריי טויזענד גילדען. דער בעש"ט, אז ער פלעגט זיין אין ווערכיווקע, פלעגט ער שטענדיג צו איהם פארפאָהרען. רבי שמערל האָט געהאט א גרויסע זאָרג:

זיין ווייב פלעגט איהם כסדר מוליד זיין נקבות און ער האָט גע־וואָלט האָבען א זוהן. ער האָט אלץ געוואָלט וועגען דעם רעדען מיט'ן בעש"ט, אָבער ער האָט זיך געשעמט איהם דאס אָנצו־מוטען.

איינמאָל, ביים אוועקפאָהרען, זעגענט זיך ר' שמערל און זיין ווייב מיט'ן בעש"ט. שרייט אוים דער בעש"ט צו דער ווייב: „זעה דו זאָלסט מוליד זיין א בן־זכר, ווען ניט, וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען".

אזוי איז עס טאקע געווען, ר' שמערל'ס ווייב האָט גע־בוירען א בן זכר, דעם שפּעטערדיגען באריהמטען ר' דוד, שעל־ניקער רב.

ווען די ווייב האָט איהם געבוירען דעם בן־זכר, איז ר' שמערל מיט גרוים שמחה געפאָהרען צום בעש"ט און געוואָלט איהם געבען א גרויסען פּדיון. אבער דער בעש"ט האָט פון איהם גאָרינט געוואָלט נעהמען. פרעגט איהם ר' שמערל: „פארוואָס, רבי, ווילט איהר פון מיר גאָר ניט נעהמען, ווען מיין ווייב פלעגט האָבען נקבות, פלעג איך אייך אויך ברייגנען צו פינף גילדען. יעצט, אז איך האָב א בן זכר און בין א איד אַן עושר, מוזט איהר נעמען גאנצע פופציג גילדען".

זאָגט איהם דער בעש"ט: „זאָלסט וויסען, דו וועסט שוין ניט האָבען קיין געלט, וואָרים מען האָט דיר געגעבען א ברירה, דו זאָלסט האָבען געלט אָדער א בן־זכר, האָב איך אויסגעקליבען פאר דיר בעסער, דו זאלסט האָבען א בן־זכר, מוזטו האלטען די געלט פאר זיך." אזוי איז טאַקע געווען, רבי שמערל האָט אָנגע־וואוירען זיין געלט אין סחורה, און איז געוואָרען א מגיד בק"ק זוערכיווקע.

———:———

דער בעש״ט און דעם סוחר׳ס בן-יחיד.

אין מעזבוז איז געווען א גרויסער סוחר, וועלכער האָט ניט געהאלטען פון בעש״ט. דער סוחר האָט געהאט א בן-יחיד, א חכם ומופלג בתורה, ווי אויך אין וועלטליכע זאכען. דער זוהן פלעגט אָפט פאָהרען אין ברעסלוי האנדלען און פלעגט זיך דאָרט זאמען אן ערך פון פיער וואָכען.

איינמאָל איז ער געפאָהרען קיין ברעסלוי האנדלען, און עס איז אריבער מעהר פון צעהן וואָכען און מען האָט פון איהם ניט געהאט קיין שום ידיעה. דער פאטער און מוטער האָבען געהאט גרוים צער און ניט געוואוסט וואס איבערצוקלערען. האָט די מוטער געזאָגט צו איהר מאן דעם סוחר: „דו האָסט געדארפט פרעגען ביים בעש״ט. זעהסט דאָך מען פאָהרט צו איהם פון דער האלבער וועלט און דו וואוינסט מיט איהם אין איין שטאָט און ווילסט ניט פרעגען.״

דער סוחר, כאָטש ער האָט ניט געהאלטען פון בעש״ט, האָט זיך געלאָזען אָנריידען פון דער ווייב און איז פרייטאג, ערב שבת, אַוועק צום בעש״ט. ער האָט דערצעהלט דעם בעש״ט, אז זיין זוהן איז אוועקגעפאָהרען און עס איז שוין איבער צעהן וואָכען און עס איז ניטאָ פון איהם קיין שום ידיעה. דער בעש״ט האָט געעפענט דעם זוהר, דאָרט אווילע ארייגעקוקט און געזאָגט: „דיין זוהן איז געזונד. ער וועט האלטען שבת אין א דאָרף איין מייל ווייט פון דאנען.״

האָט דער סוחר זיך באַצויגען מיט צווייפעל צו דעם בעש״ט׳ס רייד. ער האָט געזאָגט צו זיין ווייב: „דו ווייסט דאָך, ווי אונזער זוהן בענקט נאָך אונז, וועט ער בלייבען שבת אזוי נאָהנט פון אונז?״ די ווייב האָט אבער גע׳טענה׳ט, „אז דער בעש״ט זאָגט, מסתמא ווייס ער.״ האָט דער סוחר פון ספק ווער-

גען געשיקט א גוי אין יענעם דאָרף און איהם געהייסען וואר־טען פרייטאג ביז שפּעט אין דער נאכט צו זעהן אויב זייער זוהן איז דאָרטען. דער גוי האָט זיך אומגעקעהרט און געזאָגט, אז ער האָט קיין פוהר ניט באגעגענט.

שבת-צו-נאכט איז דער זוהן געקומען און דער־צעהלט, אז פרייטאג פארנאכט האָט זיך ביי איהם לעבען דאָרף צובראָכען א ראָד און ער האָט שוין געמוזט זיין אין דאָרף שבת. האָט דער סוחר שוין ארויסגעזעהן די גרויסקייט פון בעש"ט און געוואָרען איינער פון זיינע איבער־געגעבענע מקורבים.

———:———

ווי דעם בעש"ט'ס אַ מקורב איז יום-כפור אין פעלד.

איינער פון דעם בעש"ט'ס מקורבים איז געפאָהרען אויף יום כפור צום בעש"ט. ער איז ארויסגעפאָהרען פון דער היים פריהער און ערב יום כפור פארטאָג איז ער שוין געווען נאָר איין מייל פון מעזבוז. האָט זיך דער מקורב געטראכט, איך בין דאָך שוין נאָהנט פון מעזבוז און די פערד זיינען מיעד, איך וועל זיך שטעלען אין פעלד דאָ דאווענען און די פערד וועלען זיך אָפּרוהען. נאָכ'ן דאווענען איז ער זעהר שלעפעריג געוואָרען און האָט גע־טראכט, ער וועט זיך אויף איין ווײַלע צולייגען. ער איז שטארק אנטשלאָפען געוואָרען און ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף, איז שוין געווען בין-השמשות און מען האָט ווייטער ניט געטאָרט פאָהרען. האָט ער זיך זעהר מצער געווען, וויפיעל יגיעות ער האָט דאס געהאט, אלץ כדי ער זאל קומען צום בעש"ט אויף יום כפור און איצט מוז ער גאָר האלטען יום כפור אין פעלד. ער האָט געוויינט און געשריען א גאנצע נאכט און

א גאנצען טאָג, אז ער האָט דאָס געטאָן מיט זיין פשיעה, ער האָט זיך ניט געדארפט צולייגען.

מוצאי יום כפור איז ער געקומען א פארוויינטער צום בעש"ט, האָט איהם דער בעש"ט זעהר שטארק ארומגענומען און פרעהליך געזאָגט: „נו, גוט געוועזן זיין יום-כפור אין פעלד? דארפסט זיין צופרידען, דו האָסט מיט דיין צער און טרעהרען געקראָגען א מחילה גמורה און אויסגעבעטען א גוט יאהר אויף דעם כלל ישראל, ווייל דו האָסט געוויזען, ווי דער כח פון אמת'ע חרטה איז גרויס."

———:———

מעשה מיט'ן בעש"ט און אַ מעזבוזער סוחר.

ניט ווייט פון מעזבוז האָט געוואוינט א איד א למדן מופלג. ער איז געווען א גרויסער עושר און פלעגט אָפט פאָהרען האנד-לען קיין לייפציג. קיין קינדער האָט ער ניט געהאט. מענשען האָבען איהם געראטען פאָהרען צום בעש"ט, בעטען א ברכה, האָט ער ניט געוואָלט, ווייל ער האָט פון איהם ניט געהאלטען.

אַמאָל איז ער פון מסחר וועגען געווען אין מעזבוז און איז איינגעשטאַנען ביי זיינעם א גוטען פריינד, א חבר פון זיין יו-גענד. האָט איהם דער פריינד אויסגעפרעגט, ווי געהט איהם אין משא ומתן און אנדערע זאַכען, האָט ער איהם דערצעהלט, אז אזוי איז איהם זעהר גוט, ער איז רייך, נאָר ער האָט גרויסע זאָרג, ער האָט ניט קיין קינדער.

זאָגט צו איהם זיין פריינד: „פארוואס געהסט ניט צום בעש"ט? מען פאָהרט דאָך צו איהם פון דער גאנצער וועלט!" האָט ער איהם געענטפערט, אז ער האלט ניט פון איהם. זאָגט צו איהם דער פריינד: „אָט דו ביזט דאָ, קום, איך וועל מיט דיר געהן, און פרעג דעם בעש"ט, וואס וועסטו אָנווערען?"

ער האָט איהם געפאָלגט און זיי זיינען אוועק צום בעש"ט און דער איד האָט איהם דערצעהלט זיין בקשה. זאָגט דער בעש"ט, „אז דו וועסט מיך פאָלגען, וועט דיין ווייב האָבען היינ־טיגס יאהר א בן־זכר, דו זאלסט אוועקוואַרפען דיין האנדעל, זאָלסט אליץ אויספארקויפען און זאָלסט דינגען די ארענדע ביי דעם פריץ פון דיין שטעטעל, און אז דיין ווייב וועט מוליד זיין א זוהן, זאָלסטו מיר אָנזאָגען."

איז איהם דעם בעש"ט'ם רייד ניט אריין אין זינען, ווייל ער האָט געוואוסט, אז דער פריץ איז א שונא ישראל און שוין פופצעהן יאהר, אז ער לאָזט ניט ארוים די ארענדע צו קיין אידען.

אז ער איז געקומען אהיים, האָט ער פון דעם גאָר ניט גע־טראכט. מאכט זיך אויף מאָרגען נאָך זיין קומען, ער געהט אזוי פארנאכט אין גאס, און ער זעהט ווי צוויי פערד האָבען זיך צוטראָגען. אייגער האָט זיך אָפגעריסען און איז ווילד געלאָפען מיט דעם שפאן, און דער אנדערער האָט נאָך זיך מיטגעשלעפט א קארעטע, וועלכע האָט זיך געהאלטען ביים איבערקעהרען. אין דער קארעטע איז געזעסען א מענש, וועלכער האָט געשריען מען זאָל איהם ראטעווען. דער סוחר איז צוגעלאָפען, אָפגע־האלטען דעם פערד און אויסגעגלייכט די קארעטע. ערשט ער זעהט דער פריץ איז דאָס אינעווייניג. דער פריץ האָט איהם געדאנקט, און איהם געפרעגט, וואס וויל ער, וועט ער איהם געבען. האָט זיך דער סוחר דערמאנט אָן בעש"ט'ם רייד, און געזאָגט צו איהם: „לאָז מיר אָרוים די ארענדע". האָט דער פריץ מסכים געווען.

דער סוחר האָט געטאָן ווי דער בעש"ט האָט איהם געהיי־סען. ער האָט אליץ פארקויפט און זיך אָפגעגעבען מיט דער ארענדע. צום יאהר האָט די ווייב געהאט א בן־זכר. דער סוחר האָט פארגעסען אָנצוזאָגען דעם בעש"ט פון דעם.

דאָס קינד איז אויסגעוואקסען און איז אוועק אין א שלעכטע וועג. טאַטע-מאַמע האָבען פון איהם געהאט חרפות ובזיונות, און זיי האָבען שוין גאָר חרטה געהאט, וואס זיי האָבען געבעטען אויף א זוהן.

האָט זיך ווידער געטראָפען, אז דער סוחר איז איינגעשטאַנען ביי זיין גוטען פריינד אין מעזבוז. ער האָט איהם דערצעהלט וואָס פאר א צרות ער שטעהט אוים פון זיין זוהן. פרעגט איהם יענער: „איך געדענק, אז דער בעש"ט האָט דיר אָנגעזאָגט, אז ווען דו וועסט האָבען א זוהן, זאָלסט איהם מודיע זיין. האָסטו דאָס געטאָן?" זאָגט ער: „ניין, איך האָב פארגעסען." זאָגט דער בעל-הבית: „וואָס עס איז געווען איז פארפאלען, קום, לאָמיר איצט אריבערגעהן צום בעש"ט". זיינען זיי געקומען צו איהם און איהם אלעס דערצעהלט. זאָגט דער בעש"ט: „מיין עצה איז, אז פון היינט זאָלסטו פארקויפען אלע זאכען פון דער ארענדע, בראָנפען, תבואות וכל הכלים, וועלכע געהערען צו אן ארענדאר, און דו זאָלסט צוריק ווערען א סוחר קיין לייפציג. א גאַנצען יאָהר זאָלסטו זיין אונטערוועגס, און ווען דו וועסט קומען אהיים, וועסטו שוין טרעפען דיין זוהן א למדן מופלג."

דער איד האָט אזוי געטאָן. ער האָט אלצדינג פארקויפט, איז געפאָהרען קיין ברעסלוי און האָט דאָרט ביסלעכווייז אָנגעקויפט סחורה. ער האָט זעהר מצליח געווען און האָט די סחורה פארקויפט מיט גרוים רויח.

דערווייל זיינען אריבער פיער חדשים. דער סוחר האָט נאָך געדארפט אכט חדשים זיין אין וועג און אין ברעסלוי איז שוין נית געווען וואָס צו האנדלען. האָט ער געקויפט א בריקע סחורה, גענומען א משרת מיט זיך און געפאָהרען מיט דעם קיין לייפציג. אונטערוועגס האָט ער מיט'ן משרת פארבלאָנדזשעט. זיי האָבען זיך א גאנצען טאָג ארומגעדרעהט אין א וואלד און נית געוואוסט די וועג. דאָס איז געווען פרייטאג. זאָגט ער צום

משרת: „דו שטעה דאָ ביי די סחורה און איך וועל געהן זוכען די וועג".

ווי ער איז אָפּגעגאנגען פון וואגען ביי הונדערט איילען, האָט ער דערזעהן אין וואלד א שטיבעל און דורך די פענסטער האָט ער געזעהן ברענען ליכט. האָט ער געטראכט, דאָ וואוינט אַ איד, און דאס ברענען שוין שבת-ליכט. איז ער צוגעקומען צום הייזעל. ער הערט א קול דאווענט, איז ער אריין אינעווייניג און דאָרט געטראָפען צוויי מענשען, איינעם אן אלטען מאן, מיט א שעהנער ווייסער באָרד און א יונגען, קענטיג א משרת. דער אל־טער מאן האָט אָפּגעדאווענט, געזאָגט „שבתא טבא" מיט גרוים שמחה. דער יונגער מאן האָט געבראכט וויין אויף קדוש און גוטע מאכלים. דער אלטער האָט דעם סוחר אויך געבעטען עסען און נאָכהער געגעבען א בעטעל צום שלאָפען. אויף מאָרגען אויך אזוי, האָט דער סוחר פארבראכט אין שטיבעל אין תפלה און געגעסען די שבת׳דיגע סעודות. נאָך הבדלה, געהט צו דער אל־טער מאן און גיט דעם סוחר שלום און פרעגט איהם, ווי קומט ער אהער? דער סוחר האָט איהם דערצעהלט, אז ער האָט פארבלאָנ־דזשעט. זאָגט דער אלטער מאן: „איך קען דאָ ביי דיר אָפּקויפען די סחורה, האלב וועל איך דיר באצאָהלען תיכף און די אנדערע העלפט אין לייפציג. דער סוחר האָט איהם ניט געקענט מעיז זיין און האָט מסכים געווען, כאָטש אין הארצען איז איהם גע־ווען שווער צו פארבאָרגען געלט צו א מענשען, וועלכען ער קען ניט. מען האָט געבראכט די סחורה. ביידענס משרתים האָבען עס אראָפּגענומען אין הויז, און דער אלטער האָט איהם מסלק געווען האלב געלט, כמה אלפים רענדלאך, און אויף דער אנדער העלפט האָט ער איהם געגעבען א וועקסעל און האָט זיך גע־חתמ׳ט יונה. ער האָט דעם סוחר געוויזען די וועג קיין לייפציג.

דער סוחר מיט׳ן משרת זיינען ווייטער אָפּגעפאָהרען ביי א טאָג מיט דער לעדיגער פוהר, ערשט צו נאכט צו האָבען זיי

באַגעגענט א באנדע גזלנים. די גזלנים האָבען זיי אָפּגעשטעלט און געזוכט אין וואָגען. אז זיי האָבען געזעהן, אז דער וואָגען איז לעדיג, האָבען זיי זיי דורכגעלאָזען פאָהרען ווייטער.

זיי זיינען געקומען אין לייפּציג. אין שטאָט האָט דער סוחר גענומען נאָכפרעגען אויף א סוחר יונה, האָט קיינער ניט גע־וואוסט פון איהם, און קיינמאָל ניט געהערט פון א סוחר מיט אזא נאָמען. אבער דער סוחר איז געווען רוהיג. ער האָט שוין פארשטאַנען די נסים מיט איהם און געגלויבט, אז אלץ איז לטובתו.

ביים ענדע יאהר, ווען ער האָט זיך שוין געקליבען פאָהרען אהיים, ווי ער איז נאָר ארויסגעפאָהרען הינטער לייפּציג, ער זעהט, דער אלטער מאן געהט איהם אנטקעגען: „דו דערקענסט מיך", האָט ער איהם געפרעגט. „איך בין דאָס דער סוחר, וועל־כער האָט דיר געגעבען דעם וועקסעל. איצט איז די צייט דיר צו באצאָהלען. דער סוחר האָט איהם אָפּגעגעבען דעם וועקסעל און ער האָט איהם באצאָהלט די געלט.

ביים זעגענען זיך, זאָגט דער אלטער: „דו פאָהרסט אהיים, לאָז גריסען דעם בעש"ט אין מיין נאָמען". פרעגט דער סוחר: „זאָג מיר דיין נאָמען, פון וועמען זאָל איך איהם זאָגען". ענט־פערט דער אלטער: „זאָג איהם יונה אליין, איז גענוג. ער וועט שוין וויסען."

דער סוחר איז געקומען אהיים מיט גרויס שמחה. ער האָט געטראָפען דעם זוהן גאָר אן אנדער מענש, א למדן מופלג און א גרויסער מתמיד. דערנאָך איז ער געפאָהרען קיין מעזיבוז צום בעש"ט, האָט איהם געדאנקט, דערצעהלט איהם אלע נסים, וואס מיט איהם האָט געטראָפען און איהם געזאָגט, אז אן אלטער מאן יונה האָט איהם געלאָזען גריסען. האָט דער בעש"ט א שמייכעל געטאָן און געזאָגט: „דו ווייסט ווער דער יונה איז געווען? דאָס איז יונה בן אמיתי."

מעשות פון בעש"ט און די טובות וואָס ער האָט געטאָן צו זיינע מקורבים.

דער ארענדאר פון א קרעטשמע הינטער בראָד איז געווען אַן אָרענטליכער איד און דעם בעש"ט'ס א מקורב. איינמאָל איז דער בעש"ט מיט א קאָמפּאני פון זיינע לייט געפּאָהרען אין וועג און זיי זיינען פארפאָהרען צו דעם ארענדאר.

דער ארענדאר האָט דעם בעש"ט און אלע לייט זעהר שעהן אויפגענומען, געמאכט פאר זייערטוועגען א מאָהלצייט און זיי אויסגעבעט גוטע געלעגערס צום איבערנעכטיגען. אויפמאָרגען פאר'ן אָפּפאָהרען, זאָגט דער בעש"ט צום ארענדאר: „זאָג מיר, טאָמער האָסטו איצט א בקשה, וועסטו אלעם פועל'ן." ענטפערט איהם דער ארענדאר: „איך דאנק גאָט. איך האָב גאָר ניט וואס צו בעטען פון רבי'ן, נאָר אז איך און מיין משפחה זאָלען זיין געזונד און שטארק, אזוי פעלט אונז גאָר נישט."

זאָגט צו איהם דער בעש"ט: „נו, אויב דו האָסט גאָר ניט מיך וואס צו בעטען, וועל איך דיך עפּעס בעטען, נאָר דו זאָלסט מיר ניט אָפּזאָגען." ענטפערט איהם דער ארענדאר: „איך וועל געוויס טאָן אלעם וואס איז נאָר מעגליך פון דעם רבי'ס וועגען". האָט זיך דער בעש"ט געזעצט ביים טיש, דאָרט אָנגעשריבען א בריעף, עם צונויפגעלעגט און פאר'חתמ'ט. ער האָט דעם בריעף דערלאנגט דעם ארענדאר און צו איהם געזאָגט: „דעם בריעף דארף איך שיקען קיין בראָד. בעט איך דיך, אז דו זאלסט עס אָפּפיהרען פאר מיר." ענטפערט דער ארענדאר: „פאר'ן רבי וועל איך דאָס טאָן מיט פארגעניגען." און ער נעמט דעם בריעף פון בעש"ט'ס האנט און לעגט איהם אריין צו זיך אין קעשענע.

דערווייל האָט זיך דער בעש"ט געקליבען אוועקפאָהרען, איז דער ארענדאר אוועקגעלאָפען אין שטאָל איינשפאנען זיינע פערד באגלייטען אביסעל דעם בעש"ט. ער האָט זיך דאָרט איינגעבויגען אָפבינדען די שטריק פון די פערד און פון זיין קעשענע איז ארויסגעפאלען דעם בעש"ט'ס בריעף און גלייך אריינגעפאלען אין אן אלטען קאסטען, וואו עס זיינען געלעגען אלטע שטריק. דער ארענדאר האָט עס ניט באמערקט. ער האָט אָרויסגעפיהרט די פערד, באגלייט דעם בעש"ט און זיך אומגעקעהרט אהיים. וועגען די שליחות פון בעש"ט האָט ער אויך פארגעסען. ס'איז איהם לגמרי ארוים פון קאָפּ, אז דער בעש"ט האָט איהם געבעטען אוועקפיהרען א בריעף אין בראָד.

עס זיינען אזוי אריבער א סך יאהרען. אונטער דער צייט איז דער ארענדאר געווען ביים בעש"ט און דער בעש"ט איז אויך עטליכע מאָל פארפאָהרען צו איהם, אָבער וועגען בריעף האָט ער ניט דערמאנט מיט קיין איין וואָרט.

אין עטליכע יאהר ארום, איז דער בעש"ט נסתלק געוואָרען. דער ארענדאר, וועלכער איז געווען גאנץ רייך, איז אויך מיט דער צייט געוואָרען אן אָרימאן. ער האָט אלעם אויסגעפארקויפט וואָס ער האָט פארמאָגט, אבי נאָר מחיה זיין זיך און זיין משפחה.

אין א צייט ארום, נאָך דעם בעש"ט'ס הסתלקות, איז געגאנגען דער ארענדאר זוכען אין שטאל, אפשר וועט ער עפּעס נאָך געפינען צום פארקויפען. ער האָט אריינגעקוקט אין דעם אלטען קאסטען און איהם אויסגעלעדיגט צו זעהן, טאָמער איז דאָרט נאָך עטוואס דאָ, ערשט ער זעהט אויף דעם דעק פון קאסטען ליגט דער בריעף, וואס דער בעש"ט האָט איהם געגעבען אוועקצופיהרען אין בראָד. ער האָט זיך גלייך דערמאנט די גאנצע מעשה, ער איז געפאלען אין חלשות, אָנגעהויבען

וויינען און קלאָגען, אז פון דעם נעמט זיך זיין אומגליק, וואס ער איז געוואָרען אָרעם.

ער האָט גענומען דעם בריעף באטראכטען און ער זעהט, אז ער איז אדרעסירט צו די פרנסי חודש אין בראָד. האָט ער מורא געהאט דעם בריעף צו עפענען און א געדאנק איז איהם געקומען, אַז ער וועט נאָך איצט אָפּפיהרען דעם בריעף אין בראָד, פיליכט וועט ער נאָך געפינען די לייט, צו וועמען דער בעש"ט האָט איהם געשיקט.

ער איז אוועק צו פוס אין בראָד, דאָרט אריין אין בהמ"ד און געפרעגט די אלטע לייט, אפשר געדענקען זיי, ווער זיינען דאָ געווען מיט פופצעהן יאהר צוריק פרנסי חדש. ער האָט זיי דערצעהלט די מעשה וואס איהם האָט געטראָפען, אז די אלטע לייט האָבען איבערגעלייענט אויף'ן בעש"ט'ס בריעף די נעמען צו וועמען ער האָט דעם בריעף געשיקט, האָבען זיי אסך גע-קלעהרט און געזאָגט, אז זיי הערען אזעלכע נעמען צום ערשטען מאָל. דערווייל האָט זיך איינער אָפּגערופען אין א געלעכטער: „איצט איז אין דער גרויסער שוהל א קלפי (א גורל) אויף די פרנסי חודש, פיליכט וועלען ערשט אזוינע ארויסקומען צו זיין פרנסי-חודש". פון דעם געלעכטער איז אבער באלד געוואָרען אן אמת.

תיכף זיינען פיעל מענשען געקומען צולויפען פון שוהל און האָבען אויסגערופען „מזל טוב! מזל טוב! די און די זיינען גע-וואָרען פרנסי-חודש". דער ארענדאר הערט זיך צו צו די נעמען, ערשט זיי זיינען אקוראט ווי אויף דעם בריעף שטעהט. האָט זיך דער ארענדאר זעהר געוואונדערט, און זיך געהאלטען אן עצה מיט די אלטע לייט, וואָס צו טאָן. האָבען זיי איהם געראטען, ער זאָל ווארטען אביסעל, וועט מען די נייע פרנסים אָפּפיהרען מיט גרויס כבוד אהיים, זאל ער דאמאָלסט צו זיי צוגעהן און זיי אָפּגעבען דעם בריעף, וועלען זיי דעם בריעף עפענען, וועט מען

זעהן וואס דאָרטען שטעהט, און מען וועט וויסען פאר ווענען דער בריעף איז. דער ארענדאר האָט אזוי געטאָן. אז די פרנסים זיינען דורכגעגאנגען פארביי, איז ער צו זיי צוגעגאנגען און גע־זאָגט: „מיינע הערען, איך האָב פאר אייך א בריעף פון בעש"ט." האָבען זיי זיך צולאכט און צו איהם געזאָגט: „ווייסט איהר, נארישער מענש, וואס איהר רעדט? דער בעש"ט איז שוין צוועלף יאהר אויפ'ן עולם האמת און מיר זיינען אינגאנצען אלט ביי פינף און צוואנציג יאהר, וועט דער בעש"ט צו אונז שרייבען בריעף. איהר זייט אָדער משוגע אָדער א ליגנער."

האָט זיי דער ארענדאר געענטפערט: „גלויבט מיר, מיינע הערען, עס איז מיר אויך דער זעלבער וואונדער", און ער האָט זיי דערצעהלט די גאנצע מעשה פון אָנהויב ביז'ן סוף. האָבען זיי גענומען דעם בריעף ביי איהם פון האנט, איהם געעפענט, און דאָרט געלייענט די דאָזיגע ווערטער:

„להרבני מו"הרר פלוני, ולהרבני מו"הרר פלוני פרנסי חודש מבראד. אזוי ווי עס וועט צו אייך קומען דער מענש ר' פלוני, געוועזענער ארענדאר הינטער בראָד, בעט איך אייך, איהר זאָלט זעהן איהם טאָן א טובה. ער איז אליין אן איש הגון, ער איז כל ימיו געוועזען אן עושר און איצט איז ער א עני מדוכא. איך, בעש"ט, בעט דאס אייך איהר זאָלט איהם ארויסהעלפען מיט אלע מעגליכקייטען. טאָמער גלויבט איהר ניט, אז איך, דער בעש"ט, האָב דעם בריעף געשריבען, גיב איך אייך דאָ א צייכען: אייערע ביידע ווייבער זיינען מעוברות און באלד וועט מען אייך קומען אָנזאָגען „מזל־טוב", ביי דעם וועט געבוירען ווערען אַ בן־זכר און ביי דעם אנדערען א בתולה. דאס זאל אייך זיין א סימן, אז איך, בעש"ט, שיק אייך דעם מענשען, איהר זאָלט איהם טאָן א טובה".

זיי האָבען נאָך ניט באוויזען אפלייענען אינגאנצען דעם בריעף, אז עס זיינען אָנגעקומען שלוחים פון זייערע הייזער און

זיי אָנגעזאָגט אקוראט ווי אין בריעף איז געשטאַנען. די פּרנסי־חודש האָבען דעם אידען זעהר פיעל גוטס געטאָן. אויך איז באלד די גאנצע שטאט געוואָהר געוואָרען פון דער מעשה און מען האָט דעם אידען גליקליך געמאכט. דער ארענדאר איז אוועקגע־פאָהרען צוריק אן עושר אהיים, און האָט פארשטאַנען יעצט דעם בעש"ט'ס כונה, ווי ער האָט געזעהן פאראויס, וואס איהם וועט טרעפען.

מעשה בעל-שם טוב מיט אן ארענדאר.

דער בעש"ט איז געפאָהרען אונטערוועגענס און איז גע־קומען אין א דאָרף צו אן ארענדאר, זיינעם א מקורב. דער ארענ־דאר האָט זיך זעהר געפרעהט מיט'ן בעש"ט, און געמאכט לכבוד איהם א סעודה.

ביי דער סעודה האָט זיך דער בעש"ט פארנאנדערגערעדט מיט'ן ארענדאר, און פרעגט איהם: „ווי געהט עס דיר אין פרנסה?" "ניט גוט," זאָגט דער ארענדאר. „איך בין אָרים." פרעגט דער בעש"ט: „האָסט עפּעס גוטע פערד?" זאָגט ער: „יע, פערד האָב איך גראדע גוטע." זאָגט דער בעש"ט: „לאָמיר אריינגעהן אין שטאָל זעהן דיינע פערד." האָט דער בעש"ט געלאָזען אין מיטען סעודה און איז אוועק מיט'ן ארענדאר אין שטאָל זעהן די פערד. איז דעם בעש"ט געפעלען געוואָרען א קליין פערדעל, און ער האָט געבעטען דעם ארענדאר, ער זאל איהם דעם פערדעל שענקען. זאָגט צו איהם דער ארענדאר: „דער קליינער פערדעל איז ביי מיר זעהר חשוב, ער באשטעהט ביי מיר מעהר ווי דריי גרויסע. עס האָט שוין כמה פעמים געטראָפען אז וואָס דריי פערד קענען ניט ארויסשלעפען, ציהט

ער דאָס לייכט ארוים. אויב איהר ווילט, רבי, אן אנדער פערד דעם בעסטען וועל איך אייך שענקען, אבער דעם קען איך ניט."

דער בעש"ט האָט מעהר ניט גערעדט פון דעם און איז אריין צוריק און ממשיך געווען די סעודה. אין א שעה ארום, ווען מען האָט געענדיגט די סעודה, רעדט דער בעש"ט ווייטער מיט'ן ארענדאר וועגען זיין מצב, פרעגט איהם דער בעש"ט: „וואָס איז מכח חובות, קומט דיר עפּעס געלט פון לייטען?"

זאָגט דער ארענדאר: „איך האָב חובות ביי פיעל מענשען." און ער האָט דעם בעש"ט געוויזען א בינטעל מיט שטרי-חובות. דער בעש"ט האָט דורכגעקוקט די שטרי-חובות און ביי איין שטר-חוב זאָגט ער צום ארענדאר: „איך בעט דיך, שענק מיר דעם שטר-חוב". זאָגט דער ארענדאר: „רבי, וואס טויג אייך דער שטר-חוב? דער חתום אויפ'ן שטר-חוב איז שוין לאנג טויט און עס איז גאָר ניט געבליבען פון איהם אויף צו באצאָהלען." זאָגט דער בעש"ט: „איך וויל אבער פאָרט, אז דו זאָלסט מיר שענקען דעם שטר חוב!"

האָט דער ארענדאר איהם געגעבען דעם שטר-חוב. דער בעש"ט האָט תיכף דעם שטר-חוב צוריסען אויף שטיקער און געזאָגט: „איך בין מוחל דעם מת דעם חוב". דערנאָך זאָגט דער בעש"ט צום ארענדאר: „געה זעה נאָר, וואָס טוט דער קליינער פערדעל?" דער ארענדאר איז אריין אין שטאַל, ער זעהט, דער פערד ליגט טויט.

דער ארענדאר האָט פארשטאַנען, אז עס איז אודאי ניט אומזיסט, און געפרעגט דעם בעש"ט, וואָס דאָס באדייט. האָט דער בעש"ט איהם דערצעהלט:

„דער מענש, וואס איז דיר געבליבען שולדיג די געלט, האָט מען אויבען גע'פסק'ענט, דארף דיר אָפּארבייטען פאר די געלט, מיט דעם וואס ער וועט דיר אָנטאָן א נחת רוח. איז ער דאָס מגולגל געוואָרען אין דעם פערד און ער פלעגט דיר טאָן פאר

דריי און זיין ביי דיר טייער. איצט, אז דו האָסט מיר געשענקט דעם שטר-חוב און איך האָב איהם מוחל געוועזן דעם חוב, איז ער שוין געוואָרען פריי, דעריבער איז דער פערדעל גע'פגר'ט און איז אַרוים פריי.

דער בעש"ט איז מציל א נפש פון דערטרונקען ווערען.

אין אלט-קאָנסטאַנטין איז געוועזן איינער דעם בעש"ט'ס א מקורב, וועלכער האָט ניט געהאט קיין קינדער. ער איז געוועזן עטליכע מאָל וועגען דעם ביים בעש"ט, און דער בעש"ט פלעגט זיך אלץ משתמט זיין איהם צו ענטפערען. איינמאָל האָט איהר דער בעש"ט מבטיח געוועזן, אז ער וועט האָבען א בן זכר און האָט געהייסען, אז דאס קינד וועט געבאָרען ווערען, זאָל מען איהם מודיע זיין.

ווען דאָס קינד איז געבאָרען געוואָרען, איז דער פאָטער געקומען א פרעהליכער גלייך צום בעש"ט איהם אָנזאָגען די בשורה.

אז דער בעש"ט האָט געהערט די בשורה, איז ער זעהר אוי-מעטיג געוואָרען און פון זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען רינען טרערען. האָט זיך דער פאָטער זעהר דערשראָקען און געפרעגט דעם בעש"ט, וואס מיינט ער? האָט דער בעש"ט איהם גע-ענטפערט:

„איך זעה, אז ווען דאָס קינד וועט זיין בר-מצוה, וועט ער דערטרינקען ווערען. ס'איז נאָר דאָ איין תקנה, מען זאָל איהם דעם טאָג אויסהיטען פון וואסער, קען ער ניצול ווערען. דערנאָך מאכט ניט אוים, אבי דעם טאָג דארף מען איהם היטען."

האָט דער פאָטער געזאָגט: „געווים וועל איך איהם אָפּ-היטען". זאָגט דער בעש"ט: „איך האָב אבער מורא, אז ביז דעם טאָג וועסטו פארגעסען מיין פארזאָג, און דעם קינד וועט זעהר ציהען צו וואסער. איך וועל דיר דעריבער אָנזאָגען א סימן. אין דעם טאָג פון זיין בר-מצוה, וועט דאס קינד אָנטאָן צוויי זאָקען אויף איין פוס און וועט זוכען דעם אנדערען זאָק און ניט קענען געפינען. בין איך דיר מזהיר, אז דו זאָלסט אָנזאָגען דיין וייב און דיין הויזגעזינד אז זיי זאָלען דאָס געדענקען, אז דעם טאָג מוז מען איהם אויסהיטען פון וואסער, ווען ניט וועט ער געווים דערטרונקען ווערען."

די יאהרען זיינען געגאנגען און דער פאָטער האָט ביסלעכ-וויז פארגעסען די גאנצע מעשה. אז עס איז געקומען דער טאָג, ווען דאָס קינד איז געוואָרען בר מצוה, איז דער פאָטער געגאנ-גען אינדערפריה אין שוהל אריין און דעם קינד האָט ער גע-לאָזען שלאָפען. אז דער פאָטער איז געקומען פון דאווענען, זעהט ער, ווי דער זוהן, דער בר-מצוה, זוכט עפּעס ארום פון איין ווינקעל צום אנדערען. פרעגט ער איהם: „וואָס זוכסטו?" זאָגט ער: „איך זוך א זאק, איך וויים ניט, וואו דאס איז אהינ-געקומען." דער פאָטער גיט א בליק, דער אינגעל האָט אָנגע-טאָןביידע זאָקען אויף איין פוס, האָט ער זיך דערמאנט דעם בעש"ט'ס רייד, און האָט אָנגעהויבען צו היטען דעם אינגעל, ער זאָל ניט געהן צום טייך.

דער טאָג איז גראדע געווען זעהר א הייסער און דער זוהן האָט זיך ארויסגע'גנב'עט און אוועקגעלאָפען צום טייך. אָבער דער פאָטער האָט זיך גלייך ארומגעזעהן, איהם געכאפּט איידער ער האָט נאָך אויסגעטאָן די זאכען זיך צו באָדען, און איהם אָפּגע-פיהרט אהיים. דאָרט האָט ער איהם פארשלאָסען אין א באזונ-דער חדר מיט א גוטען שלאָס און האָט קיינעם ניט געוואָלט אָנ-טרויען דעם שליסעל און עס געהאלטען ביי זיך. דער אינגעל

האָט דעם גאנצען טאָג זעהר געשריען: „פאָטער, האָב רחמנות, עס איז מיר זעהר היים, לאָז זיך מיר געהן באָדען." אבער דער פאָטער האָט זיך נישט צוגעהערט צו זיין וויינען.

אַז עס איז געקומען נאָך מנחה, איז דער עולם געלאָפען צום וואסער זיך באָדען און אָפּקיהלען פון דער גרויסער היץ, וואָס איז געווען א גאנצען טאָג, האָבען זיי געזעהן, ווי פון וואסער איז ארויסגעקומען א שווארצע געשטאַלט פון א קאָפּ מיט צוויי הענט. די הענט האָבען געזוכט און ארומגענומען דעם פוסטען חלל און די געשטאַלט האָט געזאָגט: „מיינער איז ניטאָ, ניט געקומען", און איז צוריק ארונטערגעזונקען אין וואסער. נאָכדעם האָט שוין דער בר מצוה יונג פארלאָרען דעם חשק צו לויפען צום וואסער און איז אנטשלאָפען געוואָרען און אָפּגעשלאָפען ביז אויף מאָרגען פריה. דאָס קינד איז דערנאָך מגודל געוואָרען מיט אלדאָס גוטס און אָפּגעלעבט זיינע יאהרען בנחת ושלוות.

———:———

דער בעל-שם טוב איז מגלה אַ סוד.

אין רישא איז געווען א איד אן עושר, א גרויסער למדן און יחסן. ער האָט געהערט מען ריהמט אלץ דעם בעש"ט פאר א צדיק נפלא, וואס טוט אותות ונפלאות, האָט ער משתוקק געווען, איהם צו קענען. ער האָט געהייסען איינשפאנען זיין קארעטע מיט די פערד, גענומען מיט זיך א משרת און איז געפאָהרען קיין מעזבוז.

אז ער איז געקומען קיין מעזבוז און איז געגאַנגען צום בעש"ט, האָט ער געטראכט, דער בעש"ט וועט מיט איהם ריידען אין תורה און קבלה. דער בעש"ט האָט איהם זעהר שעהן אויפגענומען, אבער ער האָט מיט איהם קיין איין וואָרט תורה ניט גערעדט, נאָר אלץ פון זייטיגע, וועלטליכע זאכען.

ביים אוועקגעהן האָט דער גביר ארויסגענומען עטליכע רו־בעל און געגעבען דעם בעש"ט פאר א פדיון. פרעגט איהם דער בעש"ט: „איהר גיט מיר א פדיון, זאָגט מיר, וואס איז אייער בקשה, וואָס פעהלט אייך?" ענטפערט דער גביר: „מיר פעהלט ברוך השם גאָר ניט. איך בין א גרויסער גביר און איך האָב גרוים שפע אין אלץ. מיינע קינדער און איידימס זיינען תלמידי־חכמים און אלע גרויסע עשירים. איך אליין בין מיר קובע עתים לתורה און בין זיך אויך עוסק בלמודי־נסתר." פרעגט איהם דער בעש"ט: „טאָ צו וואָס ביזטו געקומען צו מיר, אז דיר פעהלט קיין זאך ניט?" זאָגט דער גביר: „בלויז איך זאָל קענען דעם רבי'ן. איך הער אלץ די מופתים פון א געטליכען מענשען, האָב איך געוואָלט אייך אליין קענען."

זאָגט צו איהם דער בעש"ט: „אויב דו ביזט געקומען בלויז דו זאָלסט מיך קענען, קוק מיך אָן און הער מיך אוים, וועל איך דיר דערצעהלען א מעשה:

„אין א שטאָט זיינען אמאָל געווען צוויי גבירים, זיי האָבען געוואוינט אין שכנות און געהאט צוויי אינגלאך פון איין על־טער. די אינגלאך זיינען געוואָרען חברים, זיי האָבען איינע די אנדערע זעהר ליעב געהאט, צוזאמען געלערנט ביי איין מלמד און אלעם געטאָן אינאיינעם. צו דרייצעהן־פערצעהן יאָהר האָט מען זיי אבער התונה געמאכט, און דאמאָלסט האָבען זיי זיך צושיידט: איינער הונדערט מייל מעבר זה און דער אנדערער צוויי הונדערט מייל מעבר השני. ווי דער שטייגער איז, האָבען זיך די חברים פון אָנפאנג זעהר אָפט אויפגעשריבען מיט בריף, אָבער דערנאָך איז יעדערער געוואָרען טרוד, און זיי האָבען זיך אויפגעהערט צו שרייבען. פון ווייטען האָבען זיי אָבער גע־הערט איינער פון אנדערען גוטע נייעס: ביידע זיינען געווען זעהר רייך און געלעבט צופרידען.

אין א צייט ארום האָט זיך געמאכט, אז איינער פון זיי איז געפאלען און איז געוואָרען א גרויסער אָרימאן. ער האָט אלץ אויספארקויפט און ניט געהאט אויף ברויט, האָט ער זיך מישב געווען, אז איך האָב יע אזא גוטען פריינד א גביר, וועט ער זיך געווים דערפרעהען מיך זעהן, וועל איך צו איהם צופאָהרען און ער וועט מיר אויסהעלפען.

ביגיעה רבה האָט דער אָרימאן אויפגעקליבען אויף הוצאת־הדרך און איז צו איהם אוועקגעפאָהרען. אז ער האָט זיך צו איהם געמאָלדען, האָט איהם זיין חבר זעהר שעהן אויפגענומען און געמאכט פאר איהם א סעודה.

ביי דער סעודה פרעגט איהם דער חבר: „ברודער לעב, ווי געהט עס דיר?" ענטפערט איהם דער אָרימאן: „ברודער לעב, זעהר שלעכט, זאָלסט וויסען, אז די מלבושים וואס איך געה זייענען ניט מיינע, איך האָב זיי געליהען." האָט דער חבר מעהר ניט געפרעגט. מען האָט ווייטער געגעסען, געזונגען און גע־שפיעלט.

נאָך דעם עסען האָט דער רייכער חבר געזאָגט זיין שרייבער, ער זאל מאכען א רעכענונג פון זיין פארמעגען, וויפיעל עס טרעפט אָן. און אז ער האָט באקומען דעם רעכענונג, האָט ער זיך געטיילט מיט זיין חבר גלייך אויף גלייך.

דער אָרימער חבר איז געפאָהרען אהיים אלס אן עושר. ער האָט נאָך מיט די געלט געהאט גרויס הצלחה און איז געוואָרען נאָך מעהר עושר ווי פריהער.

דערוויל האָט זיך ביים רייכען חבר געטראָפען אן אומגליק. ער האָט פארלאָרען זיינע גאנצע געלט אין שלעכטע געשעפטען און איז געוואָרען אן אביון גדול. אבער ער האָט געהאט אין הארצען א טרייסט. ער האָט געהערט, אז זיין חבר, וועמען ער האָט אמאָל אויסגעהאָלפען, איז צוריק רייך, האָט ער געטראכט,

ער וועט נאָר צופאָהרען צו איהם, וועט ער איהם גלייך געבען א סך געלט און ער וועט זיך אויפבויען.

עס איז אָבער ניט געווען ווי ער האָט געמיינט.

אז ער איז געקומען צו זיין חבר, און יענער האָט זיך דער־וואוסט וועגען וואס ער איז געקומען, האָט ער איהם גאָר ניט צוגעלאָזט אויף די אויגען. דער אָרימער חבר האָט זיך זעהר שטארק אויסגעוויינט פאר השי"ת און איז געפאָהרען אהיים מיט גאָרנישט.

אין א קורצע צייט ארום האָט זיך די רעדעל ווידער איבער־געדרעהט. די מענשען, וואס האָבען דעם אָרים־געוואָרענעם חבר צודרעהט די געלט אין די געשעפטען, האָבען איהם אָפּ־געגעבען א טייל געלט צוריק. ער האָט אויך ווידער מצליח גע־ווען און איז געוואָרען צוריק אַן עושר. דאגעגען, דער שלעכטער חבר, וואס איז געוואָרען רייך און ניט געדענקט זיין חבר, איז צוריק געפאלען און ניט געהאט קיין פּרוטה.

דער שלעכטער חבר איז אָבער געווען א גרויסער עזות־פּנים. ער איז נאָך אמאָל געפאָהרען צו דעם רייכען און גע־בעטען ער זאָל זיך אויף איהם מרחם זיין און איהם אויס־העלפען.

האָט איהם דער רייכער געזאָגט: „ברודער לעב, איך רעכען זיך מיט דיר ניט, דערפאר וואס דו האָסט מיר ניט געוואָלט העלפען, ווען איך בין געווען אין נויט. איך וועל דיר ווייטער געבען א טייל פון מיין פארמעגען. אבער איצט וויל איך דיר דאָס ניט שענקען. טאָמער מאכט זיך און איך וועל ווערען אָרים, וועסטו גאָרניט וועלען מיר העלפען. די געלט גיב איך דיר בתורת הלואה, איך וויל דו זאלסט מיר ארויסגעבען שריפטען אז דו לייהסט ביי מיר די געלט און ווען איך וועל דארפען וועסטו מיר מוזען אָפּגעבען".

זאָגט צו איהם דער שלעכטער חבר: „איצט זעה איך, אז דו ביזט טאקע געווען א צדיק און איך א רשע. דו האסט מיט מיר געטאָן גוטס און איך האָב דיר אָפּגעצאָהלט מיט שלעכטס, אבער איצט וועל איך געדענקען דיין טובה".

ער האָט גע'חתמ'עט אויף די פּאַפּירען און איז אוועקגע־פאָהרען אהיים מיט א סך געלט.

השי"ת האָט באלד ווייטער איבערגעדרעהט די ראָד. דער עושר איז צוריקגעפאלען און דער שלעכטער עני איז דערהויבען געוואָרען. איז דער גוטער חבר מיט זיכערהייט געפאָהרען אָפּ־נעמען זיינע געלט, ווייל ער האָט דאָך געהאט די פּאַפּירען. אבער ווידער האָט דער רשע פון איהם גאָר ניט געוואָלט הערען. האָט דער גוטער געפּרואווט מאָנען ביי איהם דורך זיינע כתבים, אבער די שופטים זיינען געווען זיינע אונטערגעקויפטע און האָבען דעם משפּט ניט געוואָלט אָננעהמען. עס האָט גאָר ניט געהאָלפען און ער איז געפאָהרען מיט לעדיגען אהיים.

אין א קורצע צייט ארום איז דער גוטער חבר א פּאַראָרימ־טער געשטארבען און באלד נאָך איהם איז אויך געשטארבען דער שלעכטער רייכער. איז געקומען זייער משפּט פאר בית־דין של מעלה. האָט מען דאָרט גע'פּסק'ענט, אז דער גוטער זאָל האָבען גן עדן העליון, און דער שלעכטער גיהנום אין שאול תחתית. האָט זיך אבער אָנגערופען דער גוטער חבר: „ווי אַזוי וועל איך קענען נהנה זיין פון גן עדן ווען איך וויים, אז מיין חבר איז אין גיהנום." האָט מען איהם געזאָגט: „דו קענסט זיך אויסקלייבען אן אנדער ברירה. איהר זאָלט ביידע צוריק מגולגל ווערען אויף דער וועלט, וועט דער שלעכטער זיין אן עושר און דו אן אָרימאן, וועסטו פּרוטה'ס־ווייז אָפּנעהמען ביי איהם דעם חוב". האָט ער מסכים געווען.

זיינען זיי ביידע ריכטיג געקומען בגלגול. אין איין מדינה איז געבוירען געוואָרען ביי א נגיד א זוהן און אין אן אנדער

מדינה איז ביי אן אביון געבוירען געוואָרען א זוהן. ווער זיי זיי־נען, האָבען זיי ביידע ניט געוואוסט.

השי"ת האָט געפיהרט, אז דער אָרימער האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט בעטלען, און איז אזוי געקומען אין דער שטאָט, וואו דער רייכער חבר איז געווען בגלגול.

דער רייכער איז געווען זעהר א קארגער און האָט קיינמאָל ניט געוואָלט געבען קיין פרוטה צו אן אָרימאן. ווען דער אָרי־מער חבר איז געקומען בעטען ביי דעם רייכען א נדבה, איז ער געווען זעהר הונגעריג. האָט ער געבעטען ביים גביר א גרייצער צו קויפען א ברייטעל. זאָגט צו איהם דער גביר: „האָסטו ניט געהערט, אז איך גיב קיינעם ניט קיין צדקה, וועל איך דיר אויך ניט געבען." האָט זיך אבער דער אָרימאן איינגעשפארט און געזאָגט: „אויב דו גיסט מיר איצט ניט א גרייצער אויף קויפען דעם ברייטעל, שטארב איך פון הונגער, ווייל איך האָב שוין לאנג קיין ברויט ניט געהאט אין מיין מויל." דער גביר האָט אלץ ניט געוואָלט געבען. אבער דער אָרימאן האָט ניט געוואָלט אוועקגעהן און אלץ געבעטען. איז דער גביר געוואָרען אין כעס, אראָפּגעלאָזען דעם אָרימאן א פּאטש. פאר'חלש'ט איז דער אָרימאן געווען, איז ער אנידערגעפאלען אויף דעם שוועל און תיכף געשטארבען."

„איצט", האָט דער בעש"ט געזאָגט צום גביר, „ווען דו האָסט געהערט די מעשה, פעהלט שוין דיר באמת גאָרניט."

דער גביר איז גלייך אנידערגעפאלען אויף דער ערד און געבליבען ליגען אין חלשות. אז מען האָט איהם אָפּגעמינטערט, האָט ער געוויינט פאר'ן בעש"ט און געזאָגט: „רבי, איך בין דאָס דער רשע, וואס פון מיין פאטש איז דער אָרימאן געשטאָר־בען. מסתמא איז די גאנצע מעשה אויך אמת, ווי דער רבי דער־צעהלט, וואס זאָל איך איצט טאָן, ווי זאָל איך מתקן זיין, איך זאָל ניט פארפאלען ווערען אין שאול תחתית?"

זאָגט צו איהם דער בעש"ט: „זאָלסט זוכען, אפשר וועסטו געפינען קינדער פון דעם אָרימאַן, זאָלסטו זיי מפים זיין מיט וויפיעל דו וועסט נאָך קענען, וועסטו האָבען א גרויסע רפואה צו דיין נפש".

האָט דער גביר געזוכט און געפונען קרובים פון דעם אָרימאַן און האָט זיי געגעבען א טייל פון זיין פארמעגען, און האָט זיך פון דאמאָלט אָן אינגאנצען מדבק געווען אָן בעש"ט.

דער בעש"ט און די דריי ברידער.

אין א שטאָט זיינען געווען דריי ברידער. צוויי האָבען גע־האלטען פון בעש"ט און פלעגען אָפט צו איהם פאָהרען, און דער דריטער איז געווען א מתנגד צו איהם. דאָך פלעגט דער בעש"ט שטענדיג פרעגען ביי די צוויי: „וואָס מאכט אייער ברודער, מיין מתנגד?"

איינמאָל איז דער מתנגד שטארק קראנק געוואָרען. ער איז געלעגען ווי א שטיין, ניט גערעדט און ניט גערירט מיט קיין אבר. גראדע איז דער בעש"ט געקומען אין שטאָט. זיינען די צוויי ברידער געקומען צו איהם. פרעגט ער זיי, כדרכו, וואס מאכט זייער ברודער. זאָגען זיי צו איהם: „שלעכט, ער ליגט קראנק." זאָגט דער בעש"ט: „איך וועל איהם געהן מבקר־חולה זיין."

איז ער געקומען צו איהם אום פריטאג. פרעגט ער די צוויי ברידער: „איז עס מעגליך, איך זאל דאווענען שבת ביי דעם חולה?" זאָגען די ברידער: „אפשר, אז ער וואָלט זיין געזונד, וואָלט ער ניט וועלען, אבער אז ער ליגט קראנק, קענט איהר געווים דאָרט דאווענען." האָט דער בעש"ט געהייסען ברייננען א

ספר תורה, און ער האָט דאָרט געדאווענט מנחה און מעריב און שבת פריה האָט ער געדאווענט ביז נאָך האלבען טאָג.

נאָכ'ן דאווענען הערט דער בעש"ט מען שרייט, אז דער חולה איז גוסס. זאָגט ער צו זיינע לייט: „לאָמיר איהם אריינגעהן מבקר חולה זיין." זיינען זיי אלע געגאנגען מיט'ן בעש"ט. דער בעש"ט האָט זיך געזעצט לעבען דעם חולה, האָט איהם אָנגע־רירט מיט די פינגער און געפרעגט: „האָסט געלערנט גמרא"? דער חולה האָט איהם ניט געענטפערט. האָט ער איהם אזוי עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט די פראגע, און דער חולה האָט אלץ געשוויגען. האָט ער א געשריי געטאָן: „ווי האָסטו ניט קיין דרך ארץ, וויפיעל מאָל איך פרעג דיך און דו ענטפערסט ניט."

דער חולה האָט פלוצלונג א ריהר געטאָן מיט די ליפען און שוואך געענטפערט: „יע, איך האָב געלערנט גמרא." פרעגט איהם דער בעש"ט ווייטער: „אין וועלכער מסכתא שטעהט עס, אז א תנא איז געגאנגען מבקר זיין נאָך א תנא א חולה, פרעגט ער איהם צו איז איהם ליעב יסורים?" ענטפערט דער חולה: „אין ברכות." „טאָ וואָס האָט איהם דער תנא, דער חולה גע־ענטפערט?" פרעגט אלץ דער בעש"ט. זאָגט דער חולה: „איך וויל ניט די יסורים און איך וויל ניט דעם שכר". זאָגט צו איהם דער בעש"ט: „איצט גיב מיר דיין האנט." האָט איהם דער חולה אויסגעשטרעקט די האנט. האָט איהם דער בעש"ט אָנ־גענומען ביי דער האנט און איהם אויפגעזעצט. דערנאָך האָט ער איהם געהייסען אראָפלאָזען די פיס פון בעט. האָט ער אזוי געטאָן. דערנאָך האָט ער איהם געהייסען, ער זאל זיך ביס־לעכווייז אָנטאָן, ער זאל זיך ארומוואשען און ער זאל געהן מיט איהם. דער חולה האָט אלץ געטאָן, ווי ער האָט איהם גע־הייסען.

ער האָט מיט איהם אין צווייטען חדר געדאַוונט מוסף און דער חולה איז אינגאנצען געזונד געוואָרען.

——:——

ווי דער בעל-שם טוב פארהיט פון שטן.

יום-כפור איז דעם בעש"ט'ס סדר געווען צו קומען זעהר פריה אין בית המדרש אריין און זיך שטעלען דאווגען דער ערשטער.

איין יאָהר איז דער בעש"ט געקומען זעהר שפּעט. ער איז אריין אין בהמ"ד, זיך אנידערגעזעצט און אנידערגעלעגט די קאָפּ אויפ'ן שטענדער. ער איז אזוי געלעגען א היבשע ווייל‍ע, דאן האָט ער זיך אויפגעהויבען און געגעבען א וואונק, מען זאָל זיך שטעלען דאווגען. מען האָט אָפּגעדאַוונט שחרית און דער שטענדיגער בעל-מוסף, הרב הצדיק ר' דוד פירקס, האָט זיך שוין געגרייט אָנצוהויבען מוסף, ערשט דער בעש"ט שרייט אויס: „ווער וועט דאווגען מוסף?" איז ביי דעם עולם געוואָרען א גרויסע פליאה, נאָר מען האָט מורא געהאט דעם בעש"ט ענטפערען. עס האָט געדויערט א ווייל‍ע און דער בעש"ט שרייט ווידער אויס: „ווער דאווענט מוסף?" האָט מען זיך געמוזט אָנרופען: „ר' דוד'ל איז דאָך דער מתפלל."

אז מען האָט עס נאָר אויסגערעדט, איז דער בעש"ט אָנגעפאלען אויף הרב ר' דוד מיט גרוים זידלעריי: „ווי וואגסטו זיך שטעלען יום כפור ביים עמוד? ווי קומסטו צום דאווגען?" לערך חצי שעה האָט אלץ דער בעש"ט מבזה געווען הרב ר' דוד מיט אזוינע חרופים וואס איז גאָר ניט צו באשרייבען.

דער עולם איז געשטאַנען צוטומעלט, מיט גרוים פּחד און

מורא געהאט זאָגען א וואָרט. דערנאָך האָט געזאָגט דער בעש"ט: „מילא, אז עס איז ניטאָ קיין אנדערער, געה דו ר' דוד". האָט זיך ר' דוד געשטעלט דאוונען מיט א צובראָכען הארץ און האָט ביי זיך געטראכט „ווער ווייס וואס פאר אן עוון דער בעש"ט האָט אויף איהם געפונען. ער האָט די גאנצע תפלה געוויינט מיט אזא בכיה נוראה, וואס איז גאָר ניט צו באַשרייבען.

מוצאי יום הכפורים איז דער עולם, ווי דער סדר איז געווען, געקומען צום בעש"ט. האָט דער בעש"ט אויסגערופען, עס זאָל זיין שטיל. ער וויל דערצעהלען די מעשה מיט ר' דוד'ן.

„די מעשה איז אזוי געווען" האָט דער בעש"ט אָנגעהויבען, „ר' דוד האָט זיך מכין געווען מיט תעניתים און סגופים משבת לשבת, אז ס'וועט קומען צו תפלת מוסף ביום הכפורים מוז ער זיך איינשפארען אזוי לאנג און זיך מוסר נפש זיין, אז משיח זאָל קומען דעם יאהר. קיין ילוד אשה האָט פון דעם ניט געוואוסט. אָבער דער סטרא אחרא האָט זיך אויך זעהר געשטארקט און זיך געשטעלט מיט נאָך שומרים אויף אלע וועגען, וואו די תפלות געהען ארויף, מען זאָל זיי אויפכאפען און ניט דערלאָזען זיי קומען פאר'ן כסא הכבוד. דעריבער — האָט דער בעש"ט ממשיך געווען — האָב איך ניט געוואָלט געהן דאוונען. צו וואס זאָל איך מתפלל זיין, אז די תפלות וועלען ארייַנפאלען צום בעל-דבר. ערשט אז איך האָב געמאכט אן אנדערען וועג פאר די תפלות בין איך געגאנגען אין בהמ"ד דאוונען. אז ס'איז געקומען צו מוסף, האָב איך מורא געהאט, אז אויב ר' דוד וועט זיך שטעלען דאוונען מיט זיינע גרויסע כונות וואס ער האָט זיך מכין געווען, וועט דער שטן אויך זעהר שטארק מקטרג זיין, און ער וועט נאָך, חס ושלום שלעכטעס טאָן צום כלל ישראל, ווייל אויספיהרען קען נאָך ר' דוד נים. די צייט פון משיח איז נאָך ניט

געקומען, און מען מוז דערווייל בעטען ביי גאָט, ער זאל אונז געבען א חיות בין העמים, האָב איך געמוזט דאָס אראָפּוואר־פען ר' דוד'ן פון זיין מחשבה, ער זאל שוין גאָר משיח'ן אין זינען ניט האָבען, האב איך דאס איהם געזידעלט, ער זאל מיינען, אַז איך האָב עפּעס אויף איהם געזעהן, אבער באמת זאָג איך פאר אלע, אז ר' דוד איז א גרויסער צדיק, און איך האָב נאָר געמיינט לטובת כלל ישראל, וואָס איך האָב איהם מבזה גע־ווען."

ר' דוד האָט מודה געווען, אז עס איז אלץ אמת וואס דער בעש"ט האָט דערצעהלט.

——:——

דער בעש"ט און הרב ר' מיכל, זלאטשעווער מגיד.

הרב ר' מיכל, דער זלאטשעווער מגיד, איז אמאָל געווען ביים בעש"ט פרייטאג פריה. זאָגט צו איהם דער בעש"ט: „פאָהר גלייך אהיים". האָט ר' מיכל געטראכט, וואו וועט ער דאָס נעמען א פוהר ערב שבת. איז ער אוועק אין בהמ"ד דאוו־נען. דערנאָך האָט ער מעביר געווען די סדרה און איז געקומען צוריק צום בעש"ט, אָנצובייסען צוזאמען מיט די אורחים, אז דער בעש"ט האָט איהם דערזעהן, זאָגט ער: „עס אָפּ און פאָהר גלייך אהיים. דו וועסט האָבען א פוהר."

האָט ער אָפּגעגעסען און ארוים אין גאס. פּלוצלונג זעהט ער, ווי איינער שטעהט מיט א וואָגען. פרעגט איהם ר' מיכל: „פון וואנען ביזטו?" זאָגט ער „פון אלוק. איך פאָהר איצט אהיים." האָט איהם ר' מיכל געדונגען ער זאָל איהם ברייננען אין זלאטשעוו.

ביים זעגענען זיך, זאָגט דער בעש"ט: „דו וועסט קומען נאָך היינט אהיים, וועסטו טרעפען דיין ווייב געהט שווער צום קינד, זאָלסטו אלע ווייבער אוועקטרייבען און דו זאָלסט איהר זאָגען אין איהר אויער „לישועתך קויתי ד׳" וועט זי האָבען דאָס קינד גיך." צוויי שעה פארנאכט איז ר׳ מיכל געקומען אהיים, און עס איז געווען פונקט ווי דער בעש"ט האָט געזאָגט. ר׳ מיכל׳ס ווייב האָט געהאט א בן-זכר, דאס איז געווען ר׳ יוסף מיאמפאָלע, ז"ל.

———:———

דער בעל-שם טוב ראטעוועט אידען פון אַ בלבול.

אין דער שטאָט פּאוויליטש האָט מען אויף די דאָרטיגע אידען אויסגעטראכט א שארפען בלבול. אלע אידען זיינען געווען אין געפאהר און פיעל זיינען צולאָפען.

הרב ר׳ דוד מקראטשוב, וועלכער איז דאָרט געווען, איז אנטלאָפען קיין מעזבוז צום בעש"ט. ער האָט דערצעהלט דעם בעש"ט פון בלבול, האָט דער בעש"ט געזאָגט, אז זיי וועלען בעז"ה ניצל ווערען.

שפּעטער איז אבער אָנגעקומען ר׳ דוד׳ן א בריעף, וואו מען האָט איהם מודיע געווען, אז מען האָט א סך מענשען אויסגע־הרג׳עט, און אז מען האָט זיי פאר׳ן טויט אָנגעטאָן יסורים נוראים. עס איז געווען ערב שבת. ווען דער בעש"ט איז געוואָהר געוואָרען פון דעם בריעף איז ער געוואָרען זעהר אומעטיג. אז ער איז געקומען אין מקוה, האָט ער זעהר ביטער געוויינט, דערנאָך האָט ער געדאווענט מנחה מיט גרוים טרויער. שפּעטער צו קבלת שבת איז ער אויך ניט געוואָרען פרעהליכער. ער האָט מקבל שבת געווען מיט ציטערניש און געמאכט קדוש מיט געוויין. ביים טיש האָט ער זיך געזאָמט נאָר איין רגע און איז

גלייך אוועק אין זיין שלאָף-חדר און זיך דאָרט פאַרשפאַרט. דער עולם איז געבליבען ביים טיש זיצען און געוואַרט, ער זאָל אַרויסגעהן, אבער ער איז אַלץ ניט אַרוים. איז די ווייב צו איהם אַריין און געזאָגט: „די ליכט געהען אוים, די אורחים וואַרטען, קום אַרוים". האָט ער געענטפערט: „זאָלען זיי אָפּעסען און געהן."

ביז האַלבע נאַכט איז דער בעש"ט געווען פאַרשפאַרט אין שלאָף-צימער. די ווייב האָט אפילו ניט געקענט געהן שלאָפען. ר' דוד מקראַטשוב האָט זיך געשטעלט ביים טהיר און אַריינגעקוקט דורך א שפּאַלט זעהן וואָס טוט דאָרט דער בעש"ט, טאָמער איז ער פאַר'חלש'ט געוואָרען. ער זעהט דער בעש"ט ליגט אויף דר'ערד און וויינט.

ר' דוד איז געבליבען אַזוי שטעהן און קוקען אין שפּאַלט. אַרום האַלבע נאַכט האָט ער דערזעהן ווי א גרויסע ליכטיגקייט האָט באַנגאָסען דעם צימער. דער בעש"ט האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „ברוך הבא, ר' עקיבא", אַלע צעהן קדושים תנאים, וועלכע זיינען אומגעקומען על קדוש השם האָט ער אויסגערופען ביי די נעמען. דערנאָך האָט דער בעש"ט געזאָגט: „קדושים, איך בין אויף אייך גוזר, איהר זאָלט נעמען נקמה פון דעם צורר דעם סענאַטאָר." מעהר האָט ר' דוד ניט געהערט און אויך קיינעם ניט געזעהן. אויפמאָרגען, שבת, האָט דער בעש"ט פון דעם גאָר ניט גערעדט. מוצאי שבת האָט דער בעש"ט געפרעגט ר' דוד'ן: „וואָס האָסטו געזעהן דורכ'ן שפּאַלט?" ענטפער ער: „גאָרניט. איך האָב נאָר אייך געהערט זאָגען „ברוך הבא". האָט איהם דער בעש"ט דערצעהלט, אַז זיינע טרעהרען האָבען אַראָפּגעבראַכט אַלע צעהן הרוגי מלכות און ער האָט געבעטען זיי זאָלען נעמען נקמה פאַר די פּאַוואָליטשער קדושים, האָבען זיי איהם געזאָגט, אַז עס זאָל מעהר ניט אַרויסגעהן פון זיין מויל אַזאַ בקשה, ווייל אויב אויף נעמען

נקמה, וועלען זיי מוזען מגולגל וועלען און אליין נעהמען נקמה, דעריבער בעטען זיי איהם, אז ער זאל מבטל זיין זיינע רייד. האט זיי דער בעש"ט ווייטער געפרעגט: „פארוואס האט מען איהם פון הימעל ניט אויסגעזאגט, אז די פאווילישער קדושים וועלען גע'הרג'עט ווערען?" האבען זיי איהם געענטפערט: „מען האט אויבען מורא געהאט, אז אויב מען וועט אייך מודיע זיין, וועט איהר זיך שטארקען מיט תפלות און נאך מבטל מאכען די גזירה, אבער דאמאלט וואלט נאך א גרעסערע צרה געמוזט קומען איבער דעם כלל ישראל, דעריבער האט מען פון אייך פארבאהאלטען."

א מעשה פון בעל-שם טוב מיט ר' דוד מיקאלייעווער.

דער שטייגער פון ר' דוד מיקאלייעווער איז געוועזן צו פאהרען צום בעש"ט א וואך פאר ראש השנה און דארט האלטען די ימים נוראים און סוכות.

איינמאל האבען זיך געמאכט גרויסע מניעות און ער האט בשום אופן ניט געקענט פאהרען צום בעש"ט אויף ראש-השנה. קוים ערשט ערב יום כפור פארטאג האט ער זיך מיט געוואלד ארויסגעריסען און איז אוועקגעפאהרען. ער איז געפאהרען א גאנצען טאג, און פארנאכט איז ער שוין געוועזן ביי א קרעטשמע ניט ווייט פון מעזבוז. פון דער קרעטשמע זיינען ארויסגעלאפען אידען, איהם אפגעהאלטען און צו איהם געזאגט:

„מיר זיינען ניין אידען, אונז פעהלט איין איד צו א מנין, זייט אזוי גוט און האלט יום-כפור."

ר' דוד האט תחלת געוואלט בלייבען, ווייל עס איז דאך א גרויסע זאך משלים זיין א מנין. באלד האט ער זיך אבער בא-

רעכענט, וויפיעל צער ער האָט דאָס געהאַט, ביז וואנען גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער זאל קענען פאָהרען צום בעש"ט, און איצט, אז ער איז דריי־פערטעל מייל פון איהם, זאל ער ניט קע־נען זיי ביי איהם יום כפור. האָט ער געהייסען דעם משרת א טרייב טאָן די פערד און איז געקומען צום בעש"ט.

אז ער איז אריין צום בעש"ט, האָט שוין דער בעש"ט גע־האט געדאווענט מנחה און ער האָט ר' דוד'ן ניט געגעבען קיין שלום. ערשט מוצאי יום־כפור האָט ער איהם געגעבען שלום מיט א טרויעריגען געמיט און צו איהם ניט גערעדט קיין וואָרט. ר' דוד'ן איז עס געווען א גרויסער חידוש, ווייל ער איז תמיד געווען ביים בעש"ט א גרויסער חשוב.

אזוי איז אריבער א גאנץ סוכות, דער בעש"ט פלעגט זיך דערוווייטערען פון צו רעדען צו ר' דוד'ן. ער, ר' דוד, האָט גע־האט גרוים צער פון דעם, ער האָט זיך געשראָקען, פיללייכט זעהט דער בעש"ט אויף איהם א גרויסע עברה. ער האָט ביי זיך אי־בערגערעכענט אלע זיינע מעשים און גאָר ניט געפונען.

נאָך שבת בראשית שיקט דער בעש"ט איהם רופען און זאָגט צו איהם: „ר' דוד, דו ביזט א הורג נפש בשוגג, ווייל אין יענער קרעטשמע, וואו מען האָט דיך גערופען משלים צו זיין אַ מנין, האָט אויף דעם מנין געוואַרט א נשמה זיבעציג יאהר, און אַז דו ביזט אוועק, האָט זי ניט געקראָגען איהר תקון און וואל־גערט זיך ארום אין עולם התוהו".

אַז ר' דוד האָט דאס דערהערט, האָט ער זיך פאַרנאַנדער־געוויינט, און געפרעגט מיט א קול בכיה: „וואָס זאָל זיין מיין תקון?"

„דו מוזט אויף זיך מקבל גלות זיין" האָט דער בעש"ט איהם געזאָגט, „ווי דער דין איז פון איינעם, וואס הרג'עט א מענשען בשוגג און דו דארפסט אזוי לאנג זיין אין גלות ביז דו וועסט די נשמה מתקן זיין."

זאָגט ר' דוד'ל: „איך וועל געווים פאָלגען, וואס דער רבי וועט מיר הייסען טאָן".

זאָגט צו איהם דער בעש"ט: „דו זאָלסט זיין נע ונד פון איין שטאָט אין דער אנדערער. קיינער זאל דיר ניט קענען און מען זאָל ניט וויסען, ווער דו ביזט. דו זאָלסט זאָגען, אז דו ביזט א קליינער בעל-דרשן און דו זאָלסט האלטען א דרשה אין יעדער שטאָט."

פרעגט איהם ר' דוד: „ווי לאנג זאל עס דויערען, רבי?"

„דו וועסט שוין אליין וויסען" ענטפערט איהם דער בעש"ט. „ווען די צייט וועט קומען, דו זאָלסט געהן אהיים."

ר' דוד האָט אזוי געטאָן. ער האָט זיך אָנגעטאָן אין אָרימע, אָפּגעריסענע קליידער, מען זאל איהם ניט דערקענען, ווייל ער איז שוין געווען מפורסם און געהאט א סך חסידים, און איז אוועק אָפּריכטען גלות.

צוויי יאהר איז ער אזוי געגאנגען פון איין שטאָט אין דער אנדערער, ביז ער איז אזוי געקומען אין סלאָנים, א גרויסע שטאָט אין ליטא. ער איז געקומען אין בהמ"ד און זיך אָנגעגעבען פאר א מגיד. האָט איהם דער פּרנס-חודש פארבעטען צו זיך אהיים, און האָט איהם שעהן אויפגענומען. ער האָט איהם געבעטען ער זאָל איהם זאָגען עפּעס פון זיינע דרשות. ר' דוד האָט איהם געזאָגט און דעם פּרנס-חודש איז עס זעהר געווען געפעלען. זאָגט צו איהם דער פּרנס חודש: „איהר וועט ביי אונז דרשה'נען דעם שבת אין דער גרויסער שוהל." ר' דוד האָט געשוויגען.

פרייטאג איז אבער אין שטאָט אָנגעקומען א גרויסער בעל-דרשן, וואס אלע האָבען איהם געקאָנט. דער פּרנס-חודש האָט דעם בעל-דרשן אריינגענומען צו זיך און איהם אָפּגעגעבען דעם בעסטען צימער. פרייטאג צונאכט האָבען זיך אלע געזעצט צום טיש. פרעגט דער בעל-דרשן דעם פּרנס-חודש אויף ר' דוד'ן, ווער איז ער. זאָגט דער פּרנס-חודש: „דאָס איז אויך א מגיד.

ווען איהר וואָלט ניט קומען, וואָלט ער גע'דרשה'ט אין שוהל, ווייל איך האָב געהערט זיינע דרשות, זיינען זיי מיר זעהר גע־פעלען. נאָר איצט, אז איהר זייט דאָ, וועט ער ווארטען אויף נאָך א שבת."

דער בעל־דרשן האָט געגעבען ר' דוד'ן שלום און איהם גע־בעטען, ער זאל איהם עפּעס זאָגען פון זיינע דרשות. האָט ר' דוד ניט געוואָלט און געשוויגען. איז דער בעל־דרשן געוואָרען אין כעס און זיך אָנגעבייזערט אויף ר' דוד'ן: „אין מסרבין לגדול, אז א גרויסער מענש בעט, דאַרף מען זיך ניט לאָזען בעטען." האָט ר' דוד איהם געזאָגט עפּעס א קלייניגקייט, האָט זיך דער בעל־דרשן אויסגעלאכט און געמאכט גרוים חוזק פון ר' דוד'ן. דערנאָך האָט דער בעל־דרשן אליין געזאָגט תורה.

מען האָט געגעסען און געטרונקען א סך משקה לכבוד דעם אורח, און שפּעט ביינאכט איז מען געגאנגען שלאָפען. ר' דוד האָט אויסגעקליבען שלאָפען אויף דר'ערד, ווייל די גאנצע צייט, וואָס ער האָט אָפּגעריכט גלות, איז ער ניט געשלאָפען אין בעט. דעם בעל־דרשן האָט מען אויסגעבעט אין זיין צימער און דער פּרנס־חודש אליין איז געבליבען שלאָפען פאר'שכור'ט איבער'ן טיש.

דעם בעל־דרשן, וועלכער איז באמת געווען א חוטא, איז איינגעפאלען א א מחשבה זרה, אזוי ווי דער פּרנס־חודש איז שכור און זיין ווייב ווייסט דערפון ניט, איז עם די בעסטע צייט צו זינדיגען מיט איהר. זי וועט איהם ניט דערקענען און וועט מיינען, אז דאס איז איהר מאן, דער פּרנס חודש. אבער ווי ער איז געקומען צו איהר, האָט זיך דעם פּרנס־חודש'ס ווייב גלייך אויפגעכאפּט און פרעגט איהם ווער איז ער. האָט ער גענומען אנטלויפען, האָט זי איהם ניט געקענט איינהאלטען, און האָט נאָר באוויזען אראָפּצוכאפּען דעם קאפּעל פון זיין קאָפּ.

די ווייב האָט געמאכט א טומעל אין שטוב. דער בעל-דרשן האָט געפיהלט אז עס איז שלעכט, און איז געפאלען אויף אַן עצה: ער איז צוגעגאנגען שטילערהייט צו ר' דוד'ן, פון איהם אראָפּגענומען זיין קאפּעל פון קאָפּ, אַנגעטאָן אויף זיך און אוועק אין זיין צימער און זיך געלעגט אין בעט.

די בני-בית האָבען זיך אויפגעכאפּט פון דער ווייב'ס טומעל און אויך דער בעל-דרשן האָט זיך געמאכט, ווי ער כאפּט זיך יעצט אויף פון שלאָף און אויסגעשריען: „וואָס איז דאָס, וואס קומט דאָ פאָר? רופט א גוי, זאל מען אָנצינדען ליכט און זעהן, ווער דער רשע איז." מען האָט אָנגעצונדען ליכט, איז דער בעל-דרשן צוגעגאנגען צו ר' דוד'ן און א שטויס געטאָן מיט די פיס און אויסגערופען: „רשע, דו ליגסט אָהן א קאפּעל."

ער האָט געהייסען איהם תיכף בינדען, מען זאָל איהם אָפּ-פיהרען אין קיך און דאָרטען האלטען ביז שבת צו נאכט.

שבת בייטאָג האָט דער בעל-דרשן גע'דרשה'נט אין שוהל און האָט גע'מוסר'ט, אז די שטאָט איז ניט ריין, ווען אַזאַ מעשה קען זיך טרעפען ביים פּרנס-חודש. צום סוף האָט ער אויסגע-רופען, אז דער גאנצער עולם זאל זיך צוזאמענקומען, זעהן ווי מען וועט דן זיין א חוטא, בכדי יעדערער זאל אראָפּנעמען א מוסר און תשובה טאָן.

נאָך הבדלה איז זיך דער עולם צוזאמענגעקומען, מען האָט געבראכט ר' דוד'ן און דער בעל-דרשן האָט זיך צו איהם גע-ווענדעט: „זיי מודה בפני כל קהל, אז דו האָסט געוואָלט טאָן אַן עבירה." ר' דוד שווייגט, און ענטפערט ניט קיין וואָרט.

גיט דער בעל-דרשן א געשריי: „מען זאָל איהם לעגען שמיי-סען, ביז ער וועט זיך מודה זיין."

ווי מען האָט ר' דוד'ן אנידערגעלעגט צום שמייסען, איז מיט אמאָל געוואָרען א גרויס רעש און א קלאפּעריי אין די

פענסטער און א שטארקער אויסגעשריי האָט זיך געלאָזט הער־רען: „ר' דוד מיקאָלאיעווער איז דאָ!"

דער עולם האָט זיך א לאָז געטאָן אין דרויסען, זעהן ווער קלאפּט עס. אבער מען האָט קיינעם ניט געזעהן, איז ביי אלע־מען געווען א גרויס חידוש. דאָך, אז עס איז געוואָרען צוריק שטיל, האָט מען ר' דוד'ן ווידער געלעגט צום שמייסען, אבער תיכף איז נאָך געוואָרען א שטארקערע קלאפּעריי אין די שויבען און נאָך העכערע קולות: „ר' דוד מיקאָלאיעווער איז דאָ!"

מען איז ווייטער ארויסגעלאָפען און קיינעם ניט געטראָ־פען. איז דער בעל-דרשן געוואָרען אויפגערעגט און אויסגע־שריען: „ניט אנדערש דער רשע איז אויך א מכשף, לאז מען איהם שלאָגען, וועט ער זיך מודה זיין."

האָט מען זיך מיט שטארקייט א נעם געטאָן איהם שמייסען, ערשט די שטוב האָט אָנגעהויבען ציטערען פון די קלאפּערייען און א שטארק קול האָט זיך קלאָר געהערט: „ר' דוד, וואס שווייגט איהר?" ענטפערט ר' דוד: „וואָס זאל איך שרייען, איך מוז ליידען פאר מיינע זינד!" דער עולם האָט ניט געקענט דערקלערען די וואונדער. האָט מען זיך דערמאנט, אז אין שטאָט זיינען דאָ צוויי מענשען, וועלכע קענען גוט ר' דוד מיקאָלייעווער. האָט מען געשיקט נאָך זיי, זיינען זיי געקומען און האָבען ר' דוד'ן תיכף דערקענט. זיי האָבען זיך פארנאַנדערגעוויינט און איהם געפרעגט: „רבי, ווי קומט איהר אהער? וואָס טוט זיך דאָ מיט אייך?" ענטפערט זיי ר' דוד: „איך בין גאָר ניט שול־דיג, דער בעש"ט האָט מיך געשיקט אָפּריכטען גלות, צוליעב דעם וואס איך האָב ניט מתקן געווען א נשמה, און האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאל אין ערגעץ ניט מגלה זיין מיין נאָמען. האָב איך געמוזט שווייגען, ביז מען האָט מן השמים געפרעגט: „ר' דוד, וואס שווייגסטו?" האָב איך געמוזט ענטפערען."

„איצט, רבותי", האָט ר' דוד זיך געקעהרט צום עולם: „זאָלט איהר וויסען זיין, אז דער בעל-דרשן אליין איז עס דער רשע, ער האָט ביי מיר די קאפעל אראָפגענומען פון קאָפּ און אַנגעטאָן אויף זיינעם. איך וועל אייך געבען א סימן, אויפ'ן אונטערשלאק פון קאפעל איז אָנגענייט א קמיע, וואס איך טראָג תמיד, נעמט אראָפּ די קאפעל פון זיין קאָפּ, וועט איהר וויסען אז איך זאָג אמת."

מען האָט אראָפּגעריסען די קאפעל פון בעל-דרשנ'ס קאָפּ, און דאָרט געפונען די קמיע. מען האָט גלייך אוועקגעלעגט דעם בעל-דרשן, איהם שטארק געשמיסען און פארטריבען מיט חרפה פון שטאָט. ר' דוד איז פון דאָרט שוין געפאָהרען אהיים בכבוד גדול.

אַ מעשה נפלא, ווי אזוי דער בעש"ט האָט געלערנט זיינע תלמידים די מדה פון בטחון.

מן השמים האָט מען אמאָל באפוילען דעם בעש"ט, ער זאָל פאָהרען אין א געוויסען דאָרף, צו דעם מוכסן דאָרט, וואס האלט דעם פריצ'ס ארענדע און ער זאָל פון איהם אפלערנען א מוסר, ווי שטארק א מענש דארף האָבען זיין בטחון אין גאָט ברוך הוא.

דער בעש"ט האָט מיטגענומען עטליכע פון זיינע תלמידים מובהקים און איז אוועקגעפאָהרען אין יענעם דאָרף. דער ארענ-דאר, שוין אן אלטער איד, האָט זיי אלעמען זעהר פיין אויפגע-נומען, געמאכט פאר זיי א מאָהלצייט און זיי האָבען דאָרט גע-נעכטיגט.

אויף מאָרגען פריה, ווען דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים האָבען זיך געשטעלט דאוונען, איז אין הויז אריינגעקומען א קאָזאק, געשיקט פון פריץ, און האָט מיט א גרויסען בייטש אָנ־געקלאפט דריי מאל אויפ'ן טיש. דערנאָך איז דער קאָזאק אוועקגעגאנגען.

דער מוכסן איז געווען גאנץ פרעהליך און האָט דעם קאָזאק ניט געזאָגט קיין וואָרט. די אורחים האָבען ניט פארשטאַנען, וואָס דאס באדייט. אז זיי האָבען אפגעדאווענט, איז ווידער גע־קומען דער זעלבער קאָזאק און ווייטער דריי מאל אָנגעקלאפט אויפ'ן טיש. פרעגט דער בעש"ט דעם בעל-הבית: „וואָס באַ־דייט דאס דעם קאָזאק'ס קלאפען אין טיש?" ענטפערט איהם דער מוכסן: „אזוי איז דער שטייגער, ווען איך דארף צאָהלען א ראטע פון דער ארענדע. דער פריץ שיקט דעם קאָזאק, ער זאל אזוי דריי מאל קומען און קלאפען אין טיש, און ווען נאָכ'ן דריי־טען מאָל קומען טראָגט מען נישט אָפּ די ראטע אין הויף אריין, נעמט דער פריץ די גאנצע הויז-געזינד אין תפיסה.

זאָגט דער בעש"ט צו איהם: „עס ווייזט מיר אויס, אז דו האָסט שוין אָנגעגרייט דאָס גאנצע געלט, געה טראָג איהם אָפּ און מיר וועלען ווארטען אויף דיר מיט'ן עסען." ענטפערט דער מוכסן מיט א שמייכעל: „גלויבט מיר, איך האָב נאָך ניט איין פרוטה, נאָר איך זאָרג נישט, השי"ת וועט מיר געווים העל־פען." מען האָט זיך געזעצט עסען, דער בעל-הבית איז אלץ געווען פרעהליך און זיך גאָר נישט געאיילט.

אין מיטען עסען איז ווידער אָנגעקומען דער קאָזאק און געגעבען מיט כעם דריי שטארקע קלעפּ אן טיש, און איז אוועק־געגאנגען. דער מוכסן האָט זיך נישט געגעבען א ריהר פון אָרט. ער האָט געהייסען ווייטער געבען עסען און מען האָט גע־בענשט צוזאמען. נאָכ'ן עסען האָט דער מוכסן אָנגעטאָן די

בגדי־שבת און זאָגט צום בעש"ט: „נו, איצט דאַרף מען געהן אין דאָרף אפטראגען א ראטע."

זאָגט צו איהם דער בעש"ט: „דו האָסט דאָך מ̇יר גע־זאָגט, אז דו האסט נאָך ניט קיין געלט?"

ענטפערט דער מוכסן: „איך האָב נאָך איצט אויך ניט קיין פרוטה, נאָר השי"ת וועט מיר העלפען, ער וועט מיר באלד צושיקען."

די אורחים האָבען זיך שטארק געוואונדערט, און דער בעש"ט איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן גאנעק, קוקען פון וויטען, וואָס וועט זיך טרעפען מיט דעם אידען. דער איד איז זיך גע־גאנגען אויף דעם וועג, וואס פיהרט אין הויף צום פריץ. פלוצלונג האָט זיך פון א זייט ארויפגענומען אויפ'ן וועג א בויד מיט צוויי מענשען און געפאָהרען געגען דעם אידען. אז דער איד האָט זיך באגעגענט מיט דער בויד, האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט און די מענשען האָבען עפּעס גערעדט צום אידען. די פוהר האָט זיך אָבער באלד ווייטער געריהרט פון אָרט, און דער בעש"ט האָט ניט געזעהן, אז זיי זאָלען דעם מוכסן האָבען געגעבען עפּעס געלט. דער מ̇וכסן איז אויך ווייטער אוועק זיין וועג. פלוצלונג האָט זיך די בויד ווייטער אָפּגעשטעלט און די מענשען האָבען צוריקגערופען דעם מוכסן. דאמאָלסט האָבען זיי שוין געצעהלט געלט דעם מוכסן. דער מוכסן האָט צוגענומען די געלט און אַוועק אין הויף.

אז די פוהר איז צוגעפאָהרען צו זיי אין קרעטשמע, פרעגט דער בעש"ט די סוחרים: „וואס האָט איהר גערעדט מיט דעם בעל־הבית?" ענטפערען די סוחרים: „מיר האָבען ביי איהם גע־קויפט די בראנד־וויין, וואס ער וועט אויסטרייבען. מיר האָבען זיך פריהער ניט געקענט אויסגלייכען אין מקח, דער מוכסן האָט געוואָלט מיט עטליכע גרייצער טייערער אויף דעם עמער, האָ־בען מ̇יר איהם ניט געוואָלט געבען און געלאָזט אוועקגעהן. ווען

מיר האָבען אבער געזעהן, אז ער קומט ניט צוריק, האָבען מיר איהם געמוזט געבען וויפיעל ער האָט געוואָלט. מיר האָבען איהם באצאָהלט אין פאָראוים, ווייל מיר ווייסען, אז ער איז אַן אָרענטליכער מאַן."

דער בעש"ט האָט גערופען אלע תלמידים, און זיי דער־צעהלט די מעשה, און זיי געוויזען, ווי גרויס עס איז די מדה פון בטחון, ווי השי"ת העלפט א מענשען, ווען מען שטארקט זיך און מען פארלאָזט זיך אינגאנצען אויף איהם.

ווי א רוצח איז זיך מודה.

ווען דער בעש"ט האָט געוואוינט אין זאסלאוו, האָט מען געפונען א גע'הרג'עטען אין פעלד און מען האָט איהם גע־בראכט אין שטאָט אריין. האָבען די גוים געמאכט א בלבול און זיך געקלאָגט פאר דער דוכסה, אז די אידען האָבען דעם מענשען גע'הרג'עט. האָט די דוכסה געהייסען די זאך חוקר ודורש זיין. אז קהל האָט דאס דערהערט, האָבען זיי זיך זעהר דערשראָקען און זיי האָבען געשיקט דעם ראש־הקהל צום בעש"ט.

אז דער ראש־הקהל איז אריינגעגאנגען צום בעש"ט אין הויז, האָט ער געטראָפען דעם בעש"ט שטעהענדיג און ר' הירש סופר האָט פאר איהם געזאָגט זוהר. האָט ר' הירש דערלאנגט א וואונק דעם ראש־הקהל ער זאל ארויסגעהן. שפעטער אביסעלע איז ער ווידער אריין און האָט דערצעהלט דעם בעש"ט פון בלבול.

„איך הער גאָר ניט רעדען פון דעם אין הויף" ענטפערט דער בעש"ט, „עס איז גאָר ניט."

נאָכ׳ן עסען האָט זיך דער בעש"ט צוגעלעגט א ווײלע. פלוצלונג האָט ער זיך דערלאנגט א כאפ אויף און געהייסען גלייך ווארימען די מקוה. אז דער בעש"ט איז ארויסגעקומען פון מקוה, האָט ער געזאָגט:

„איך הער שוין פון דעם בלבול רעדען אין הויף, אָבער עס וועט דערפון גאָרניט זיין."

אויף מאָרגען איז געקומען א גוי און זיך מודה געווען פאר דער דוכסה, אז ער האָט עס גע׳הרג׳עט זיין חבר, ווייל ער האָט ביי איהם גע׳גזל׳ט א שטיק פעלד. האָט מען איהם געפרעגט: „ווער האָט עס דיר געגויט זיך מודה זיין?"

האָט ער געענטפערט: „ער האָט פון נעכטען אָן געפיהלט, ווי א שטארקע האנט שטויסט איהם צו דער דוכסה אין הויף, אז ער זאָל זיך מודה זיין. ער האָט זיך ניט געקענט ווידערשטע־לען און אלעם דערצעהלט.

דער בעל-שם טוב ווייזט זיינע תלמידים די כונה פון זיין לאבען.

דער סדר פון בעש"ט פלעגט זיין, פרייטאג צו נאכט, צו זי־צען מיט זיינע תלמידים צוזאמען ביי איין טיש. דער בעש"ט פלעגט שטענדיג זיין ביים טיש אין גרוים דבקות און די תלמידים פלעגען זיין אין גרוים פחד און שווייגען, כדי איהם ניט צו שטערען אין זיינע הייליגע מחשבות.

איינמאָל האָט געטראָפען דער בעש"ט האָט געמאכט קדוש און תיכף נאָך דעם האָט ער זיך הילכיג פארנאַנדערגעלאכט. ביי די תלמידים איז עס געווען א גרוים וואונדער, ווייל זיי האָ־

בען קיינמאָל פון איהם אזא זאך ניט געזעהן. דאָך האָבען זיי מורא געהאט איהם צו פרעגען די באדייטונג פון זיין לאכען.

ביים עסען האָט פלוצלונג דער בעש"ט ווידער אָנגעהויבען זעהר שטארק צו לאכען. ביים בענשען האָט ער דריטען מאָל געלאכט, און קיינער האָט אלץ ניט געוואוסט זיין כונה.

אזוי איז אריבער דער שבת און דער בעש"ט האָט פון דעם גאָר ניט גערעדט. צווישען די תלמידים איז אויך געווען הרב הקדוש, ר' וואָלף קיצעס, וועלכער איז געווען ביים בעש"ט זעהר חשוב. אלע מוצאי שבת קודש פלעגט ר' וואָלף פאר־רויכערען דעם בעש"ט די ליולקע און דער בעש"ט פלעגט איהם דערצעהלען אלע זאכען, וואס ער האָט דעם שבת מתקן געווען. האָבען אלע געווארט אויף מוצ"ש, ווען דער בעש"ט וועט עס דערצעהלען ר' וואָלף קיצעס. אבער דער בעש"ט האָט אויך ר' וואָלפ'ן גאָר ניט געדאכט פון דעם, האָט ר' וואָלף זיך גע־שטאַרקט און איהם געפרעגט: „רבי, וואס איז געווען די כונה פון אייער לאכען דריי מאָל פרייטאג צונאכט?" האָט דער בעש"ט איהם ניט געענטפערט אויף דער שאלה, נאָר האָט איהם געהייסען, ער זאל זאגען אלע תלמידים, זיי זאלען אָנטאָן בגדי חול און זאָלען מיט איהם ארויספאָהרען הינטער'ן שטאָט.

זיי האָבען תיכף אזוי געטאָן. זיי זיינען אזוי געפאָהרען צו־זאמען מיט'ן בעש"ט א גאנצע נאכט און קיינער פון די תלמידים האָט ניט געוואוסט, וואוהין מען פאָהרט.

צום פריהמאָרגען זיינען זיי אָנגעקומען קיין קאזניץ. זיי זיינען פארפאָהרען צום פרנס-חודש. דער פרנס-חודש האָט זיי זעהר שעהן אויפגענומען. באלד זיינען אויך אָנגעקומען די נכבדי העיר געבען שלום דעם בעש"ט און העלפען איהם אין וואס ער וועט פארלאנגען פון דער שטאָט. דער בעש"ט האָט געהייסען מען זאָל צו איהם ברייגגען ר' שבתי אייגבינדער מיט זיין ווייב.

ביי די שטאָט-מענשען איז עס געווען א גרויסער פלא, ווייל ר׳ שבתי איז געווען גאָר א פּראָסטער מענש און האָט ניט גע־קענט לערנען. ר׳ שבתי מיט דער ווייב זיינען תיכף געבראכט געוואָרען צום בעש"ט. זאָגט דער בעש"ט צו ר׳ שבתי׳ן: ר׳ שבתי, איך בעט דיך, דו זאלסט מיר דערצעהלען, וואס האָסטו געטאָן דעם פרייטאג צו נאכט, זאָלסט זיך ניט שעמען און דער־צעהלען דעם גאנצען אמת און גאָר ניט לייקענען."

האָט ר׳ שבתי געענטפערט: „איך בעט אייך, רבי, פיליכט האָב איך עפּעס חס-ושלום ניט גוט געטאָן, זאָלט איהר מיר ארויסגעבען א תשובה. איך וועל אייך דערצעהלען דעם גאנצען אמת. די מעשה איז אזוי געווען: איך בין א בעל-מלאכה און דעם גאנצען לעבען האָב איך זיך מפרנס געווען פון מיין ארבייט. איך בין חס-ושלום קיינמאָל צו קיין מענשען ניט אָנגעקומען. גם האָב איך זיך נוהג געווען מיין גאנצען לעבען, אז דאָנערשטאג פלעג איך שוין אלעם אָנגרייטען לכבוד שבת, און פרייטאג צעהן אזייגער אינדערפריה, פלעג איך שוין געהן אין בית-המדרש, זאָגען שיר השירים, תהלים ביז נאכט, און דערנאָך פלעג איך מכבד זיין דעם שבת בכל היכולת. איצט, אויף דער עלטער, האָב איך שוין ניט מיינע כחות צו ארבייטען, און האָב שוין א לאנגע צייט ניט פארדיענט. דאָך בין איך ניט אָנגעקומען צו לייטען, און איך האָב אלעם פארקויפט, וואס איך האָב געהאט, און דער־פון מיך מפרנס געווען.

אויף דעם לעצטען שבת האָב איך שוין גאָר ניט געהאט וואָס צו פארקויפען. איך האָב דאָנערשטאג ניט געקענט קויפען לכבוד שבת אפילו א טרוקען שטיקעל ברויט. איך האָב קיינעם ניט געוואָלט מגלה זיין מיין דחקות, ווייל איך האָב ניט געוואָלט נהנה זיין ממתנת בשר ודם. האָב איך אויף זיך גענומען בעסער צו פאסטען שבת איידער אימעצען צו דערצעהלען. פרייטאג צעהן אזייגער אין דער פריה, האָב איך זיך געקליבען געהן אין

בהמ״ד ווי תמיד. איך האָב אבער מורא געהאט, מיין ווייב וועט אפשר דאָס מגלה זיין פאר די שכנים, האָב איך זיך מיישב געווען און גענומען ביי איהר א תקיעת־כף, אז זי זאל פאר קיינעם נישט אויסזאגען. אויך האָב איך איהר אָנגעזאָגט, אז איך וועל זיך דעם מאָל זאמען אין בהמ״ד ביז שפּעט אין דער נאכט, ווען דער גאנצער עולם וועט שוין האָבען אוועקגעגאנגען, ווייל איך האָב מורא געהאט, מענשען וועלען נאָך ביי מיר פרעגען, פארוואס איז ביי מיר אין הויז פינסטער און עס ברענען ניט קיין נרות־שבת, און איך וועל זיי ניט האָבען וואס צו ענטפערען. דער־נאָך בין איך, כדרכי, אוועק אין בהמ״ד געזאָגט שיר השירים, תהלים, און דאָרט פארבראכט ביז שפּעט אין דער נאכט. שפּע־טער אז איך בין געגאנגען אהיים, איך קום נאָהנט פון מיין הויז, ערשט איך זעה, עס לייכט זיך ביי מיר אין הויז, קלער איך ביי מיר, מיין ווייב האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען און דאס דערצעהלט די שכנים, האָט מען איהר געשאנקען די ליכט. איך געה אריין אין הויז, ערשט דער טיש איז איבערגעדעקט מיט א ווייסער טישטוך, און אויסגעלייגט מיט חלות, פיש און פלייש און יין לקדוש. טראכט איך מיר ווייטער, מיין אלטע האָט עובר געווען אויפ׳ן תקיעת־כף, און דאס איז בודאי א מתנה פון א מענשען. איך האָב אבער ניט געוואָלט פארשטערען דעם שבת און איינגעהאלטען מיין כעס. איך האָב געזאָגט „שלום עליכם“, געמאכט קידוש און זיך געזעצט צום טיש עסען. אינמיטען עסען זאָג איך צו מיין ווייב: „דו האָסט זיך פאָרט ניט געקענט איינהאלטען, און דו ביזט ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון, דו האָסט דערצעהלט די שכנים פון אונזער דחקות.“ האָט זי אויף מיר א קוק געטאָן מיט פאראיבעל און געזאָגט: „ווי קענסטו מיך חושד זיין, אז איך וועל ניט האלטען מיין תקיעת־כף? דו גע־דענקסט, אז ס׳איז אמאָל ביי מיר פארלאָרען געגאנגען אן ארבעל מיט זילבערנע קנעפּלאך? איך האָב זיך שוין

לאנג פון דעם מיאש געווען. היינט איך געה קערען די הויז לכבוד שבת, איך זעה דער ארבעל ליעגט. האָב איך גלייך פארקויפט די זילבערנע קנעפעלאך און דאס האָט מיר מספיק געווען אויף אלע הוצאות שבת. אויך האָב איך געקויפט גרעסערע ליכט, ווייל איך האָב געוואוסט, אז דו וועסט זיך לענגער זאמען אין בהמ״ד.״

ווי איך האָב דאָס דערהערט, בין איך געוואָרען מלא שמחה וחדוה אויף דעם גרויסען חסד, וואס השי״ת האָט מיט מיר געטאָן, איך האָב אָנגענומען מיין ווייב ביי דער האנט און האָב מיט איהר געטאַנצט א לאנגע צייט. אזוי האָב איך געטאָן דריי מאָל, אלץ פון גרוים פרייד, וואס השי״ת האָט מיר געהאָלפען, אז איך האָב ניט געדארפט אָנקומען צו מתנת בשר ודם. איצט, בעט איך אייך, רבי, אפשר איז עס געווען ניט גלייך פון מיר, וואָס איך האָב געטאנצט מיט מיין ווייב, גיט מיר, רבי, ארוים א תשובה, וועל איך מקיים זיין.״

אז ר׳ שבתי האָט געענדיגט דערצעהלען, רופט זיך אָפּ דער בעש״ט צו זיינע תלמידים: „אָט דאָס האָב איך געלאכט דריי מאָל. גלויבט מיר, עס איז געווען א שמחה בכל העולמות און ביי די גאנצע פמליא של מעלה.״

דערנאָך האָט דער בעש״ט געפרעגט ר׳ שבתי׳ס ווייב, וואָס וויל זי בעסער עשירות אָדער א בן-זכר, ווייל זיי האָבען ניט געהאט קיין קינדער. זאָגט זי צום בעש״ט: „וואָס טויג מיר עשירות, איך בין שוין אלט, בעסער וויל איך לאָזען א בן-זכר אויף דער וועלט.״ האָט איהר דער בעש״ט געבענשט און מבטיח געווען, אז ביז צום יאָהר וועט זי האָבען א בן זכר און ער האָט איהר געזאָגט, אז זי זאל איהם א נאָמען געבען ישראל, אזוי ווי זיין נאָמען, און זי זאל איהם מודיע זיין, וועט ער קומען צום ברית-מילה און וועט זיין סנדק.

אזוי איז טאקע געווען. עס איז געבוירען געוואָרען דער קאזניצער מגיד, וואס איז געווען א צדיק מפורסם, און האָט פארלויכטען די וועלט מחכמתו און א סך מַחזיר למוטב געווען מִיט זיינע הייליגע, געטליכע רייד.

מעשיות פון בעל־שם טוב מיט הרב החסיד ר' אבא, רב פון קריוויץ (דערנאָך רב פון שדה־לבן).

צו ר' אבא'ן איז געקומען זיין מחותן, אויך א באריהמטער רב, און זיי האָבען זיך מפלפל געווען אין א משנה. אינמיטען האָט מען זיי אָנגעזאָגט, אז דער בעש"ט פאָהרט צו זיי. אבער, אזוי ווי זיי האָבען לכתחילה פון איהם שטארק ניט געהאלטען, זיינען זיי איהם ניט ארוים אנטקעגען. דער בעש"ט איז אליין אריין צו ר' אבא'ן אין הויז. ער הערט, ר' אבא איז זיך מפלפל מיט זיין מחותן. פרעגט ער איהם: „אין וואס זייט איהר זיך דאָס מפלפל?" האָט איהם ר' אבא אָנגעוויזען גאָר אויף אַן אנדער משנה. האָט דער בעש"ט זיי געזאָגט: „איך ווייס, איהר זייט זיך גאָר מפלפל אין יענער און יענער משנה, אָבער איהר קלעהרט, אז איך פארשטעה סיי־ווי־סיי ניט, וועט זיין רעכט, וואו איהר וועט מִיר ווייזען." און דער בעש"ט האָט זיי מסביר געווען די משנה, אז עס זיינען ביי זיי אויפגעלויכטען געוואָרען די אויגען, און עס איז ביי זיי געווען א גרויסער פלא, ווי אזוי האָבען זיי דאס אליין פריהער ניט פארשטאַנען. זיי האָבען אָנגעהויבען איהם נוהג כבוד זיין, איהם איבערגעבעטען, פארוואס זיי זיינען ניט ארוים איהם אנטקעגען. פון דאמאָלסט אָן, פלעגט ר' אבא קריוויניצער פאָהרען צום בעש"ט איין מאָל אין חודש.

מעשיות ביי שמונה-עשרה.

א.

אמאָל האָט ר׳ אבא געהאלטען שבת ביים בעש״ט און ער האָט זיך טועה געווען אין שמונה-עשרה, און נאָך „האל הקדוש״ אנשטאט צו זאָגען די שבת׳דיגע שמונה-עשרה, האָט ער אָנגעהויבען „אתה חונן״. נאָכ׳ן דאווענען זאָגט צו איהם דער בעש״ט: „זעהר שעהן פון אייך, קריוויצער רב, איהר האָט געדאווענט „אתה חונן״ אום שבת.״

ב.

אין שדה-לבן איז אין דעם בעש״ט׳ס צייט געווען דער אב״ד, הרב החסיד ר׳ חיים. איינמאָל איז דער בעש״ט געקומען אין שדה-לבן אין שוהל און געטראָפען הרב ר׳ חיים׳ן שטעהענדיג שמונה עשרה.

דער בעש״ט האָט זיך געשטעלט אין פאָליש און געהייסען זיין גבאי, ער זאל ארויפגעהן אויבען אָן, אראָפנעהמען די געשריבענע מנורה, וואס שטעהט פאר הרב ר׳ חיים. דער גבאי האָט געפאָלגט.

ווען ר׳ חיים איז אויסגעגאנגען שמונה-עשרה, ער זעהט פלוצלונג די געשריבענע מנורה, וואס פלעגט הענגען אויפ׳ן וואנט לעבען איהם, פעהלט. האָט מען איהם דערצעהלט, אז דער בעש״ט ווארט אין פאָליש, און ער האָט עס געהייסען טאָן זיין גבאי.

ר׳ חיים איז ארויסגעגאנגען אין פאָליש, אריינגענומען דעם בעש״ט אינעווייניג און איהם געפרעגט, פארוואס האָט ער עפּעס געהייסען צונעהמען די מנורה. האָט איהם דער בעש״ט געענט-

פערט: „דו האָסט געהאט א מחשבה זרה אין דאווגען צוליעב דער מנורה, וואס איז געשטאַנען פאר דיר, ווייל דער סופר פון דער מנורה איז געווען א רשע. האָב איך געהייסען דעריבער צונעהמען". האָט ר' חיים מודה געווען, אז באמת האָבען איהם מחשבות זרות אָנפאנגם געשטערט די שמונה-עשרה, דערנאָך זיינען זיי מיטאמאָל אָפגעטראָטען.

מעשות פון בעל-שם טוב מיט הרב ר' יחיאל קאוועלער.

הרב החסיד ר' יחיאל, ווען ער איז געווען בק"ק קאוועלע, האָט ער פיעל געהערט רעדען פון בעש"ט. האָט ער געשיקט א שליח, א תלמיד-חכם, חוקר ודורש זיין, צי איז עפּעס פאראן א ממשות אין די אלע רייד. אונטערוועגס איז דער שליח קראנק געוואָרען און מען האָט איהם קוים געבראכט צופיהרען קיין מעזבוז. דאָרט האָט מען איהם אָפּגעפיהרט אויף אן אכסניה און אריינגעלעגט אין בעט, ווייל ער האָט געהאט גרוים היץ. אז דער בעש"ט האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געשיקט צו איהם זיין שוואָגער ר' גרשון. ר' גרשון איז געקומען צום קראנקען, זיך געזעצט לעבען איהם און צו איהם געזאָגט:

„שטעה גיך אויף, און קום מיט מיר דאווגען מנחה."

האָט דער תלמיד-חכם געמיינט, אז דאס רעדט צו איהם דער בעש"ט און איז אויפגעשטאַנען און איהם נאָכגעגאנגען. ווי ער האָט נאָר אָנגעהויבען צו געהן אביסעל, האָט ער גלייך אָנגעהויבען פיהלען, אז איהם ווערט בעסער און בעסער און די היץ געהט איינגאנצען אָפּ. ביז ער איז געקומען אין בהמ"ד איז ער געוואָרען איינגאנצען געזונד. איז דער ת"ח זעהר

נשתומם געוואָרען און איהם געפרעגט, צו איז ער דאס דער בעש"ט. ענטפערט איהם ר' גרשון: „איך וואלט מיר געוואונ-שען האָבען דעם עולם הבא, וואס אונזער רבי איז מתקן פאר-רויכערענדיג זיין ליולקע." האָט שוין דער שליח פארשטאַנען, וואס דער בעש"ט איז, אז זיינער א שליח קען אויפטאָן אזוינע נפלאות.

———:———

מעשות ווען דער בעל-שם טוב האָט זיך געקליבען פאָהרען קיין ארץ ישראל און די עכובים, וואָס ער האָט געהאט.

דער בעש"ט האָט באשלאָסען צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. ער האָט מיטגענומען זיין טאָכטער און אויך ר' הירש סופר.

אויפ'ן וועג האָבען זיי געהאט גרויסע עכובים און זיינען פארבליבען אויף פסח אינמיטען וועג, אין סטאמבול. דאָרט האָט קיינער דעם בעש"ט ניט געקענט און ער האָט קיין זאך ניט געהאט אויף פסח.

אז עס איז געקומען ערב פסח, האָט איהם זיין טאָכטער געפרעגט, וואס וועלען זיי טאָן אום פסח? האָט איהר דער בעש"ט געענטפערט: „השי"ת וועט אונז העלפען."

דעם גאנצען טאָג ערב פסח איז דער בעש"ט געזעסען אין בהמ"ד און געלערנט און זיין טאָכטער איז געווען אין אכסניה, וואו דער בעש"ט האָט זיך אויפגעהאלטען. ערשט פארנאכט איז פארפאָהרען א איד פון פוילען אין דער אכסניה און פרעגט: „וואו שטעהט דאָ ר' ישראל פון פוילען?" מען האָט איהם אָנ-געוויזען אויפ'ן בעל-שם טוב'ס חדר. איז ער אריין און גע-טראָפען די טאָכטער. האָט ער איהר געפרעגט, אויב ער קען

צוזאמען מיט זיין ווייב האלטען פסח אינאיינעם מיט'ן בעש"ט. האָט די טאָכטער געענטפערט, אז איהר פאָטער וועט ניט מקפיד זיין. האָט ער באלד געהייסען ברייגנען זיינע זאכען, אלדאָס גוטס פון עסען און טרינקען, און עס אריינגעטראָגען צום בעש"ט אין חדר.

מען האָט אָנגעצונדען לכבוד יום טוב א סך ליכט, מען האָט געבעט א שעהנע העסע בעט, און דער אורח איז געגאנגען דאווגען. אז ער איז געקומען פון דאווגען, איז נאָך דער בעש"ט ניט געווען פון בהמ"ד און מען האָט לאנג געווארט. שפעטער איז געקומען דער בעש"ט. אז ער האָט געזעהן די ליכטיגקייט אין הויז מיט די געגרייטע טישען, האָט ער זיך גאר ניט גע־וואונדערט און צו קיינעם ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט געמאכט קידוש און זיך געזעצט צום סדר אזוי ווי עס געהער צו זיין. ערשט נאָך דעם אנדערען כוס האָט ער דעם אורח גע־געבען שלום און געזאָגט צו איהם: „איך ווייס דיין בקשה, דו האָסט ניט קיין קינדער, נאָר דערפאר וואס דו האסט מיך איצט מחיה געווען, שווער איך דיר, אז דיין ווייב, וואס זיצט דאָ מיט דיר, וועט האָבען איבער א יאהר א קינד."

דער אורח האָט זיך זעהר דערפרעהט און געדאנקט דעם בעש"ט. זיי זיינען אלע געווען זעהר פרעהליך. פלוצלונג איז אויף א ווייל דער בעש"ט שטיל געוואָרען. ער האָט געהערט א כרוז מן השמים, אז ר' ישראל בעש"ט האָט אָנגעוואוירען זיין חלק עולם הבא, ווייל ער האָט געשוואוירען, אז דער אורח וועט האָבען א קינד, ווען דער מענש איז געווען בטבע אן עקר און זיין ווייב אן עקרה. מען האָט ניט געוואָלט מן השמים, אז דעם בעש"ט'ס שבועה זאל בטל ווערען, האָט מען צוליעב איהם משנה טבע געווען, אָבער דער בעש"ט האָט אָנגעוואוירען צו־ליעב דעם זיין עולם הבא.

אז דער בעש"ט האָט דאס געהערט, איז ער ביי זיך ניט אראָפּגעפאלען, אדרבה, ער האָט זיך נאָך מעהר געפרעהט און געזאָגט, אז איצט איז די בעסטע צייט צו דיענען הקדוש ברוך הוא אָהן קיין שום זייטיגע כונה, נאָר מיט'ן ריינעם ווילען צו דיענען גאָט ברוך הוא ווי עס שטעהט „היו כעבדים המשמשים את הרב שלא על מנת לקבל פרס."

אז דער בעש"ט האָט דאָס געזאָגט, האָט ער ווידער גע־הערט א כרוז, אז מען האָט איהם צוליעב דעם אומגעקעהרט זיינע זכיות. זיי האָבען אלע פרעהליך פארבראכט די ערשטע טעג פּסח.

חוה"מ איז דער אורח מיט זיין פרוי געפאָהרען אהיים און דער בעש"ט איז ארום מיט ר' הירש סופר זוכען א שיף אויף צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. קיין שיף איז גראדע ניט געווען, זאָגט דער בעש"ט צו ר' הירש סופר, „אויב דו ווילסט, וועל איך פארשפרייטען מיין פאטשיילע אויפ'ן ים און מיר וועלען גלייך קומען קיין ארץ ישראל. נאָר איך וועל דיר דארפען מוסר זיין א שם, און דו וועסט מוזען דעם שם נאָכאַנאַנד האָבען אין זינען, זיך ניט מסיח דעת זיין אפילו אויף א רגע, ווארום ביי דער קלענסטער הסח הדעת, וועלען מיר זיין אין גרוים סכנה." האָט ר' הירש סופר ניט געוואָלט איינשטעלען דעם בעש"ט'ס לעבען, און האָט געזאָגט, אז ער קען זיך דאס ניט אונטער־נעהמען.

זיינען זיי ווייטער געגאנגען אויפ'ן האפען זוכען א שיף ביז זיי האָבען געפונען א גוטע שיף. זיי האָבען באצאָהלט דעם שיפס־קאפּיטאן און זיינען אלע אריינגעגאנגען אין שיף.

אז זיי זיינען אָפּגעפאָהרען ביי צוויי טעג מיט'ן שיף, איז אויסגעבראָכען א גרויסער שטורם־ווינט און פארטראָגען די שיף זעהר ווייט, און מען האָט איהר צוריק בשום אופן ניט געקענט ארויספיהרען אויפ'ן גלייכען וועג, האָט דער שיפס־קאפּיטאן

געאנקערט די שיף ביי אן אומבאקאנטען אינזעל, זיינען אלע ארויף אויפ'ן ברעג און אויך דער בעש"ט מיט זיין טאָכטער און ר' הירש'ן. זיינען זיי געווען אויפ'ן אינזעל א לאנגע צייט ביז עס איז אָנגעפאָהרען נאָך א שיף און דער שיפס-קאפּיטאן פון יענער שיף האָט געוויזען דעם בעש"ט'ס שיף די וועג, און ווייל דאס איז געווען נאָהנט פון סטאמבול, האָט זיך די שיף אומגעקעהרט קיין סטאמבול. דאמאָלט האָט דער בעש"ט גע־זעהן בחוש, אז מן השמים לאָזט מען איהם ניט פאָהרען קיין ארץ ישראל, און זיי האָבען זיך אלע צוריקגעקעהרט אהיים.

ווי דער האליטשער רב האָט דערקענט די גרויסקייט פון בעל-שם טוב.

דער בעש"ט איז שוין דאן פארבליבען א לאנגע צייט אין האליטש. אין שטאָט איז אויך געווען א רב, א תלמיד חכם, א מופלג בתורה. ער איז, אבער, געווען א מתנגד אויף דעם בעש"ט, און האָט איהם תמיד נאָכגעקוקט מיט חשד, און געוואָלט וויסען דעם שורש פון דעם בעש"ט'ס הנהגה.

דער בעש"ט האָט זיך נוהג געווען, צו דאווענען מנחה אום ערב שבת פיער שעה צו נאכט. די שמונה-עשרה פון מנחה פלעגט ביי איהם געדויערען לערך צוויי שעה, ווייל דאן פלעגט ער מעלה נשמות, און אויך גאנץ אָפט מעלה עולמות זיין.

דעם רב, דעם מתנגד לבעש"ט, פלעגט עס זיין קשה, וואס דער בעש"ט שטעהט אזוי לאנג שמונה עשרה, און האָט ניט געגלויבט, אז א מענש קען זיך אזוי לאנג מעמיק זיין אין כונות, שטעהענדיג אויף די פיס. האָט ער געטראכט, ווער וויים וואס דער בעש"ט טהוט דאָרט? ער איז איינמאָל צוגעגאנגען צום

בעש"ט, ווען יענער האָט געדאַווענט מנחה, אויפגעהויבען דעם טלית פון זיין פנים, און אויף איהם א קוק געטאָן. אין דער רגע איז דער תלמיד חכם געפאלען אין חלשות. עס האָט געדויערט זעהר לאנג ביז מען האָט איהם אָפּגעראַטעוועט. דערנאָך איז ער געלעגען קראנק דריי חדשים, אז דער תלמיד-חכם איז גע־זונד געוואָרען, האָט ער דערצעהלט, וואס ער האָט דאמאָלט געזעהן, אויפהויבענדיג דעם טלית. דער בעש"ט האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי א טויטער מענש. דער גוף איז געווען פאר־גליווערט, ווי ביי א גולם, די אויגען פארגלאָצט און טרעהרען האָבען זיך פון זיי געגאָסען שטראמען, ווי פון רעהרען. ער האָט זיך דעריבער אזוי דערשראָקען, אז ער איז דאָס געפאלען אין חלשות.

פון דאמאָלט אָן האָט דער תלמיד-חכם אויף זיך מקבל גע־ווען צו זיין נכנע פאר דעם הייליגען בעש"ט, ווייל ער האָט גע־זעהן, אז דער בעש"ט איז א קדוש ונורא, און זיין עבודה להשי"ת איז געווען וואונדערליך, אז קיין מענש ווי אויך מלאכים ושרפים האָבען ניט געקענט משיג זיין. זכותו יגן עלינו.

נאָך אַ מעשה פון בעל-שם טוב מיט זיין שוואָגער ר' גרשון.

ווען ר' גרשון קיטעווער איז געפאָהרען פון ארץ-ישראל קיין חוץ-לארץ טאָן א שידוך מיט זיין זוהן, האָט ער, זיצענדיג אין שיף אויפ'ן ים, באשלאָסען, אז גאָט וועט איהם העלפען און איהם איבערברענגען בשלום דעם ים, וועט ער פאָהרען צו זיין שוואָגער, דעם בעש"ט.

אז ער איז אריבער בשלום, האָט ער זיין באשלוס געהאל־טען און גלייך געפאָהרען צום בעש"ט. ווען ער איז געקומען

צו איהם, איז עס געווען מנחה צייט. דער בעש"ט ווי אויך ר' גרשון האָבען ביידע גלייך זיך געשטעלט דאווענען מנחה. ר' גרשון, כאָטש ער האָט שטארק מאריך בתפלה געווען, האָט אָפּ־געדאַווענט, דערנאָך מעביר געווען די סדרה און זיך אויך צוגע־לעגט א ווײַלע אפּרוהען. דער בעש"ט אבער איז נאָך אלץ גע־שטאַנען די שמונה־עשרה פון מנחה. ערשט ווען עס האָבען זיך באוויזען שטערען אויפ'ן הימעל, האָט דער בעש"ט געענדיגט דאווענען מנחה.

שפּעטער, ביים טיש, האָט ר' גרשון געפרעגט דעם בעש"ט: „וואָס האָסטו אזוי מאריך בתפלה געווען. איך האָב אויך גע־דאווענט מיט כונות, דאָך האָב איך באוויזען מעביר זיין די סדרה און זיך נאָך צולעגען און דו האסט אלץ געדאווענט? האָט איהם דער בעש"ט געענטפערט: „בשעת איך זאָג מחיה מתים, קומען צו מיר פיעל מתים און בעטען מיך, איך זאל תפלה טאָן פאר זיי און זיי מתקן זיין. איך טו זיי צוליעב און בין מתפלל פאר זיי, דעריבער געדויערט עס אזוי לאנג." האָט ר' גרשון א לאַך געטאָן און געזאָגט: „פארוואס קומען ניט די מתים צו מיר?"

זאָגט איהם דער בעש"ט: „אז דו וועסט האלטען ביי מיר נאָך א שבת, וועל איך דיר איבערגעבען די כונות, וועלען זיי קומען צו דיר אויך." איז ר' גרשון געבליבען נאָך אויף א שבת, און דער בעש"ט האָט איהם מוסר געווען די כונות. ערב שבת צו מנחה, האָט זיך ר' גרשון געשטעלט שמונה־עשרה, אבער דער בעש"ט האָט ניט אָנגעהויבען צו דאווענען, ווייל ער האָט גע־וואוסט, אז ווי ר' גרשון וועט אָנהויבען מיט די כונות, וועט ער זיך זעהר דערשרעקען און ער קען נאָך חלש'ן. כך הוה, אז ר' גרשון איז געקומען צו מחיה המתים און גענומען מכון זיין די כונות, זיינען אָנגעקומען אזוי פיעל מתים, ממש ווי א גרויסער חיל, האָט זיך ר' גרשון זעהר דערשראָקען און געפאלען אין

חלשות. דער בעש"ט האָט איהם אָפּגעמינטערט און געהייסען מעהר ניט מכון די כונות.

ביים עסען האָט צו איהם געזאָגט דער בעש"ט: „דו וועסט שוין ווייטער ניט לאַכען פון דיין שוואגער, דעם בעש"ט. פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך ר' גרשון בדובק געווען אין בעש"ט.

וועגען בעש"ט'ס טאָכטער האָדעל.

ווי באוואוסט, האָט דער בעש"ט ניט געהאַט קיין זכרים. ער האָט נאָר געהאַט איין־און־איינציגע טאָכטער, האָדעל. האָדעל האָט א לאַנגע צייט קיין קינדער ניט געהאַט. פלעגט זי זעהר וויינען פאר'ן טאַטען, ער זאל איהר בענשען, זי זאל האָבען אַ קינד. האָט איהר דער בעש"ט געזאָגט: „זאָרג ניט, מיין טאָכ־טער, דו וועסט געהאָלפען ווערען דורך איינעם פון מיינע תלמידים"

איינמאָל, שמחת תורה, האָבען זיך דעם בעש"ט'ס תלמידים זעהר שטארק משמח געווען. זיי האָבען געטאַנצט און גע־שפרונגען. פלוצלונג איז איין תלמיד אין מיטען טאַנצען געבלי־בען שטעהן. עס האָט זיך ביי איהם אראָפּגעריסען א פאַנטאָפעל פון פוס און איז פארוואָרפען געוואָרען ווייט. האָט ער געגע־בען א געשריי צום בעש"ט'ס טאָכטער אויף גוי'איש: „האָדעל, פּאָדאַוואַי מיניע באַטינקי, טאָ בודיש מיעט דאָטיענקו" (האָדעל, גיב מיר די פאַנטאָפעל, וועסטו האָבען א קינד).

ווי דער בעש"ט האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט צו זיין טאָכטער: „האָדעל, דערלאַנג איהם געשווינד דעם פאַנ־טאָפעל."

זי אזוי אוועק זוכען דעם פאַנטאָפעל און האָט איהם ניט גע־קענט געפינען. נעמט זי און טוט אוים די פאַנטאָפעל פון איהרע

פים און דערלאנגט איהם. האָט דער תלמיד געזאָגט: „דאָיאָש דוויע באטינקי, מיעט דווא דעטינקא“ (האָסט געבראכט צוויי פּאנטאָפעל, ועסטו האָבען צוויי קינדער).

אזוי איז טאקע דערנאָך געווען. דעם בעש״ט׳ס טאָכטער האָט געהאט א צווילינג: איינער איז געווען דער זדוליקאָווער צדיק, דער אנדערער — ר׳ ברוך מעזבוזער ז״ל.

פטירת בעש״ט, ז״ל.

דער בעש״ט איז פאר דער פטירה ניט געלעגען אין בעט, נאָר ער איז ארומגעגאנגען, ביז ער האָט ביסלעכווייז פארלוירען די כחות. דער בעש״ט איז נפטר געוואָרען דעם ערשטען טאָג שבועות. מיט א פּאָר וואכען פריהער, האָט ער זיך פארשפּארט אין א באזונדער שטיבעל און האָט קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזט.

זיינע לייט, זעהענדיג, אז דער בעש״ט געהט אוים פון טאָג, האָבען זעהר געשריען און מתפלל געווען פאר איהם, האָט צו זיי דער בעש״ט געזאָגט: „וואָס שרייט איהר אומזיסט? ס׳וועט קיין זאך ניט העלפען. מיין צייט איז געקומען נפטר צו ווערען.“

מען האָט געוואָלט צו איהם ברייננען א גרויסען דאָקטאר, האָט ער ניט געלאָזט און געזאָגט: „איהר זייט זיך טועה, איהר האלט מיך פאר א מענשען גלייך ווי אלע אנדערע.“

אז עס איז געקומען שבועות, האָט ער געהייסען, מען זאל ביי איהם וואך זיין. א גאנצע נאכט האָט מען געלערנט. ווען ס׳איז געוואָרען ליכטיג, האָט ער געהייסען דאווענען. נאָכ׳ן דאוו־נען, האָט ער געזאָגט, מען זאל עסען די מילכיגע סעודה, ווי תמיד, נאָר ניט מאכען קיין שהיות. דערנאָך האָט ער אלעמען

פאררופען און געבענשט. ער האָט אויך געזאָגט, אז ווען ער וועט נפטר ווערען, וועלען זיך שטעלען אלע זייגערס אין שטאָט.

ווי עס איז געקומען חצות היום איז די זון מיט אמאָל פינס־טער געוואָרען, אלע זייגערס אין שטאָט האָבען זיך אָפּגע־שטעלט, ונשמתו יצאת בקדושה וטהרה. זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

———:———

וועגען מעזעריטשער מגיד, ז"ל.

ווי הרב הגדול, דער מעזעריטשער מגיד, האָט זיך מקרב געווען צום בעל־שם טוב.

הרב הקדוש מוה"רר דוב בער, וואס איז דערנאָך געוואָרען מגיד משרים אין מעזעריטש און איז באוואוסט געווען מיט דעם נאָמען דער מעזעריטשער מגיד, איז געווען א גרויסער למדן און א מופלג בגמרא ופוסקים, בנגלה ונסתר. ער איז אויך גע־ווען א גרויסער חסיד און פלעגט פאסטען כמה פעמים משבת לשבת. דאָס איז אלץ געווען מיט'ן גייסט. קערפערליך איז ער אָבער געווען א גרויסער חלש און האָט געהאט אן אינעווי־ניגסטע חולאת ר"ל.

ר' בער האָט געוואוינט אין אין טורטשין.

איינמאָל איז אין טורטשין געקומען הרב החסיד המפורסם מוה' ר' מענדעל פון באר ז"ל. האָט ער באזוכט ר' בער'ן און מיט איהם געשמועסט אין דברי תורה.

ער האָט געזעהן, אז ער איז גאָר אן אדם גדול, און האָט אויך באמערקט, דאס ער איז א חלש. זאָגט ער צו ר' בער'ן:

„איהר זייט א חולה, האָט איהר גאָר ניט געהערט, אז ס'איז פאַראַן א בעש"ט, וואס טוט פעולות, פאָהרט צו איהם, וועט ער אויך אייך טאָן א פעולה."

ענטפערט ר' בער: „טוב לחסות בד' מבטוח בבני אדם." איך וועל ניט פאָהרען צו קיין מענשען."

איז ר' מענדעל אוועקגעפאָהרען און געקומען צום בעש"ט. „איך האָב אין טורטשין" האָט ר' מענדעל געזאָגט דעם בעש"ט „געזעהן זעהר א שעהנע כלי, אבער ער איז א גרויסער חולה." זאָגט צו איהם דער בעש"ט: „איך זעה איהם שוין עטליכע יאהר און האָב חשק ער זאל צו מיר קומען. ער איז זעהר א גרויסע זאך, מען קען פון איהם מאכען מעהר ווי פון אלע מיינע מענשען."

איז ר' מענדעל געפאָהרען צוריק און איינגערעדט ר' בער'ן, ער זאל פאָרט פאָהרען צום בעש"ט.

ר' בער איז געפאָהרען און אונטערוועגס האָט ער זיך עטליכע מאָל געוואָלט אומקעהרען, ווייל ער איז געווען א גרויסער מתמיד און עס האָט איהם באנג געטאָן, וואס ער איז מבטל דאס לערנען.

אז ער איז געקומען צום בעש"ט, האָט דער בעש"ט איהם שעהן אויפגענומען און מיט איהם געשמועסט. קיין תורה האָט איהם דער בעש"ט ניט געזאָגט, נאָר ער האָט איהם כסדר דערצעהלט מעשיות. האָט ר' בער שטארק מתחרט געווען אויף זיין פאָהרען, און געהאט צער אויף דעם ביטול התורה. ער האָט באשלאָסען, ער זאל זיך מאכען גרייט אין א פאָר טעג, און ווען די לבנה וועט אויפגעהן, וועט ער פאָהרען אהיים.

אז ס'איז געקומען דער טאָג פון פאָהרען, איז ער אריין זיך זעגענען מיט'ן בעש"ט. האָט דער בעש"ט געבעטען איהם זיצען, און איהם געפרעגט: „דו קענסט קבלה?" ענטפערט ר' בער: „יע". ווייזט איהם דער בעש"ט א שטיקעל עץ-חיים. האָט דער

מגיד איבערגעזועהן פריהער און געזאָגט דעם רעיון. זאָגט דער בעש"ט: „דו זאָגסט, נאָר ס'איז א גוף אָהן א נשמה. איך וועל דיר זאָגען, וועסטו הערען."

ווי דער בעש"ט האָט גענומען זאָגען, איז ר' בער נבהל ונשתומם געוואָרען. ס'איז אינגאנצען געווען אנדערש. ער האָט אנטפּלעקט פאר איהם סודות התורה, און אין הויז איז געוואָרען ליכטיג. האָט דער מגיד גלייך אָפּגעשאפט די פוהר און איז געבליבען ביים בעש"ט.

פון דאמאָלסט אָן פלעגט דער בעש"ט אלע פארטאג שטילערהייט קומען צו ר' בער'ן און מיט איהם געלערנט סודות התורה.

ר' וואָלף קיצעס, דעם בעל-שם טוב'ס תלמיד מובהק, האָט זיך דערוואוסט, אז דער בעש"ט געהט ערגעץ אלע פארטאָג. האָט ער איהם נאָכגעקוקט עטליכע טעג, ביז ער איז דערגאנגען, אז ער געהט צום מגיד. איז ער געקומען צום שטיבעל, וואו דער מגיד האָט געוואוינט און האָט אונטערגעהערט דעם בעש"ט'ס קול, ווי ער האָט געלערנט מיט ר' בער'ן אין מעשה מרכבה. האָט עס ר' וואָלפ'ן זעהר פארדראָסען, פאר וואס דער בעש"ט האָט מיט איהם ניט קובע געווען קיין צייט צום לערנען, און ער האָט עס געפרעגט דעם בעש"ט. האָט ער איהם געענטפערט: „וואס זאל איך טאָן, אז איך האָב נאָך ניט געהאט אזא כלי ווי ר' בער. איך וואָלט גערן מיט איטליכען געלערנט, אָבער ניט אלע קענען מקבל זיין." צום סוף איז ר' וואָלף קיצעס שוין אליין געגאנגען צום מגיד און ביי איהם געלערנט.

דער בעש"ט האָט געגעבען דעם מגיד א סך רפואות און האָט איהם פיעל געהיילט פון זיין שוואכקייט, כאָטש אינגאנצען אויסהיילען האָט ער איהם ניט געקענט.

שפּעטער האָט דער רב המגיד אליין געהאַט פיעל תלמידים און ער פלעגט זיי זאגען דברי תורה און א פירוש אויף כמה מאמרי זוהר און ער האָט זיי שטענדיג געזאָגט, אז דאס האָט ער אלץ מקבל געווען פון בעש"ט.

מעשה פון מגיד הקדוש מיט הרב ר' אהרן מקארלין, ז"ל.

דער רבי, ר' אהרן קארלינער, איז פאַר פסח געווען ביים הרב המגיד. ער איז ביי איהם געווען ביי א וואָך צייט און זיך מיט איהם געזעגענט אויף צו פאָהרען אהיים אויף פסח.

הרב המגיד האָט זיך פיין מיט איהם צוזעגענט און איהם געגעבען רשות צו פאָהרען. אז ער איז ארויסגעגאנגען, איז דער מגיד גיך ארוים צו זיינע תלמידים און זיי אָנגעזאָגט „זעהט, לאָזט ר' אהרנ'ען ניט פאָהרען אהיים."

זיינען די תלמידים געגאַנגען צו ר' אהרנ'ען און איהם צוגערעדט, ער זאל בלייבען ביים מגיד איבער פסח. ר' אהרן האָט זיי נישט געוואָלט פאָלגען. האָבען זיי איהם צו איהם געזאָגט: „רבינו האָט אונז אָנגעזאָגט, אז מען זאל דיר נישט לאָזען פאָהרען אהיים." איז ר' אהרן געגאַנגען צום מגיד און האָט איהם געפרעגט, אויב ער הייסט איהם ניט פאָהרען אהיים אויף פסח, וועט ער דאָ פארבלייבען. האָט איהם דער מגיד געזאָגט: „איך האלט דיך ניט אָפּ, ווילסט פאָהר."

ווי ער איז ארוים, האָט דער מגיד ווידער אָנגעזאָגט די תלמידים, מען זאל איהם זעהן אָפּהאלטען, ער זאָל דאָ זיין יום-טוב.

האָבען די תלמידים ווידער מיט איהם גערעדט, אבער עס

האָט גאָר ניט געהאָלפען. ר' אהרן האָט זיי ניט געהערט, און איז אוועקגעפאָהרען אויף פסח אהיים.

ווי ער איז געקומען אין דערהיים, איז ער גלייך קראנק געוואָרען און דעם ערשטען טאָג פסח איז ער געשטאָרבען.

האָבען די תלמידים געפרעגט דעם מגיד, פארוואס האָט ער אליין ניט געבעטען ר' אהרנ'ען דאָ בלייבען, וואָלט ער איהם דאָך געפאָלגט. האָט זיי דער מגיד געזאָגט: „ס'שטעהט אין דער תורה אויף משה רבינו ע"ה, „בכל ביתי נאמן הוא", וואָס מיינט די תורה מיט דעם, איז דען עפעס דאָ צו'גנב'נען ביי גאָט? די תורה מיינט אבער, אז וואס משה האָט געזעהן ביי גאָט, האָט ער ניט מגלה געווען צו קיין מענש, און דאס הייסט נאמנות. איך האָב אויך ניט געטאָרט מגלה זיין, וואס איך האָב געזעהן."

שפּעטער האָט דער מגיד געטאָן א שידוך מיט ר' אהרן קארלינער'ס טאָכטער, די יתומה, מיט ר' מנחם נחום טשערנאָבאלער.

די תנאים זיינען געווען ביי הרב המגיד אין הויז. עס זיינען ביי געווען פיעל צדיקים. מען האָט אָנגעשריבען די תנאים און מען האָט מכבד געווען ר' מנחם מענדעל וויטעבסקער, בעל מחבר פון ספר „פרי הארץ", אז ער זאל לייענען די תנאים.

ער האָט אָנגעהויבען לייענען, און ווען ער האָט אויסגעלייענט דער כלה'ס נאָמען און געזאָגט „בת הרב ר' אהרן" איז ער געפאלען אין חלשות. מען האָט איהם ניט געקענט אויפוועקען, ביז הרב המגיד איז צו איהם אליין צוגעגאנגען און געזאָגט: „וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקען, האָסטו דען קיינמאָל ר' אהרנ'ען נישט געזעהן?" האָט ער זיך אויפגעכאפּט און געענטפערט דעם מגיד: „איך האָב זיך דערשראָקען, ווייל זיינע זאכען האָבען שרעקליך געלויכטען."

———:———

מעשה מהרב הקדוש ר' לוי יצחק בערדיטשעווער זצ"ל.

הרב הקדוש ר' לוי בארדיטשעווער איז באמת געווען ווי א מלאך אלקים אין קדושה וטהרה.

ער פלעגט דאווענען מיט אזא קול רם ונורא, אז ביי די מענשען, וועלכע פלעגען איהם צוהערען, זיינען די הערצער צוגאנגען פון פיעל הרגשה און יראה.

צדיקים האָבען געזאָגט אויף איהם, אז ער האָט נשמת ר' עקיבא התנא, ווען ער פלעגט זיך שטעלען דאווענען אין איין ווינקעל, האָט מען איהם געפונען אין דעם אנדערען, ווייל ער האָט ניט געקענט איינשטעהן פאר פחד ואימה מפני הקדוש ברוך הוא.

זיינע הנהגות זיינען אויך געווען זעהר דערהויבענע. ערב יום כפור פארנאכט, ווען ער איז געגאנגען אין שוהל, פלעגט ער פשוט קריכען בפשוט ידים ורגלים פון גרוים אימה פאר'ן יום-הדין. אז ער פלעגט אריינגעהן אין שוהל, פלעגט ער תיכף ממליץ זיין טוב אויף דעם כלל ישראל, און ער פלעגט זאָגען:

„רבש"ע, דו האסט אונז געגעבען צוויי טעג אין יאהר ערב יום כפור און יום כפור. ערב יום כפור איז א מצוה צו עסען און טרינקען, און יום כפור — צו פאסטען. זעה, דיין פאָלק ישראל, זיי זיינען אלע געקומען אין שוהל אריין. עס פעהלט ניט קיין מענש. קיינער איז ניט שכור, און קיינער איז ניט געבליבען אין דערהיים נאָך דעם עסען און טרינקען."

מוצאי יום-כפור פלעגט ער וואך זיין א גאנצע נאכט און לערנען מסכת סוכה, כדי ממשיך צו זיין פון יום-כפור גלייך צו דעם הייליגען סוכות.

די ערשטע נאכט פון סוכות פלעגט ער אויך וואך זיין א גאנצע נאכט און ער פלעגט מיט אומגעדולד ארויסקוקען, צו עס הויבט שוין אָן ווערען טאָג, כדי ער זאל שוין קענען מקיים זיין די מצוה פון אתרוג ולולב בענשען. אז ער פלעגט שוין נעמען דעם אתרוג אין האנט, האָט ער עס געקושט מיט גרוים ליעב־שאפט, ווי מען קושט תפלין. מען האָט דערצעהלט וועגען איהם, אז איינמאָל, נאָכ'ן וואך זיין די ערשטע נאכט פון סוכות, ווען עס איז געוואָרען טאָג, איז ער אריין אין הויז מיט גרוים חשק צו נעמען דעם אתרוג און בענשען. דער אתרוג איז גע־שטאַנען אין א גלעזערנע שאפע. דער חשק פון דער מצוה האָט אַזוי אין איהם געברענט, אז ער האָט ניט געזעהן, אז עס איז דאָ א טהיר מיט שויבען און איז אריין אינעווייניג אין שאפע, צובראָכען די גלעזערנע טהיר און ארויסגענומען דעם אתרוג און גאָר ניט געפיהלט.

מוצאי יום טוב פלעגט ער זיך קוים דערווארטען אויפ'ן פריהמאָרגען, ער זאל קענען לייגען תפלין, ווייל עס זיינען ארי־בער עטליכע טעג יום טוב און ער האָט קיין תפלין ניט גע־לעגט.

אויך אין עסען און טרינקען און די גאנצע הנהגה האָט מען געזעהן, אז ער איז געוועזן ווי א מלאך, פול מיט אימה ויראה פאר הקדוש ברוך הוא.

אין זיין צייט איז געוועזן ר' ברוך מעזבוזער, דעם בעש"ט'ס אן אייניקעל, ער איז געוועזן א בר־פלוגתא פון דעם הייליגען ר' לוי יצחק. ער האָט תמיד אויף איהם גערעדט. ווען ר' לוי יצחק איז געשטארבען, איז געקומען איינער פון ר' ברוך'ס מקורבים און האָט ר' ברוכ'ן געבראכט די בשורה, אז ר' לוי יצחק איז טויט. דער מקורב האָט געמיינט, אז ער וועט מיט דעם מהנה זיין דעם רבי'ן. אבער אז ר' ברוך האָט דערהערט די בשורה, האָט ער ביטער געקלאָגט און געוויינט. ער האָט געזאָגט צו

זיינע חסידים: „איהר מיינט אז איך האָב דעם צדיק פיינט געהאַט? חלילה! מלאכים־שרפים האָבען זיך געשעמט פאר דער גרויסקייט פון דעם בערדיטשעווער׳ס עבודה. פיעל מלאכים זיינען זיך מתקנא געווען אָן איהם, דעריבער האָב איך אָנגערעדט אויף איהם, כדי משתיק צו זיין די קנאה.״

מען דערצעהלט אויך פון ר׳ לוי יצחק די וויטערדיגע מעשה.

ר׳ לוי יצחק פלעגט תמיד ראש השנה דאוונען ביים עמוד און אליין בלאָזען שופר. אמאָל פאר תקיעות האָט ער זיך ארויסגערוקט און איז נעלם געוואָרען. עס האָט געדויערט א לאנגע צייט ביז ער האָט זיך אומגעקערט און געבלאָזען שופר. אז מען האָט איהם דערנאָך געפרעגט, וואו איז ער געווען, האָט ער דערצעהלט, „אז היינט צו שחרית איז געווען א גרויסער קטיגור אין הימעל. מען האָט פארשלאָסען אלע טויערען פאר די אידישע תפלות אויך די תקיעות האָט מען ניט דורכגעלאָזט, דעריבער בין איך ניט געגאנגען בלאָזען. איך האָב זיך מתבודד געווען און מלמד זכות געווען אויף דעם כלל ישראל. שפּעטער, אז דער קטיגור איז אנטשוויגען געוואָרען, בין איך געקומען און געבלאָזען, און השי״ת האָט אָנגענומען אונזערע תפלות.״

מעשיות פון די ברידער הרב ר׳ שמעלקע והרב ר׳ פנחס, מחברי ספר המקנה והפלאה.

ווי די ברידער לערנען ביים מגיד.

די ברידער הרב ר׳ שמעלקע והרב ר׳ פנחס,ביידע גרויסע גאונים וצדיקים, האָבען געהערט, אז ס׳איז פאראן אין מעזע־ריטש א גרויסער מאן, א קדוש וטהור, דער מגיד, וואס מען קען זיך פון איהם אָפּלערנען אין עבודת הקדוש ברוך הוא ותורתו, האָבען זיי באשלאָסען צו פאָהרען צו איהם און קריגען פון איהם א פעולה.

זיינען זיי אוועקגעפאָהרען און געקומען אין מעזעריטש פרייטאג, ערב שבת קודש. זיי זיינען באלד געגאנגען צום מגיד. דער מגיד האָט זיי גיך געגעבען שלום און האָט מיט זיי גאר קיין שהיות ניט געמאכט, ווייל ער איז געווען פארטראָגען מקבל שבת זיין. האָט עס די ביידע גאונים פארדראָסען אביסעל. זיי האָבען גערעכענט, ווען ער וואָלט געווען א גרויסער מאן, ווי מען זאָגט, האָט ער בעדארפט צו וויסען, אז זיי זיינען גרויסע תלמידי חכמים, וואס מען דארף אָפּגעבען כבוד און פארברייי־גען א צייט אין תורה.

שבת ביים טיש האָבען זיי געהערט דעם מגיד׳ס תורה, איז זיי אויך ניט געווען געפעלען, זיי האָבען געמיינט, ער וועט זאָגען עפּעס א פלפול, לסוף האָט ער געזאָגט עטליכע קורצע זאכען און דערצעהלט עטליכע מעשיות. האָבען זיי זיך זעהר מצער געווען אויף דעם ביטול תורה, וואס זיי האָבען געהאט

אין וועג און מחליט געווען, אז באלד נאָך שבת זאָלען זיי פאָה־רען אהיים.

מוצאי שבת זיינען זיי געגאנגען צום מגיד זיך זעגענען, האָט ער זיך מיט זיי זעהר שעהן צוזעגענט און געבעטען, זיי זאָלען זיך אויך זעגענען מיט זיין תלמיד, הרב הצדיק ר׳ זישע. דער תלמיד ר׳ זישע איז דאמאָלט געווען אין בהמ"ד, זיינען זיי אוועק צו איהם דאָרט, און איהם דערצעהלט, אז מיט'ן רב המגיד האָבען זיי זיך שוין געזעגענט, נאָר ער האָט געבעטען זיי זאָלען זיך אויך זעגענען מיט איהם.

רופט זיך אָפּ ר׳ זישע צו זיי: „איך וויל אייך זאָגען א דבר תורה פאר'ן אוועקפאָהר. די גמרא זאָגט אויף דעם פסוק „ותורה יבקשו מפיהו, כי מלאך ד׳ צבאות הוא", אויב דער רבי איז גלייך צו א מלאך זאָל מען לערנען ביי איהם תורה, און אויב ער איז נישט ווי א מלאך, זאָל מען פון איהם נישט לערנען. איז דאָך קשה'דיג, האָט איהר שוין דען אמאָל געזעהן א מלאך, איהר זאָלט קענען וויסען צו דער רבי איז גלייך צו איהם אָדער ניט? די כונה איז אבער אזוי: אויב דער רבי איז א פארבאָרגענער מאן, גלייך ווי א מלאך איז פארבאָרגען פון מענשען, זאָל מען פון איהם לערנען תורה."

אז די ברידער זיינען פון איהם ארויס, האָבען זיי איינער צום אנדערען געזאָגט: „ווייזט אויס, אז ר׳ זישע מוז זיין א גרוי־סער מאן און א בעל רוח הקודש, ווייל ער ווייס, אז אונז איז דער מגיד ניט געפעלען, דעריבער האָט ער דאס אונז געזאָגט. היינט ווען דעם מגיד'ס תלמיד איז אזא גרויסער מאן, קען מען שוין פארשטעהן, וואס פאר א גרויסער צדיק דער רב המגיד איז אליין.

איז ביי זיי פארבליבען, זיי זאָלען נאָך זיין ביי צוויי וואָכען ביים מגיד און הערען זיינע רייד. אז זיי זיינען געווען די צוויי

וואָכען, האָבען זיי שוין מעהר איינגאנצען ניט געוואָלט פאָהרען, און זיינען דאָרט געווען א לאנגע צייט.

זיי האָבען זעהר א גרויסע פעולה געהאט. דער מגיד האָט אויפגעעפענט זייערע אויגען און זיי זיינען געוואָרען זעהר גרויס. אויף זיי האָט דערנאָך דער מגיד געזאָגט: „איך האָב געפונען א שטוב פול מיט ליכט, נאָר מען האָט זיי ניט אָנגעצונדען. ווי נאָר איך האָב צוגעגעבען א פונק, אזוי איז געוואָרען א גרויסע ליכ־טיגקייט."

די אחים הקדושים זיינען דערנאָך מפורסם געוואָרען אי־בער דער גאנצער וועלט: ר' שמעלקע איז געוואָרען רב אין ני־קעלסבורג און דער ברודער, ר' פנחס, האָט איבערגענומען די כסא הרבנות אין פראנקפורט דמיין. זכותם יגן עלינו.

ווי ר' שמעלקע לערנט זיך אליין די מדה פון הכנעה.

ווען הרב ר' שמעלקע איז געקומען איבערנעמען די רבנות אין ניקעלסבורג, זיינען געקומען די פני העיר מיט די חשוב'ע בעלי־בתים איהם מקבל פנים זיין. זיי האָבען זיך געגרייט איהם מאכען א שעהנעם קבלת פנים און איהם אָנטאָן גרויס כבוד. האָט ר' שמעלקע געבעטען, זיי זאלען איהם לאָזען צורות אויף צוויי שעה, און דערנאָך וועט ער מקבל זיין דעם עולם און מיט אלעמען פארברענגען.

האָבען אלע איהם צוליעב געטאָן און געלאָזען איהם אליין אין א חדר. עטליכע מענשען האָבען זיך אָבער באהאלטען אין חדר. זיי האָבען געוואָלט זעהן, וואס וועט ער, דער נייער רב,

דאָרט טאָן אליין. האָבען זיי געהערט, ווי ר׳ שמעלקע רעדט צו זיך אליין „שלום עליכם, מורנו ורבנו," „שלום עליכם, ני-קעלסבורגער רב", „מאכט א ווארע פאר ניקעלסבורגער רב", און כדומה אזוינע דבורים. איז עס ביי די מענשען געווען א גרוי-סער וואונדער. ס׳איז זיי איינגעפאלען מחשבות זרות, ווער ווייס, וואָס דער נייער רב איז, וואס ער רעדט צו זיך אליין.

מיט צוויי שעה שפעטער, ווען דער עולם איז צוריקגעקומען מקבל זיין דעם נייעם רב, האָבען די מענשען אָפּגערופען די ראשי-הקהל און דערצעהלט זיי, וואס זיי האָבען געהערט, ווען זיי זיינען געווען פארבאהאלטען.

האָבען דאָס די ראשי-הקהל געפרעגט ר׳ שמעלקען, וואס איז די כונה, וואס ער האָט צו זיך אליין גערעדט אזוינע דבורים. האָט זיי ר׳ שמעלקע געזאָגט:

„איך רעכען, אז די הייליגע כונה פון תנא, וואס האָט גע-זאָגט „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך", חוץ דעם געוועהנ-ליכען פשט, אז דעם חבר׳ס כבוד דארף ביי דיר זיין טייער ווי דיין אייגען כבוד, מיינט דער תנא נאָך א רעיון. ווען מען געהט א מענשען אָפּגעבען גרוים כבוד, זאָל ער זיך ניט האלטען גרוים, און עס זאל זיין „כבוד חברך", דער כבוד, וואס דיין חבר גיט דיר אָפּ, חביב עליך, זאָל זיין ביי דיר אזוי בא-ליעבט, כשלך, ווי דו וואלסט זיך אליין אָפּגעגעבען דעם כבוד. אָט ווען איך האָב זיך אליין אָפּגעגעבען דעם כבוד און געזאָגט „שלום עליכם, ניקעלסבורגער רב" האָט דאָך דאָס ביי מיר גע-ווים קיין באטרעף ניט, און דאס איז גאָר ווי א חוזק, אזוי אז איהר געהט מיר איצט אָפּגעבען כבוד, דארף איך ניט באקו-מען קיין גאוה און זיך ניט מתגאה זיין, דאס דארף האָבען ביי מיר די זעלבע חשיבות ווי איך זאָג זיי מיר אליין. איך האָב דעריבער די עטליכע שעה אליץ אויף מיר אליין געזאָגט די

שבחים, וואס איך האָב פארשטאַנען איהר וועט אויף מיר זאָגען, ביז זיי זיינען מיר געוואָרען למשא ולחרפה, וועל איך זיך שוין ניט מתגאה זיין, ווען איהר וועט דאָס מיר באלד זאָגען."

———:———

ווי די ברידער האָבען אָנגענומען די כסא הרבנות.

דיביידע קהלות פון פראנקפורטער דמיין און פון ניקעלס-בורג, האָבען באשלאָסען נעמען פאר א רב אין זייער קהלה, איינעם פון די אחים הקדושים, הרב ר' שמעלקע און הרב ר' פנחס. זיי האָבען אבער ניט געקענט מכריע זיין, ווער פון די ברידער זאָל זיין אין פראנקפורט און ווער אין ניקעלסבורג.

האָבען די קהלות געגעבען די ברירה צו די ברידער, זיי זאָלען אליין אויסקלייבען צווישען זיך, ווער זאָל געהן אין פראנק-פורט און ווער קיין ניקעלסבורג. אבער אויך די קדושים האָבען ניט געוואוסט ווי צו טאָן. די פראנקפורטער קהלה איז געווען גרעסער און יעדער איינער האָט געשיקט דעם ברודער אין דעם גרעסערען אָרט. האָבען זיי באשלאָסען פאָהרען צום מגיד הקדוש, פרעגען זיין עצה, ווי צו טאָן.

אז זיי זיינען געקומען צום מגיד, האָבען זיך די ברידער ווייטער אָנגעהויבען שפארען, ווער זאל ארייננגעהן פריהער אין הויז. יעדער האָט געזאָגט, אז זיין ברודער איז מעהר צדיק פון איהם, און ער דארף געהן פריהער.

האָט דעם ויכוח דער מגיד געהערט אינעווייניג און אויס-געשריען:

„זאָל דער ניקעלשבורגער רב, דער עלטערער ברודער ר' שמעלקי, ארייננגעהן פריהער", האָבען זיי שוין געוואוסט זיין עצה, ווער עס געהט אין ניקעלשבורג.

דער מגיד הקדוש האָט מיט זיי פאַרבראַכט א לאַנגע צייט און זיי דערצעהלט א מעשה מיט א שר, ווי יענער פלעגט זיך פיהרען מיט זיינע עבדים און וועגען זיינע פּאַלאַצען. אז ער האָט געענדיגט די מעשה, האָט ער זיי געבענשט, זיי זאָלען פאָהרען לשלום און זיי זיינען אוועקגעפאָהרען.

די ברידער האָבען געהאַט אין זינען, אז ווען זיי וועלען זיין ביים מגיד, וועלען זיי דערווייל איהם אויך פרעגען א שווערען שטיקעל זוהר. אבער זיי זיינען געווען אזוי איבערראַשט פון דעם מגיד'ס גרויסקייט, וואס ער האָט געוואוסט נאָך וואס זיי זיינען צו איהם געפאָהרען, אז זיי האָבען פאַרגעסען איהם פרעגען דעם זוהר.

אויפ'ן וועג, אז זיי זיינען געקומען אויף אן אכסניה, האָבען זיי זיך באַרעכענט, אז ס'קען גאר ניט זיין, אז דער מגיד זאל צו זיי ריידען דברים בטלים און דערצעהלען זיי מעשיות. מסתמא איז די מעשה געווים נאָר א משל, כדי זיי זאלען עפּעס פאַרשטעהן. האָבען זיי גענומען אריינקלערען אין דער געשיכטע, און פלוצלונג האָט זיך זיי געעפענט די אויגען און ס'איז זיי קלאָר געוואָרען דער זוהר, וועלכען זיי האבען פון איהם געוואָלט פרעגען.

מעשיות מהרב הקדוש וטהור ר' ליב שרה'ס, זצ"ל

הרב ר' ליב שרה'ס האָט זייענדיג נע ונד א פּאָר חדשים געוואוינט אין דער שטאָט בונטיש, לעבען מאהליוו. ער איז איינגעשטאַנען ביי א נגיד אן ארענדאר, און זיך אויפגעפיהרט מיט גרויס צדקות. די שטאָטלייט האָבען דערקענט, וואס פאר אַ ירא שמים ער איז, און זיי האָבען איהם געהאלטען גאַנץ עהרליך.

איינמאָל, פרייטאג נאָכמיטאג, איז הרב ר' ליב געקומען פון מקוה און געבעטען דעם בעל הבית, ער זאל הייסען איינשפּאַנען פאר איהם א וואָגען און זיין משרת זאל פאָהרען מיט איהם אויפ'ן פעלד. האָט דער בעל-הבית געהייסען א משרת תיכף איינשפּאנען דעם בעסטען פערד און ער זאל פאָהרען מיט'ן רבי'ן, וואו ער וועט איהם נאָר הייסען.

ר' ליב איז ארויסגעפאָהרען מיט'ן משרת. אז זיי זיינען געקומען אונטער'ן שטאָט, האָט דער משרת גאָר ניט געזעהן. שטעט און דערפער האָבען איהם אויסגעוויזען ווי זיי פליהען אין דער לופטען און עס האָט איהם געשווינדעלט פאר די אויגען. צוויי שעה זיינען זיי אזוי געפאָהרען ביז זיי זיינען געקומען אין אַ גרויסע שטאָט איז ר' ליב אראָפּגעגאנגען און געהייסען דעם משרת ווארטען. דער משרת איז געשטאַנען ווי משוגע. ער האָט ניט געוואוסט אוואו ער איז, צווישען מענשען אָדער שדים. דערווייל האָט ער געזעהן געהענדיג א אידען אין גאס, פרעגט איהם דער משרת: „רבי איד, ווי הייסט די שטאָט?" ענטפערט איהם דער איד: „דאָס איז די קייזערליכע שטאָט וויען." האָט זיך דער משרת נאָך מעהר געוואונדערט.

ר' ליב איז באלד צוריקגעקומען און איהם געהייסען פאָהרען צוריק. אויך צוריקוועגס זיינען זיי אזוי געשווינד געפאָהרען, ביז זיי זיינען געקומען אין זייער שטאָט בוניטש.

דער משרת האָט אלעם דערצעהלט זיין בעל-הבית. אבער דער בעל-הבית האָט איהם ניט געוואָלט גלויבען. דעם אנדערען פרייטאג האָט ר' ליב שרה'ס נאָכאמאָל געבעטען דעם בעל-הבית, ער זאל איהם געבען זיין משרת מיט'ן פערד מיט איהם צו פאָהרען. דער בעל-הבית האָט איהם דאָס געגעבען, און ער האָט אויך געבעטען דעם משרת, ער זאל איהם אין וויען קויפען א מעסערל און ברייגגען דעם רעכענונג פון דעם סוחר.

ר' ליב מיט'ן משרת זיינען ארויסגעפאָהרען און אלעס איז געווען ווי אין ערשטען פרייטאג. באלד זיינען זיי געקומען אין וויען. דער משרת איז גלייך אריין אין א געשעפט און גע־קויפט פאר'ן בעל־הבית א מעסערל און גענומען אויף דעם א רעכענונג. ר' ליב איז ווידער א ווײלע אוועק און זיך גיך אומ־געקערט, און צוזאמען מיט'ן משרת געקומען אין בונטיש צוריק אויף שבת.

דער משרת האָט געבראכט דעם בעל־הבית דעם מעסערל מיט'ן רעכענונג. איז עס ביי איהם געווען א גרויסער וואונדער און איז אריין צו ר' ליב'ן און איהם געפרעגט וועגען דעם. האָט איהם ר' ליב געזאָגט: „דעם משרת רייד זיינען אמת; איך וויים פון א קורצען וועג צו פאָהרען נאָך וויען, און אלע ערב־שבת וועל איך דאָרט פאָהרען."

אויף דעם דריטען שבת האָט דעם בעל־הבית איידעם גע־בעטען ר' ליב'ן ער זאל אהים מיטנעהמען קיין וויען. ר' ליב האָט מסכים געווען, זיינען זיי געפאָהרען זאלבעדריט. זיי זיי־נען, ווי די פריהערדיגע שבתים, אָנגעקומען בשלום אין וויען. ר' ליב האָט געזאָגט, ער געהט אוויילע ערגעץ צו און וועט זיך באלד אומקעהרען. דער איידעם איז געווען נייגעריג צו וויסען, וואו ר' ליב געהט עס און איהם נאָכגעגאנגען. אבער אז זיי זיינען געקומען צו א ווינקעל גאס, איז אזוי ווי א וואנט אויס־געוואקסען פאר דעם איידעמס אויגען און ר' ליב איז פון איהם פארשוואונדען.

ער האָט לאנג געבלאָנדזשעט, ביז ער האָט זיך צוריק אומ־געקעהרט צום פוהר. דאָרט האָט ער שוין געטראָפען ר' ליב'ן, וועלכער האָט אויף איהם געוואַרט און צו איהם געזאָגט: „דו ווילסט אלץ וויסען, מיין זוהן, ס'איז פאר דיר צו פריה."

באלד זיינען זיי צוריק בשלום געקומען אויף שבת אהיים.

נאָך א מעשה פון הקדוש ר׳ ליב שרה׳ס, זצ״ל

אין מאָסקווע האָט געוואוינט אן אלמנה, זעהר א רייכע פרוי. זי האָט פארמאָגט איבער צוויי הונדערט טויזענט רענד־לאך במזומן ווי אויך א סך קראָמען פולע מיט סחורה. די אלמנה איז אויך געווען זעהר קלוג און געבילדעט און אליין געפיהרט גרויסע געשעפטען.

איינמאָל איז די רייכע אלמנה קראנק געוואָרען. זי איז אלץ געוואָרען ערגער און ערגער ביז איהר לעבען איז געווען אין סכנה, און אלע דאָקטוירים האָבען זיך פון איהר מיאש געווען.

גראדע האָט זיך געטראָפען, אז ר׳ ליב שרה׳ס איז געקומען קיין מאָסקווע. איבער דער גאנצער שטאָט האָט מען גערעדט פון די גרויסקייט פון דעם צדיק און זיינע גרויסע וואונדער, וואס ער טוט אויף.

אז די קראנקע האָט דאס דערהערט, האָט זי געשיקט זאָגען צו ר׳ ליב שרה׳ס, אז זי גיט איהם אָפּ א האלבען פארמעגען, ער זאל מאכען איהר געזונד.

ר׳ ליב האָט זיך נאָכגעפרעגט, וויפיעל פארמאָגט עס די פרוי, וואס זי וויל אָפּגעבען א האלבען פארמעגען? האָט מען איהם דערצעהלט, אז זי פארמאָגט שתי מאות אלפים במזומן און אויך א סך סחורה. אז ר׳ ליב האָט דאס דערהערט, האָט ער געזאָגט: „אויב דאָס איז יע אזוי, אז זי וויל אָפּגעבען א האל־בען פארמעגען, וועל איך איהר געזונד מאכען. איך וועל אבער ביי איהר ניט פארלאנגען אפילו פרוטה אחת, נאָר איך וועל מיט איהר אויסריידען א תנאי, אז וועלכען מענשען איך וועל איהר הייסען נעמען פאר א מאן, מוז זי מיט איהם חתונה

האָבען, מעג ער זיין אפילו א בלינדער אָדער א שטומער, אָדער אַן אָרימאַן.

אז די פרוי האָט דערהערט ר' ליב'ס תנאי, האָט זי צוריק געשיקט זאָגען, אז אָהן קיין זאך, וואלט זי געפאָלגט דעם רבי'ן, בפרט ווען ער וועט איהר אויסהיילען, וועט זי געווים טאָן ווי ער וועט איהר הייסען.

ר' ליב איז געפאָהרען צו דער הויז, וואו די קראנקע איז דאָרט געלעגען און איז דאָרט אָפּגעזעסען עטליכע טעג. ער האָט אלע טאג מתפלל געווען אין חדר פון דער קראנקער. אין עטליכע טעג ארום האָט זי אָנגעהויבען קומען צו זיך, געוואָרען אלץ בעסער און בעסער ביז זי איז אינגאנצען געזונד גע־וואָרען.

פאר'ן אוועקפאָהר האָט ר' ליב צו איהר געזאָגט: „דו גע־דענקסט דאָך, אז דו דארפסט היטען מיין תנאי, חתונה האָבען מיט דעם, וואס איך וועל דיר הייסען. ווי אזוי וועסטו, אבער, וויסען, וועלכען חתן איך הייס דאס דיר נעמען? וועל איך דיר געבען א שפּיגעלע. ווען מען וועט דיר רעדען א שדוך, אזוי זאל מען דיר אויפשרייבען דעם נאָמען פון חתן און זיין פאָטערס נאָמען. דאמאָלסט זאָלסטו אריינגעהן אין א באזונדער חדר און אַ קוק טאָן אין דעם שפּיגעלע, וואס איך לאָז דיר איבער. איז אויב דו וועסט דאָרט דערזעהן מיין פנים, זאָלסטו יענעם חתן נעמען פאר א מאן, און אויב דו וועסט מיין פנים ניט זעהן, איז אַ סימן, אז איך בין ניט מסכים צום שדוך."

ר' ליב האָט זיך מיט איהר געזעגענט. זי האָט איהם גע־בעטען, ער זאל פון איהר נעמען א מתנה, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, און איהר געזאָגט, אז זי וועט איהם פאָלגען, וועט עס זיין די בעסטע מתנה.

ר' ליב איז אַוועקגעפאָהרען. דער רייכער פרוי האָט מען אָפּגעשלאָגען די שוועלען מיט שדוכים. מען האָט איהר גע־

רעדט מיט גרויסע גבירים, רבנים, מיוחסים. זי פלעגט יעדעס מאָל הייסען ברייגגען דעם חתן, אויפשרייבען זיין נאָמען ווי אויך זיין פאטערס נאָמען, פלעגט אַוועקגעהן אין א חדר מיוחד זיך איבערטאָן, ארויסקומען, ריידען א פאָר ווערטער מיט'ן חתן — און ענטפערען, אז ניין, זי וויל ניט.

קיינער האָט ניט געוואוסט דעם טעם, פארוואס. זי פלעגט נאָר זאָגען, אז איהר הארץ ציהט איהר ניט צו דעם שדוך. באמת, פלעגט זי דאָס אריינקוקען אין שפיגעלע און ניט זעהענדיג דאָרט ר' ליב'ס צורה, האָט זי דעריבער אלע שדוכים אָפּגעזאָגט.

אין דער זעלבער צייט האָט ביי ר' ליב'ן געטראָפען אזא מעשה:

ר' ליב האָט געהאט א מקורב, א איד א ירא שמים און א גרויסער עושר. דער עושר האָט ר' ליב'ן שטארק געשטיצט. אַלע חודש פלעגט ער זיך נוהג זיין פאָהרען אליין צו ר' ליב'ן און אָפּט איהם געהאלטען ביי זיך. ער פלעגט איהם געבען אַ סך געלט און מתנות.

פלוצלונג האָט זיך איבערגעדרעהט די רעדעל. דער מקורב האָט אָפּגעברענט. ער האָט פארלאָרען זיין גאנצען פארמעגען און איז נאָך געבליבען א בעל-חוב. ער האָט אָנגעהויבען צו ליידען דחקות און הונגער. פון צרות זיינען ביי איהם אויך די ווייב און קינדער געשטארבען און ער איז געבליבען עלענד, איינער אליין. ער האָט אָנגעהויבען צו געהן איבער די הייזער בעטען א שטיקעל ברויט. פון אָנהויב האָט מען נאָך דערקאַנט, אז דאָס איז א יורד, און אז דער איד איז אמאָל געוועזען אן עושר. מיט דער צייט, נאָך עטליכע יאהר געהן איבער די הייזער, האָט ער באקומען א פנים גלייך מיט אלע איבעריגע אָרימעלייט, און ער פלעגט זיך ארומשלעפּען נאקעט און באָרוועס.

שלעפּענדיג זיך אזוי איבער דער וועלט, איז ער אזוי גע־קומען אין דער שטאָט, וואו ר' ליב איז דאָרט געוועזען. אז ער

האָט געהערט, אז ר' ליב איז אין דער שטאָט, האָט ער זיך באַ־רעכענט, ער וועט געהן צו איהם און בעטען ביי איהם א נדבה; ער וועט זיך געווים דערמאנען, האָט דער אָרימאן געטראכט, וואָס איך האָב איהם אמאָל געגעבען און וועט מיר איצט אויך עפּעס געבען.

ביי ר' ליב'ן איז געווען א מנהג, אז דער גבאי פלעגט טיי־לען פאר איהם צדקה צו די אָרימעלייט. יענעם טאָג, ווען דער פאראָרימטער עושר איז געגאנגען בעטען א נדבה ביי ר' ליב'ן, האָט גראד ר' ליב געזאָגט, אז ער וויל פון זיין האנט טיילען די אָרימעלייט.

אז ר' ליב האָט דערזעהן דעם עושר אין דער רייהע צווישען די אָרימעלייט, האָט ער איהם ארויסגערופען, אריינגענומען צו זיך אין הויז, איהם געגעבען עסען און טרינקען און איהם גע־הייסען דערצעהלען, אלץ וואס מיט איהם האָט געטראָפען, ווי אזוי ער איז דאס געוואָרען אָרים.

דער אָרימאן האָט איהם אלעס דערצעהלט, אז ער האָט אָפּגעברענט, ווי אויך אז זיין ווייב און קינדער זיינען געשטאר־בען. זאָגט צו איהם ר' ליב: „פאָהר אין מאָסקווע, דאָרט איז דאָ אן אלמנה א גרויסע עשירה, שדכן זיך צו איהר, און איך בין דיר מבטיח, אז זי וועט דיך נעהמען פאר א מאן."

ר' ליב האָט איהם מיטגענומען א פּאָר רענדלאך אויפ'ן וועג און האָט איהם געזאָגט: „די רענדלאך וועסטו האָבען אָדער אויף צו באצאָהלען א פוהר, ווען דיר וועט זיך באגעגענען אויפ'ן וועג, אָדער זיי וועלען דיר אין מאָסקווע גופא שטארק צוניץ קומען."

דער אָרימאן האָט זיך אוועקגעלאָזען צו־פוס אין וועג. נאָך עטליכע וואָכען פון טלטול, איז ער אָנגעקומען בשלום אין מאָסקווע.

אין מאָסקווע האָט ער זיך ערקונדיגט וועגן דער רייכער אלמנה און איז אוועק צו א שדכן, יענער זאל געהן פאר איהם צו דער אלמנה און אויספיהרען דעם שדוך. דער שדכן האָט זיך פון איהם אויסגעלאכט און געזאָגט: „צו ביזטו משוגע, וועט דען די רייכע סוחר'טע וועלען מיט דיר זיך משדך זיין? מען רעדט דאָך איהר די גרעסטע לייט און קיינער געפעלט איהר ניט, ווייל זי איז זעהר רייך, א מיוחסת און א מושלמת. ווי אזוי קען איך איהר גאָר זאָגען וועגען דעם שדוך, זי וועט דאָך פון מיר אויסלאכען, און הייסען פון שטוב ארויסטרייבען?"

דער אָרימאן האָט אויסגעהערט דעם שדכן מיט געדולד. און ווען ער האָט געענדיגט ריידען, האָט ער ארויסגענומען די צוויי רענדלאך, וועלכע ר' ליב האָט איהם געגעבען, און געזאָגט צו איהם: „וואָס ארט עס אייך, איך גיב אייך צוויי רענדלאך נאָר פאר אייער טרחה, איהר זאָלט נאָר אריבערגעהן צו דער גבירה און איהר זאָגען, אז צו מיר איז געקומען א יונגערמאן, איך ווייס נישט, ווער ער איז. ער האָט מיר געגעבען צוויי רענדלאך פאר מיין טרחה, איך זאל צו אייך געהן און בעטען אין זיין נאָמען, אז ער וויל זיך מיט אייך משדך זיין."

דער שדכן האָט איינגעשטימט. מוצאי שבת איז דער שדכן אוועק צו דער גבירה, אפריהער איהר עטליכע מאָל איבערגעבעטען, איהר געוויזען צוויי רענדלאך, די שכר טרחה, און איהר איבערגעגעבען דעם פרעמדענס רייד, אז ער וויל זיך מיט איהר משדך זיין.

האָט די גבירה געענטפערט דעם שדכן: „געה צו הויז, קום דינסטאג און ברייננ מיר דעם פרעמדענס נאָמען און זיין פאָטערס נאָמען.

דער שדכן האָט זיך זעהר געוואונדערט. דינסטאג פריה איז דער שדכן געגאנגען צו דער גבירה מיט א קוויטעל פון דעם חתנ'ס נאָמען ווי אויך זיין פאָטערס נאָמען און דאס איהר אָפּ

געגעבען. די גבירה איז אריין אין אן אנדער חדר, האָט א קוק געטאָן אין שפיגעלע און דערזעהן תיכף ר' ליב'ס פנים. זי איז ארוים תיכף צוריק און זיך געווענדעט צום שדכן: „איך זעה, אז דער שדוך איז פון גאָט, וואָרים ווי פאלט דאָס איין א פרעמדען מענשען צו קומען פון מרחקים און וועלען זיך משדך זיין מיט מיר. נאָר כדי די מענשען זאָלען ניט ריידען אויף מיר, אז איך האָב חתונה מיט אן עני, זאָלסטו איהם איבערגעבען, ער זאל לפנים וועגען דינגען די זעקס געוועלבער, וועלכע זיינען לעבען מיין געוועלב. איך וועל אויך באשטעלען א גרויסען טראנס-פאָרט סחורה זאָל אָנקומען פון לייפציג אויף זיין נאָמען, און ער זאָל די גאנצע סחורה אריינלעגען אין די קראמען, וועט די גאנצע שטאָט זאָגען, אז ער איז א גביר, ווייל די סחורות וועלען בא-טרעפען א פארמעגען, דאמאָלט וועל איך מיט איהם חתונה האָ-בען. נאָר דו זאָלסט דאס האלטען בסוד גדול, און וועסט קריגען פיין באצאָהלט."

דער שדכן איז געלאָפען מיט גרוים שמחה און דערצעהלט דעם אָרימאן, אז די גבירה איז מרוצה אויפ'ן שדוך, און אלץ וואס זי האָט איהם געהייסען טאָן. דער אָרימאן האָט געפאָלגט אלץ וואס זי האָט איהם אָנגעזאָגט: ער האָט תיכף געדונגען די געוועלבער, צולייגט דאָרט דעם גרויסען טראנספאָרט סחורה, וואָס ס'איז איהם אָנגעקומען פון לייפציג.

אין מאָסקווע איז גלייך געוואָרען א טומעל, אז עס איז אראָפּגעקומען א גרויסער עושר און געעפענט זעקס געוועלבער מיט אמאָל און אָנגעבראכט כל מיני סחורות. די גבירה האָט אויך גערופען איהרע פריינד און מקורבים און איז מיט זיי גע-גאנגען באקוקען דעם פרעמדענס האנדעל.

ווען זי האָט דאס אלעס באטראכט, זאָגט זי צו איהר פע-טער, איהר נאָהנטסטער פריינד: „ליעבער פעטער! אזוי ווי איך האָב געהערט, אז דער סוחר האָט ניט קיין ווייב און זיין

עשירות איז זעהר גרויס, פילייכט וואָלט עס געווען א גוטער שדוך פאר מיר." דעם פעטער זיינען איהרע רייד געוואָרען גע-פעלען. מען האָט אינגיכען געשריבען תנאים און אין א קורצע צייט ארום איז אויך געווען די חתונה.

זיי זיינען געבליבען גבירים אויף זייער גאנצען לעבען און האָבען געהאט קינדער און קינדס-קינדער.

וועגען דער מחלקות פון דעם מגיד'ס תלמידים מיט דעם ווילנער גאון.

ווי מען האָט ארעסטירט דעם גאון הרב שניאור זלמן, מחבר פון „שלחן הערוך מלאדי".

אין דער שטאָט לאזנא, אין רוסלאנד, האָט געוואוינט א איד, ר' ברוך. ער האָט א לאנגע צייט ניט געהאט קיין קינדער, נאָר אויף דער עלטער זיינען איהם געבוירען געוואָרען צוויי זיהן. ער האָט איינעם א נאָמען געגעבען שניאור זלמן, דעם אנדערען — יהודא ליב.

וויביידע קינדער האָבען גענומען אויפוואקסען, האָט מען גלייך דערקענט, אז זיי וועלען זיין גרויסע מענשען ביי אידען. דערהויפט האָט זיך אויסגעצייכענט שניאור זלמן. צו אכצעהן יאָהר האָט ער געקענט גאנץ ש"ס, פוסקים ראשונים ואחרונים און האָט אויך געקענט אנדערע חכמות.

ר' ברוך איז געווען זעהר אָרים און איז גאָר אין גיכען געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג די יתומים אָרים, אויף גאָט'ס באראָט. די אָרימקייט האָט אבער ניט געשטערט די יתומים

צו לערנען גאטס תורה. באלד זיינען זיי געוואָרען גרויסע גאונים און זייער נאָמען האָט אָנגעהויבען בעריהמט צו ווערען איבער דער וועלט.

איינגיכען האָט א וויטעבסקער גרויסער עושר גענומען שניאור זלמנ'ען פאר אן איידעם צו זיך, און האָט איהם געלאָזען לערנען די תורה בהרחבת הדעת.

אין יענער צייט האָט געקלונגען איבער דער וועלט דער נאָמען פון הרב המגיד ממעזעריטש. איז שניאור זלמן צו איהם געפאָהרען, דאָרט אלץ גרינטליך געלערנט, זיך קונה שלמות געווען און געוואָרען איינער פון די תלמידים מובהקים פון דעם מגיד ז"ל.

שפעטער, ווען דער מגיד איז נפטר געוואָרען, איז ר' שניאור זלמן אויפגענומען געוואָרען פאר רב אין זיין געבורטס שטאָט לאזנא. ער האָט דאָרט זעהר פיעל אויפגעטאָן. ער האָט צוגע־צויגען אלעמענס הערצער צו תורה ועבודה. ער האָט אויך משנה געווען דעם נוסח פון די תפלות און זיך געקויפט פיעל פריינד, חסידים און אָנהענגער.

דאמאָלט האָט זיך עס אָנגעהויבען די גרויסע מחלוקת צווי־שען ר' שניאור זלמן וסיעתו, די חסידים תלמידי הרב המגיד ז"ל, און דעם ווילנער גאון מיט זיינע אָנהענגער. אָנגעהויבען האָט זיך די מחלוקת צוליעב פאלשע מלשינות פון שלעכטע מענשען און דער ווילנער גאון איז פארפיהרט געוואָרען און זיי געגלויבט.

די ערשטע מסירה פאר'ן גאון איז באשטאנען פון אזא מעשה:

צוויי ווילנער בעלי־בתים זיינען געווען אין מעזעריטש, זיי האָבען דאָרט שבת געהאלטען און האָבען אליין געזעהן, פריי־טאָג צו נאכט, ווי די חסידים האָבען געטאנצט און א אשה איז איז געשטאנען ביי דער טהיר און זיך צוגעקוקט צו זייער טאנ־

צען. די מלשינים האָבען פאַר'ן גאון נאָך דערצו געזאָגט ליגען און פאַרגעשטעלט די זאַך ערגער ווי געווען. דער גאון האָט עס אָנגענומען פאַר אַן עבירה. אין דער אמת איז די מעשה אזוי געווען. הרב הקדוש מבערדיטשעוו און נאָך תלמידי המגיד האָבען געדאַווענט און זייער סדר איז געווען ביים דאַווענען צו טאַנצען און שפּרינגען. דעם בעש"ט'ס טאָכטער, אדעל, האָט זעהר ליעב געהאַט צו זעהן, ווי די די חסידים דאַווענען מיט גרוים התלהבות און איז דאָס געשטאַנען ביי דער טהיר און זיך איינגעקוקט.

דער ווילנער גאון האָט אבער געמיינט, אז זיי זיינען אראָפּ פון דרך הישר און האָט אויף זיי געשריבען שלעכטס.

די און נאָך עהנליכע מסירות האָבען געבראַכט צו דעם, אז מען האָט הרב הקדוש מבערדיטשעוו, וועלכער האָט שפּעטער איבערגענומען די פּינסקער רבנות, ארויסגעטריבען פון פּינסק.

די פּינסקער רבנות האָט פאַרנומען איינער א רב, ר' אביגדור, דעם גאון'ס אַן אָנהענגער. דער ר' אביגדור איז ניט געווען קיין אָרענטליכער מענש, ער איז געווען א מחרחר ריב און ער האָט אויפגעבלאָזען דעם גאַנצען פייער פון דער מחלוקת.

ר' אביגדור האָט אויך געהאַט א פּערזענליכע שנאה צו ר' שניאור זלמנ'ען און ר' לוי יצחק בערדיטשעווער און האָט עס אָנגערעדט דעם גאון צו טאָן זיי שלעכטס און גורם געווען צו די גרויסע צרות פון די חסידים און דעם גרויסען חלול השם, וואס איז דאַן געווען.

דאָס איז געווען א מעשה מיט א שאלת איסור והיתר. ר' אביגדור האָט די שאלה טריף געמאַכט און ר' לוי יצחק בערדי־טשעווער האָט געזאָגט, אז ס'איז כשר. האָט ר' אביגדור גע־שריבען אויף די חסידים, אז זיי זיינען מאכלי טרפות. האָט ר' שניאור זלמן און ר' שלמה קאַרלינער און נאָך גדולי החסידים

אָפּגעענטפערט אביגדור'ן, איהם מבזה געווען, אָנגערופען עם־הארץ און א מענש, וואס רעדט שלעכטס אויף גאַנס פאָלק. ר' אביגדור האָט באשלאָסען זיך נוקם זיין אָן די חסידים. ער איז געפאָהרען קיין ווילנא, און געוויזען דעם גאון דעם בריף, וואו ר' שניאור זלמן רופט איהם חוטא ופושע, און ער האָט דער־צעהלט, אז דאס איז נאָר וויל ער האָט טריפה געמאכט א שאלה. דעם גאנצען אמת און וואס די שאלה אליין איז געווען האָט ער ניט דערצעהלט. זיינען אלע געוואָרען אויפגעבראכט אויף די חסידים. עס האָבען זיך אויפגעזאמעלט פיעל מענשען און האָבען דעם אביגדור'ן געגעבען א סך געלט, ער זאל פאָהרען קיין פעטערבורג, דאָרט מלשין זיין אויף די רבנים, תלמידי הרב המגיד ז"ל, ווי אויך אויף אלע חסידים.

ער איז געקומען קיין פעטערבורג און דאָרט דערלאנגט פאר'ן קיסר פאוועל א גרויסע מסירה אויף די חסידים. אויף ר' שניאור זלמנ'ען האָט ער געזאָגט, אז ער פארזאמעלט גרויסע מחנות אידען, און האָט געמאכט איין האנט מיט שלעכטע מענשען. ער נעמט פון זיי פיעל געלט און איז משנה דעם מנהג פון די אידען. ער אליין מאכט זיך איבער זיי א שר און וויל מורד במלכות זיין. אויך, האָט אביגדור דערצעהלט, אז ר' שניאור זלמן שיקט פיעל געלט קיין ארץ ישראל, ער וויל זיך אודאי מאַכען מיט דעם באליעבט ביים סולטאן. אויף די איבריגע גאונים, ווי אויף הרב הקדוש ר' לוי יצחק מבערדיטשעוו, ר' מרדכי ליעכעוויצער און ר' אשר סטאלענער, האָט ער געזאָגט, אז זיי זיינען מיט ר' שניאור זלמן אין איין חברה און העלפען איהם אויספיהרען זיינע שלעכטע מעשים, זיי דרש'נען אויך פאר קהל און ענדערען די תפלות ישראל.

אזוינע און נאָך אנדערע מסירות האָט אביגדור אויסגע־טראכט אויף די קדושים.

אז דער קיסר האָט דאס דערהערט, איז ער זעהר אין כעס געוואָרען און האָט געגעבען א באפעהל דעם שר פון דער שטאָט לאזני, ער זאל תיכף פאר איהם צושטעלען דעם רב פון שטאָט, דען ער ברויכט איהם נויטיג האָבען.

דעם קיסר'ס באפעהל איז געווען זעהר מילד, ווייל ער האָט ניט געוואָלט מאכען קיין טומעל צווישען די אידען, און ארויס־רופען א קלאנג, אז מען טוט שלעכטס מיט אידען. ער האָט נאָך אָנגעזאָגט, אז עס וועט גענוג זיין, ווען ר' שניאור זלמן וועט געבען זיין חתימה, אז ער וועט אזוינע זאכען מעהר ניט טאָן.

אז ר' אביגדור האָט דאס דערהערט, איז עס איהם ניט גע־ווען געפעלען. ער האָט מורא געהאט, אז ר' שניאור זלמן וועט נאָך בריינגען עדות, אז די מסירות זיינען ליגען און וועט זיך גערעכט מאכען ביים קיסר, און וועט אויך געבען זיין חתימה. האָט ער זיך געווענדעט צו די יועצי המלך און זיי גע־בעטען, אז מען זאל בריינגען ר' שניאור זלמן אין פעטערבורג געשמידט אין קייטען, ווייל אויב מען וועט איהם לאָזען פריי, וועט ער נאָך בודאי אנטלויפען אין א פרעמדע לאנד אריין. די יועצים האָבען דאס איבערגעגעבען פאר'ן קיסר און ער האָט אזוי באפוילען, אז מען זאָל איהם בריינגען געשמידט אין קייטען.

די הייליגע חסידים האָבען זיך תיכף פון אלעם דערוואוסט און דעם צדיק גלייך פון דעם מודיע געווען און איהם געראטען ער זאל אנטלויפען, אבער דער צדיק האָט געזאָגט, אז ס'איז ניט גלייך אזוי, ער וועט זיך בעסער שטעלען פאר'ן קיסר, און ער האָפט פאר השי"ת, אז דער קיסר וועט איינזעהן זיין גערעכ־טיגקייט. ווען ער וועט אבער אנטלויפען, וועט פון דעם ארויס־געהן אן אומגליק אויף דעם כלל ישראל.

ווען די זשאנדארען זיינען אָנגעקומען קיין לאזנא, האָט גאנץ שטאָט געוואוסט, אז זיי זיינען געקומען נעמען דעם רב.

מען האָט דעם רב גלייך אָנגעזאָגט וועגען דעם, אז מען קומט איהם נעמען. דער צדיק איז דאמאָלט געשטאַנען אין טלית און תפלין. דער שליח איז אריין און איהם איבערגעגעבען דעם קיסר'ס באפעהל. השי"ת האָט איהם געגעבען חן אין דעם שליח'ס אויגען און ער האָט איהם ניט געשמידט אין קייטען נאָר בדרך כבוד אָפגעפיהרט שטיל פון שטאָט. אז עס איז גע־קומען פרייטאג, האָט זיך דער צדיק מצער געווען, וואס ער וועט דארפען פאָהרען אום שבת, האָט גאט געטאָן א נס און דער וואָגען איז אריין אין טאָהל און די רעדער זיינען צוברא־כען געוואָרען. עס האָט געדויערט ביז איבער שבת איידער מען האָט עס פארריכט.

אז מען האָט איהם געבראכט קיין פעטערבורג, האָט מען איהם פארבונדען די אויגען און ביי צוויי שעה האָט מען איהם פארבונדענערהייט געפיהרט ביז מען האָט איהם אריינגע־זעצט אין א פעסטונג. דריי טעג און דריי נעכט איז דער צדיק דאָרט געזעסען און ניט טועם געווען דאָס מינדעסטע. דער שר פון פעסטונג איז געווען א גענעראל. דער צדיק האָט ביי איהם זעהר נושא חן געווען, און, אז ער האָט געזעהן, אז ער פארזוכט ניט אפילו ברויט מיט וואסער, איז ער צו איהם געקומען און פארפיהרט מיט איהם א שמועס. אין אָנהויב האָט ער איהם געזאָגט טרייסט ווערטער, אז מען וועט איהם גאָר ניט טאָן, ער דארף נאָר וויסען, ווי זיך צו פארענטפערען און לסוף איהם גע־פרעגט, פארוואס ער פארזוכט גארניט. האָט איהם דער רב געזאָגט: „איך בין א חלש און ס'איז מיר פארוועהרט צו עסען טרוקענע ברויט. איך מעג נאָר עסען פלייש, אבער די פלייש איז דאָך טריפה."

פרעגט איהם דער גענעראל: „ווי וועט זיין, אז איך וועל דיר דאס ברייגנען פון אן אָרענטליכען אידען, וועסטו עסען?" ענטפערט דער רב: „אויב נאָר דו וועסט עס נעמען פון אידענס'ס

האנט און וועסט אין זינען האָבען נאָר פון מיינעטוועגען, און קיין אנדערען נישט איבערגעבען וועל איך געווים עסען." האָט איהם דער גענעראל צוגעזאָגט, אז ער וועט עס איהם באַ־זאָרגען.

דער גענעראל האָט געהאט א באקאנטען אידען, ר' מרדכי ליעפלער, וואס האָט דאמאָלסט געוואוינט אין פעטערבורג. האָט ער איינגעשפאנט זיין עקיפאזש און איז פארפאָהרען צום אידען און איהם געזאָגט: „איך בעט דיך מאך מיר תיכף פארטיג פלייש מיט איינגעמאכטס און טו עס אין א נייע כלי אריין.

ער האָט איהם דערצעהלט פאר וועמען דאס איז, און מרדכי ליעפלער איז געווען פון דעם רב'ס חסידים, האָט ער עס אלעס תיכף באזאָרגט און אָנגעקלעבט א צעטעלע, אז אלעס איז כשר. דער גענעראל האָט עס געבראכט דעם צדיק, און ער האָט געגעסען און זיך דערקוויקט. דערנאָך פלעגט ער איהם שוין אלע טאג ברייגגען פון ר' מרדכי'ן עסען.

איינמאָל האָט דער צדיק אָפשיקענדיג א כלי אָנגעקלעבט אינעווייניג א צעטעלע מיט א פּאָר ווערטער: „שיקט ליב מאַ־ניעווימש'ן תיכף קיין ווילנא." מען האָט גלייך געזוכט אזא מענ־שען און מען האָט געפונען א חסיד מיט דעם נאָמען. מען האָט ביי איהם חוקר ודורש געווען, צו איז ער אמאָל געווען אין ווילנא, און מען איז געוואָהר געוואָרען, אז ער איז דעם גאונ'ס שוועסטערס א זוהן, מען האָט אויפגעקליבען צוויי טויזענט רובעל און דאס איהם געגעבען און ער איז שטילערהייט אוועק־געפאָהרען קיין ווילנא.

אין דער צייט וואס דער חסיד איז געפאָהרען עפּעס טאָן פאר'ן רבי'ן אין ווילנא, האָבען די חסידים אין פעטערבורג אויך ניט געשוויגען. רבי שניאור זלמנ'ס תלמיד מובהק, הרב ר' אהרן, האָט אויפגעקליבען צווישען די חסידים א סך געלט.

יעדער איינער האָט איהם געגעבען, און די יונגע חסידים-חתנים האָבען געגעבען זיינצעהן פּראָצענט פון זייער נדן.

הרב ר' אהרן האָט אויפגעקליבען ביי פערציג טויזענט רו־בעל און דאס געבראכט אין פּעטערבורג. ר' מרדכי ליעפעלער האָט מיט געלט גע'פועל'ט, אז דעם רבי'ן זאָל געגעבען ווערען א משמש, איינער וואס זאָל מעגען אלע טאָג צו איהם אריינקומען און באזאָרגען איהם מיט עסען. דאָס איז געווען הרב המפורסם ר' שאול סיראטשינער, און ער האָט דעם רבי'ן באדינט די גאנצע צייט וואס ער איז דאָרט געזעסען.

אויך האָט מען גע'פועל'ט, אז די פּראָטאָקאָלען וואס מען פלעגט אראָפּנעמען ביים רבי'ן זאָלען געשריבען ווערען פריינד־ליך צו איהם, ווייל אלץ האָט זיך געווענדט אָן דעם איבער־זעצער, ווי ער האָט געוואָלט אויסטייטשען דעם רבי'ס ענט־פערם.

ר' ליב מאניעוויטש האָט אויך אין ווילנא פיעל אויפגעטאָן פאר'ן רבי'ן. גלייך ווי ער איז געקומען אין ווילנא, האָט פאר־נייהט די געלט אין די קליידער און געזאָגט, אז ער איז אָרים. ער איז פארפאָהרען צו זיין שוועסטער, וועלכע ער האָט נית געהאט געזעהן זיבעצעהן יאהר. די שוועסטער האָט זיך מיט איהם זעהר געפרעהט, און איהם אויך געפרעגט, צו איז ער אמאָל נית פון די כת חסידים. ר' ליב האָט אויסגעשפּיגען און אויסגערופען די חסידים מיט די גרעסטע זלזולים. האָט זי איהם געפרעגט, נאָך וואס איז ער געקומען קיין ווילנא? האָט ער איהר געזאָגט, אז ער האָט א טאָכטער א בתולה חתונה צו מאַ־כען, און איז געקומען צום גאון בעטען הילף.

זי האָט איהם געבראכט צו זיין פעטער, דעם ווילנער גאון, אין זיין בית המדרש און געבעטען מען זאָל איהם לאָזען רעדען מיט דעם גאון. ער האָט דערצעהלט דעם גאון, אז ער איז זיין קרוב און געזאָגט זיין בקשה. דער גאון האָט איהם צוגעזאָגט,

איהם ממלא צו זיין זיין בקשה, דערווייל זאל ער ביי איהם עסען, טרינקען און שלאָפען.

ר׳ ליב האָט זיך זעהר געפרעהט, מיט דעם וואס ער וועט וואוינען ביים גאון, ווייל ער האָט געהאָפט דורך דעם געוואָהר ווערען אלע סודות, וואס די מתנגדים האָבען געפּלאנט געגען די חסידים, כדי באצייטענס דאָס אָנזאָגען אין פּעטערבורג, מען זאל ניצל ווערען פון דעם. אזוי איז טאקע געווען.

אין א קורצע צייט ארום איז געווען אן אסיפה ביי די רבנים מתנגדים און זיי האָבען מחליט געווען צו שיקען אביגדור׳ן, דעם פינסקער רב, נאָכאמאָל קיין פּעטערבורג און דאָרט ווייטער מלשין זיין.

ר׳ ליב האָט זיך געמאכט אז איהם איז דער גאנצער ענין ניט נוגע און איז כסדר נאָר געזעסען און געלערנט, אבער באמת האָט ער זיך שטילערהייט גוט צו אלעם צוגעהערט און תיכף וועגען אלץ מודיע געווען צו ר׳ מרדכי׳ן.

לסוף האָט ר׳ ליב אויפגעטאָן די וויכטיגסטע זאך, וואס האָט כמעט אינגאנצען געהאָלפען צו דעם רבי׳ס באפרייאונג.

ווי מיר האָבען פריהער דערצעהלט, פלעגט מען פון דעם רבי׳ן אָפט אָפנעמען פּראָטאָקאָלען. מען האָט איהם געפרעגט, פאַרוואס ער האָט איבערגעמאכט דעם נוסח פון תפלות? פאַרוואָס ער זאמעלט געלט פאר ארץ ישראל? און וואס טוען ביי איהם אזוי פיעל מענשען, וועלכע פאָהרען זיך צוזאמען פון דער גאנצער וועלט, וואס דרשה׳ט ער פאר זיי? הרב הצדיק האָט אויף אלץ געענטפערט מיט גרוים חכמה, אז אלע זיינען געווען נשתומם. ער האָט אלעם קלאָר אויפגעקלערט פאר די מינים־טאָרען, וועלכע האָבען ביי איהם דאס אלץ געפרעגט, און זיך רעכטפערטיגט געמאכט אין זייערע אויגען. זיי האָבען דעם קיסר איבערגעגעבען, וואס פאר א קלוגער מענש דער רבי איז.

דער קיסר האָט באַשלאָסען, אז ער וועט איינמאָל אליין ביי איהם אָפּנעמען א פּראָטאָקאָל.

הרב ר' שניאור זלמן האָט קיינמאָל פריהער דעם קיסר ניט געזעהן. ווען דער קיסר איז אריין צו איהם אין חדר, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך געבויגען פאר איהם. וואָס דער קיסר האָט איהם געפרעגט, האָט ער איהם געענטפערט: „אדוני הקיסר". האָט דער קיסר איהם געפרעגט, פון וואנען ווייס ער, אז ער איז דאָס דער קיסר. זאָגט איהם דער רב: „ווי דו ביזט אריינגעגאנגען איז אויף מיר ארויפגעפאלען א גרויסער פּחד, האָב איך באלד פאַרשטאַנען, אז דו ביזט דער קיסר." אלץ וואס דער קיסר האָט איהם דערנאָך געפרעגט, האָט ער איהם קלוג געענטפערט, און דעם קיסר געגעבען צו פאַרשטעהן אז אלץ איז א בלבול. צום סוף האָט ער געבעטען דעם קיסר, אז ער וויל אָנשרייבען זיינע טענות אין לשון קודש, און זאָל דאָס שיקען קיין ווילנא איבערזעצען, וועט מען זעהן, אז ער איז גערעכט.

דער קיסר האָט זיין בקשה באוויליגט, און באפוילען אָפּשי-קען זיינע לשון-קודש'דיגע פאפירען צו דעם עלטסטען דירעק-טאָר אין ווילנא, ער זאל דאס איבערזעצען ריכטיג אין רוסיש און אָפּשיקען צוריק.

אז די גאונ'ס-לייט, די מתנגדים, האָבען זיך דערוואוסט, אז דער קיסר האָט איהם באוויליגט, מען זאל איבערזעצען זיינע טענות אין רוסיש, האָבען זיי פאַרשטאַנען, אז ער וועט געוויס ארויסגעהן פריי, האָבען זיי אויפגעקליבען אן אסיפה, מען זאָל זיך באטראכטען וואס צו טאָן, ווי אזוי צו שעדיגען דעם רבי'ן.

די אסיפה איז געווען ביים גאון אין הויז. ר' ליב האָט זיך פון דעם דערוואוסט, און האָט צוגעגרייט גוט זיך צוהערען צו וואָס זיי וועלען באשליסען און דאס אָנזאָגען צו די חסידים.

אויף דער אסיפה האָט מען באַשלאָסען, מען זאָל אונטער-קויפען דעם עלטסטען דירעקטאָר, ער זאָל פאלש איבערזעצען

דעם רב׳ס טענות, עס זאל אויסקומען, אז דער רב איז שולדיג.

אז ר׳ ליב האָט דאָס דערהערט, האָט ער באשלאָסען, אז ער קען איצט אויסנוצען די געלט, וואס ער האָט איינגענייהט אין די קליידער.

ער האָט זיך דערפרעגט אויף דעם עלטסטען דירעקטאָר, איז צו איהם געקומען, געפאלען צו זיינע פיס און געוויינט: „אדוני השר! איך בין דאָ געקומען בפקודת הרב. ער איז אן איש אלקים, אן אָרענטליכער מאן, נאָר מען האָט אויף איהם געמאכט א בלבול. ער האָט דורך מיר געשיקט צו אייך צוויי טויזענט רובעל שכר טרחה מיט דער בקשה, איהר זאָלט זעהן דעם כתב איבערזעצען נאטוראל ריכטיג און גאָר נישט ענ-דערען."

דער דירעקטאָר האָט איהם געענטפערט: „איך האָב גע-לייענט דעם כתב. אין די קורצע ווערטער וואס דער רב האָט געשריבען, האָב איך זיך איבערצייגט אין דעם רב׳ס גערעכ-טיגקייט און איך וואָלט סיי ווי ניט משנה געווען. די געלט וועל איך דערוויייל ביי דיר ניט נעהמען, ביז איך וועל דאס האָבען פארטיג. קום מאָרגען, וועסטו זעהן וואָסער רעש דאָ וועט ווע-גען דעם זיין. דו וועסט זעהן, וויפיעל מען וועט מיר וועלען געבען, איך זאָל יע ענדערען, ווייל לשון-קודש האָט אין זיך פיעל פשטים און מען קען עס אויסטייטשען ווי מען וויל."

אויף מאָרגען איז ר׳ ליב געקומען. דער דירעקטאָר האָט איהם באהאלטען אין א באזונדער חדר. ער האָט געהערט, ווי דעם גאונ׳ס לייט זיינען געקומען און איהם געוואָלט געבען דריי טויזענט רובעל, ער זאָל דאָס ענדערען. זיי האָבען איהם גע-זאָגט, אז ס׳איז א מצוה דאס צו טאָן.

דער דירעקטאָר האָט פריהער געזאָגט, אז ער האָט מורא דאָס איבערצומאכען, ווייל ס׳זיינען דאָ נאָך צוויי דירעקטאָרען, וועלכע וועלען דאָס נאָך איבערקוקען. אָבער זיי האָבען פון איהם

ניט אָפּגעטראָטען ביז ער האָט זיי געמוזט צוזאָגען, אז ער וועט ענדערען, אבער קיין געלט האָט ער פון זיי בשום אופן ניט גענומען.

אַז זיי זיינען ארויסגעגאנגען, האָט דער דירעקטאָר ארויסגערופען ר׳ ליב׳ן פון חדר און האָט איהם געזאָגט: „דו האָסט געהערט, ווי זיי האָבען מיר געבאָטען אזוי פיעל געלט, אבער איך וועל מיין צוזאָג ניט משנה זיין. איך וועל גאָר ניט ענדערען, ווייל איך האָב זיך ניט געקענט פון זיי באפרייען, האָב איך זיי צוגעזאָגט.״

„טאָ ווי ועסטו יעצט טאָן?״ האָט ר׳ ליב געפרעגט.

„איך וועל מאכען צוויי איבערזעצונגען, איינע א ריכטיגע, וועלכע איך וועל אָפּשיקען קיין פעטערבורג און נאָך איינע אַ פאלשע, וועלכע איך וועל זיי אָפּגעבען, ווייל אנדערש וואָלט איך פון זיי ניט געקענט פטור ווערען.״

דער דירעקטאָר האָט איהם געוויזען דעם אמת׳ן כתב, וועלכען ער האָט פאר זיינע אויגען פאר׳חתמ׳עט און אָפּגעשיקט אין פעטערבורג.

ר׳ ליב האָט דאן געזאָגט דעם גאון, אז די זמן החתונה איז נאָהנט און ער מוז פאָהרען אהיים. דער גאון האָט איהם געגעבען א סך געלט און מתנות און איהם אָפּגעשיקט אהיים.

גלייך ווי ר׳ ליב איז געקומען אהיים, איז אויך אָנגעקומען די גוטע בשורה, אז מען זאל דעם רבי׳ן ארויסנעמען פון פעסטונג און איבערזעצען אין א לייכטערע תפיסה, און שפעטער אין חודש כסליו, דער רבי איז געזעסען און געזאָגט תהלים, ווי ער איז געקומען צום פסוק „פדה בשלום נפשי״ איז געקומען אַ באפעהל, אז ער איז פריי.

די שמחה פון די חסידים איז ניט געווען צו באשרייבען. מען האָט געטאַנצט און געשפּרונגען. דער רבי האָט ארומגענומען ר׳ ליב׳ן און איהם מיט ליעבשאפט געדריקט צום הארצען.

דאמאָלט האָט ער דאָס אָנגעשריבען דעם מאמר, וואס איז געדרוקט אין ספר אגרת הקדש „קטונתי מכל החסדים". ער האָט אויך געבעטען צו מאכען אלע יאהר אין דעם טאָג א סיום אויף ש"ס און דערנאָך א משתה ושמחה. די חסידים האָבען דאָס אויף זיך מקבל געווען לזכרון עד עולם.

מעשה ווי אַזוי מ'האָט דעם אנדערען מאָל גע'מסר'ט און ארעסטירט הרב ר' שניאור זלמן און ווי אַזוי מ'האָט איהם באפרייט.

אין א פּאָר יאהר ארום, נאָכדעם ווי דער רב איז ארויס פריי, האָט ער געדארפט זיין אין פעטערבורג וועגען אן ענין וואָס איז געווען נוגע דעם כלל ישראל. ער איז ארויסגעפאָהרען אין דער שטיל און געקומען אין פעטערבורג צו הרב ר' מרדכי ליעפעלער. ר' מרדכי איז מיט דעם רב ארוים אין גאַס, ערשט זיי האָבען באגעגענט א סטאלענער סוחר, וועלכער האָט דעם רב גוט געקענט. דער סוחר האָט געגריסט דעם רב און גע־פרעגט איהם, וואס טוט ער אין פעטערבורג. דער רב האָט זיך משמט געווען איהם צו ענטפערען א קלאָרע זאך. דער סוחר איז אוועקגעגאנגען.

אין א פּאָר טעג ארום איז גראד דער סוחר געגאנגען בא־קוקען דעם קיסר פּאוועל'ס פּאלאצען. ס'איז דאמאָלט אזוי גע־ווען דער מנהג פון יעדען פרעמדען די ערשטע זאך צו באזוכען דעם קיסר'ס פּאלאץ, וואס עס איז ערלויבט געווען יעדען איי־נעם. דער קיסר אליין איז דאמאָלט געווען אין דעם פּאלאץ, נאָר ער איז געגאנגען אָנגעטאָן פארשטעלט, מען זאָל איהם ניט דערקענען.

דער קיסר האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבען אידען און גיט איהם א פרעג: „פון וואנען ביזטו?" ענטפערט דער סוחר: „איך בין פון סטאלין". האָט דער קיסר געפרעגט ווייטער: „קענסטו דאָרטען דעם רב?" ענטפערט ער: „יע, איך קען איהם." פרעגט דער קיסר ווייטער: „און הרב מלאדי קענסטו?" (דער רב מלאדי איז דאָס דערזעלבער צדיק ר' שניאור זלמן). זאָגט דער סוחר: „יע, איך קען איהם, נעכטען האָב איך איהם געזעהן דאָ אין פעטערבורג." האָט דער קיסר געגעבען א געשריי: „ער איז גאָר אין פעטערבורג, ברייננגט איהם אהער!"

מען האָט איהם געבראכט פאר'ן קיסר. פרעגט דער קיסר דעם רב: „וואָס טוסטו דאָ אין פעטערבורג"? האָט זיך דער רב גענומען מתנצל זיין און זאָגען עפּעס א תירוץ. אבער עס האָט קיין זאך ניט געהאָלפען, דער קיסר האָט אָנגענומען, אז דער רב מישט זיך אין פּאָליטיק און ער האָט איהם געהייסען פארשפארען אויף אייביג אין תפיסה. ער האָט נאָר ערלויבט, אַז א משרת זאל קענען ארייננגעהן צו איהם אלע טאָג און איהם באדיענען.

ביי א יאהר איז דער רב אָפּגעזעסען אין תפיסה, דאן איז דער קיסר פּאוועל פּלוצלונג געשטארבען און דעם כסא המלוכה האָט פארנומען זיין זוהן אלכסנדר דער ערשטער. דער רב האָט געפונען גרויס חן ביי דעם נייעם קיסר און ער האָט איהם תיכף באפרייט.

ער האָט איהם אויך געגעבען רשות צו פיהרען עפענטליך די רבנות, און דער נאָמען פון רב מלאדי איז פארשפּרייט גע־וואָרען בכל תפוצות ישראל.

דער טאָג פון דער צווייטער באפרייאונג איז אויך געוועהן אין חודש כסליו, צו דער פינפטער חנוכה־ליכטעל. ביי די חסידים האָט מען דאָס באטראכט פאר א גרויס וואונדער, וואס דיביידע

מאָל איז דער רב באפרייט געוואָרען אין איין חודש כסליו, און מען האָט באשלאָסען נאָך מעהר צו היטען דעם טאָג לזכרון, מאכען אין איהם א סיום הש"ס און א משתה ושמחה.

וואָס האָט זיך געטראָפען מיט די איבריגע רבנים-חסידים, ווי מען האָט זיי ארעסטירט און באפרייט.

די רבנים הקדושים, ר' אהרן הלוי מסטראשלו, און דעם רב'ס זוהן ר' דוד בער ליבאוויטשער, האָבען די מתנגדים פאר-מסר'ט פאר דעם שר המדינה, גענעראל גובערנאטאר כאוואנסקי. דער שר האָט געשיקט נאָך די רבנים, מען האָט זיי נאָך אום שבת צוגענומען פון זייערע שטעט און געבראכט קיין וויטעבסק. דער שר האָט מיט זיי גערעדט זעהר שטרענג און יעדערען פאר-שפארט אין א באזונדער חדר. מען האָט זיי באשולדיגט, אז זיי זיינען מסיתים ומורדים במלכות. ביי דעם פארהער האָבען די רבנים זיך גענומען פארענטפערען, אָבער דער שר האָט גלייך ארייגעפיהרט די מוסרים און זיי געשטעלט פאר א וכוח מיט די רבנים, זיי זאָלען אויפווייזען, אז די רבנים זאָגען פאלש.

ביי איין מסור האָט זיך בעת דעם וכוח מיט ר' דוד בער ליבאוויצער ארויסגעכאפט פון מויל: „רבי, זאָגט אליין". רופט זיך אָפּ ר' דוב בער צו דעם מסור: „זעהסט אליין, אונטער די אויגען רופסט דו מיך „רמאי", „צבוע", און אין די אויגען האָסטו נישט די חוצפה און רופסט מיך רבי, ווייזט אוים, אז איך בין מיט אן אמת א רבי". דער שר, וואס איז ביי דעם פארהער ביי-געווען, זיינען דעם רב'ס רייד צום מסור זעהר געווען געפעלען, און האָט די רבנים פארגרינגערט די תפיסה.

ביי א יאהר זיינען די רבנים אָפּגעזעסען אין תפיסה. זייער דאווגען און דיענען לשי"ת האָט ארויסגערופען צו זיי כבוד און אכטונג מצד אלע שרים, וועלכע האָבען דאָס נאָר אמאָל געזעהן. אויך דער גענעראל גובערנאטאר האָט זיי ליעב באקומען און ענדליך אין חודש כסליו האָט ער זיי איינגאנצען באפרייט, און זיי אויך געגעבען רשות צו פאָהרען אין זייערע שטעט און זיך אויפפיהרען ווי זיי ווילען אליין.

דער סוף פון די מוסרים.

דער סוף פון די מוסרים איז געווען זעהר א מיאוס'ער. ר' אביגדור'ן, דעם פינסקער רב, האָט מען געכאפּט ביי חלול שבת, און ער איז איינגאנצען ארוים לתרבות רעה, ער איז געוואָרען א נואף און א מסור בפהרסיה אויף דעם כלל ישראל, אפילו אויף זיינע פריהעריגע גוטע פריינד. אלע האָבען זיך פון איהם דערווייטערט און איהם אויסגעשלאָסען פון קהל. צולעצט האָט ער אָנגעהויבען שכור'ן, און די ממשלה האָט זיך אויפגעהערט צו איינהערען צו זיינע מסירות.

אזוי האָט ער איינמאָל גע'מסר'ט הרב ר' מרדכי לעכעוויצער פאר דעם פינסקער גובערנאטאר. מען האָט דעם רב און די חסידים געבראכט צום גובערנאטאר און אביגדור האָט גע־דארפט זאָגען די מסירה פאר זיי אין די אויגען. דער גובערנאטאר איז נאָך ניט געווען ארוים פון זיין באזונדער חדר און די חסידים זיינען געשטאַנען און געציטערט פאר שרעק. נאָר דער רבי, ר' מרדכי אליין, איז געווען רוהיג. אין גובערנאטארס גאָרטען האָט מען געשפּילט שעהנע מוזיק. האָט ער געהייסען די

חסידים, זיי זאלען אויסלערנען דעם ניגון, וואס זיי שפּילען, און דאָס וועט זיין גוט אויף דעם שבת צו זינגען זמירות.

באלד איז דער גובערנאטאר אריין צו זיי אין אלגעמיינעם חדר. ער האָט באטראכט יעדען איינעם באזונדער און לאנג גע־קוקט אויף דעם רבי'ן. ער האָט ניט גערעדט קיין וואָרט, און פארראויכערט זיך א ציגאר. ער האָט זיך געזעצט אויף א שטוהל און צוגערופען צו זיך דעם מסור. אביגדור האָט גענומען רעדען און מלשון זיין אויף דעם עולם. דער גובערנאטאר האָט איהם אָבער מפסיק געווען אינמיטען און אָנגעהויבען שרייען: „דו מסור, דו שכור, וואס ווילסטו פון זיי, זיי זיינען עהרליכע מענ־שען. געה צום טייוועל, איך וויל דיך מעהר פאר מיינע אויגען ניט זעהן." און האָט איהם ארויסגעטריבען.

ער האָט דערנאָך צוגערופען דעם רבי ר' מרדכי און גע־זאָגט: „געה לשלום אהיים, דו זקן נכבד, איך גלויב ניט דעם אויסוואורף!"

פון דאן אָן האָט מען שוין אויפגעהערט צו מורא האבען פאר דעם מסור.

דער סוף איז געווען, אז אביגדור איז געוואָרען א בעטלער און איז אוועקגעפאָהרען אין שטעט וואו מען האָט איהם ניט געקענט און דאָרט געגאנגען איבער די הייזער. ער איז ערגעץ געשטארבען און מען ווייסט ניט, אוואו זיין געביין איז אהינ־געקומען.

דער וויטעבסקער מסור, א איד א למדן און א גרויסער עושר, איז אויך געוואָרען אָרים. ס'זיינען ביי איהם געשטארבען די ווייב און קינדער. פון צרות איז ער געוואָרען א שכור.

איינמאָל, י"ט כסליו, ווען די חסידים האָבען, צום יאהר־צייט פון דעם רב'ס באפרייאונג, זיך משמח געווען, איז דער שכור אריינגעקומען און געבעטען מען זאָל איהם אויך געבען אביסעל בראנפען, ווייל ווען ער וואָלט ניט מסר'ן, וואָלט מען

זיי דאָך ניט ארעסטירט און מען וואָלט זיי ניט דארפען באַ- פרייען, וואָלטען דאָך די חסידים קיין שמחה ניט געהאט.

די חסידים האָבען איהם געגעבען אזוי פיעל צו טרינקען, ביז ער האָט זיך דערנאָך ארומגעוואלגערט אין אלע רינ- שטאָקען.

———:———

מעשה פון רבי ישראל פלאצקער, ווי אַזוי ער איז געוואָרען מקורב צום מגיד.

אין דער מדינה רייסען, אין שטאָט פּאָלאָצק, האָט געוואוינט א שניידער. ער איז געווען אן עהרליכער איד, א תמים און געדיענט גאָט מיט אן אמת. זיין ווייב האָט איהם געבוירען אַ זוהן און ער האָט איהם א נאָמען געגעבען ישראל.

אז דאָס קינד איז אביסעל גרעסער געוואָרען און אָנגעהוי- בען לערנען, האָבען אלע גלייך איינגעזעהן, אז דאס וואקסט אן עלוי. באלד האָט ער געוואוסט קלאָר גאנץ ש"ס ופוסקים. דערצו איז ער אויך געווען זעהר פרום און זיין נאָמען האָט אָנגעהויבען זיך הערען איבער גאנץ רייסען.

ווען דער אינגעל איז אלט געוואָרען דרייצעהן יאהר, האָט איהם א גרויסער גביר לעבען פּאלאצק גענומען פאר אן איידעם. דער גביר האָט געהאט אן אייגענע פּאָסעסיע און אויך א ברויז, וואו ער פלעגט טרייבען בראנד-וויין.

דער איידעם איז געזעסען על התורה ועבודה און דער גביר האָט איהם אויסגעהאלטען מיט אלדאָס גוטעס. פּארנאכט פלעגט זיך דער איידעם אלע טאָג ארויסגעהן אביסעל שפּאצירען. ער פלעגט אריינגעהן צום שווער אין ברויז, זעהן ווי מען מאכט דעם בראנד-וויין. דאָרט, אין ברויז, האָט דער איידעם באַ-

מערקט, אז דער משגיח איבער'ן ברויז זיצט און שלאָפט. דעם ערשטען מאָל האָט ישראל געמיינט, אז עס איז נאָר א צופאל, אָבער ער האָט זיך צוגעקוקט, און יעדען טאָג איז געווען דאָס זעלבע. דער משגיח איז כסדר געווען פארשלאָפען. האָט דאס ישראל דערצעהלט זיין שווער, אז דער משגיח שלאָפט כסדר און לאָזט איבער די ארבייט אויף פרעמדע הענט אָהן קיין שום השגחה. דער שווער האָט איהם געענטפערט, אז ער ווייס דאָס שוין פון לאנג. ער האָט שוין איינמאָל איהם אָפגעזאָגט פון דער שטעלע דערפאר, אָבער ער האָט איהם געמוזט צוריקנעהמען, ווייל קיינער גיט ניט ארויס אזוי פיעל בראנפען ווי ער.

דעם איידעם, ר' ישראל, זיינען דעם שווער'ס רייד אריין אין זינען. ער האָט זיך גענומען גוט צוקוקען צו דעם משגיח. ער האָט פארשטאַנען, אז עפּעס מוז זיין מיט דעם ווינער, אז כאָטש ער שלאָפט, טוט ער אויף מעהר פאר אנדערע וואַכעדיגע.

ר' ישראל האָט זיך צוגע'גנב'עט ביינאכט צום ברויז, און האָט געזעהן ווי דער ווינער איז געזעסען און געלערנט. דעם ווינער'ס קול איז געווען אזוי זיס, אז ר' ישראל האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסען און איז א גאנצע נאכט אָפּגעשטאַנען הינטער'ן ברויז, הערען ווי ער לערנט.

דעם ווינער'ס נאָמען איז געווען עזריאל. ר' ישראל האָט זיך דערנעהנטערט צו עזריאל'ן און זיי זיינען געוואָרען חברים. צוויי יאהר צייט האָבען זיי צוזאמען אזוי געלערנט, ביז ר' עזריאל האָט אָנגעהויבען רופען ר' ישראל'ן רבי, ווייל ישראל איז געווען מעהר עלוי פון איהם.

נאָך די צוויי יאהר רופט זיך אָפּ ר' ישראל צו זיין חבר: „די גמרא זאָגט: „כל הלומד תורה לשמה זוכה לדברים הרבה". דער וואס לערנט תורה לשמה איז זוכה צו גוטע מעשים, ווי די משנה רעכענט דערנאָך אויס, און מיר לערנען שוין צוויי יאהר

און איך זעה נאָך ניט ביי אונז קיינע מעשים. מיר מוזען זוכען אַ רבי'ן, וואס זאל אונז לערנען, וואָס הייסט תורה לשמה.

זיי זיינען געפאָהרען צו פיעל גדולים, אבער זיי זיינען אלע ניט געווען צופרידען און פלעגען זיך גלייך אומקערען אהיים. אין דער היים האָבען זיי געטאָן נאָך מעהר תשובה. ר' ישראל האָט אריינגעלעגט דעם קאָפּ אין ארון קודש און געוויינט צוויי שעה נאָכאנאַנד.

פלוצלונג האָבען זיך פאר זיינע אויגען באוויזען צוויי פנים'ער און ער האָט געהערט א קול זאָגען: „פאָהר אויף דער וועלט זוכען, ווען דו וועסט זעהן די צוויי צורות, וועסטו וויסען, וואָס הייסט תורה לשמה."

זיי זיינען תיכף געוואָרען מלא שמחה. זיי האָבען גע־קויפט א פאָר פערד און וואָגען און זיי האָבען זיך געלאָזט אי־בער דער וועלט. ר' עזריאל איז געווען דער טרייבער. זיי זיי־נען געפאָהרען סתם ניט וויסענדיג אוואו און ווען זיי פלעגען קומען צו אַן אָרט, וואו די וועגען טיילען זיך, פלעגט ר' עזריאל פרעגען: „רבי, אוואו פאָהרט מען?" פלעגט איהם ר' ישראל ענטפערען: „לאָז די פערד געהן אליין די וועג."

עס האָט געדויערט לאנג ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין מעזעריטש און זיי זיינען צוגעפאָהרען צו דער שטוב, וואו עס האָט געוואוינט דער מגיד.

ביים טהיר פון הויז האָבען זיי באגעגענט דעם מגיד'ס זוהן, וואָס איז געווען באקאנט אויף דער וועלט מיט'ן נאָמען דער מלאך.

ווי ר' ישראל האָט דערזעהן דעם מלאך, האָט ער גלייך דערקאנט איין פנים, פון די צוויי, וואס האָבען זיך צו איהם בא־וויזען אין ארון קודש. דער מלאך האָט שוין פון דעם געוואוסט, און ער האָט געזאָגט צו ר' ישראל'ן: „קום, איך וועל דיר ווייזען אויך די אנדערע צורה."

ער האָט איהם אריינגעפיהרט צום פאָטער, דעם מגיד.

ר' ישראל האָט זיך געזאמט ביים מגיד א קארגע שעה. ווען ער איז ארויס, איז ער צוגעגאנגען צו ר' עזריאל'ן, וועלכער איז די גאנצע צייט געשטאַנען ביי די פערד, און צו איהם געזאָגט: „קום, לאָמיר גלייך פאָהרען די וועלט מחזיר לתשובה זיין." זאָגט צו איהם ר' עזריאל: „לאָז מיר אויך אריין צום רבי'ן, מיר פאָהרען שוין אזא לאנגע צייט, און איצט אז מיר האָבען זוכה געווען צו קומען צום רבי'ן, וויל איך איהם אויך זעהן."

ענטפערט איהם ר' ישראל: „דאָס קען ניט זיין. מיר מוזען גלייך פאָהרען אין וועג, השי"ת וועט העלפען, אז מיר וועלען קומען אהער צוריק צו פאָהרען, וועלען מיר דאָ זיצען א צייט, ביז מיר וועלען וויסען וואס מיר האָבען צו טאָן."

זיי זיינען גלייך אוועקגעפאָהרען קיין ווילנא. שבת האָבען זיי געהאלטען ביי א גרויסען מאן פון ווילנא, וועלכען זיי האָבען געוואָלט איבעררייידען, ער זאל פאָהרען אין מעזעריטש צום מגיד. דער מאן האָט זיי פארשפראָכען, אבער איז דעם זעלבען שבת שטארק קראנק געוואָרען און ניט געקענט פאָהרען.

שבת צו נאכט זיינען זיי ארויסגעפאָהרען פון ווילנא און זיך געלאָזט אין וועג. זיי האבען געלאָזען די פערד געהן אליין די וועג און זיינען אזוי געפאָהרען א גאנצע נאכט. פארטאָג צו, זיינען זיי אָנגעקומען אין א דאָרף צעהן מייל פון ווילנא. אין דאָרף האָט געוואוינט א רויטלאכער ארענדאר. ער איז געווען אן עושר און א למדן. ער האָט געהאט ביי זיך א שוהל, וואו אלע דאָפסלייט פלעגען זיך אלע שבת צונויפקלייבען דאַוונען. ער האָט אויך געהאלטען ביי זיך א מלמד צו זיינע קינדער.

ווען ר' ישראל'ס פוהר איז פארפאהרען צו דעם ארענדאר, האָט מען זיי געפרעגט, ווער זיי זיינען.

האָט ר' עזריאל געענטפערט: „איך פיהר דאָ א בעל-דרשן."

מען האָט זיי צוגעפיהרט צום קלויז און זיי אָנגעוויזען, אז זיי קענען דאָרט איינשטעהן. דער מלמד, וועלכער האָט זיך געפונען אין קלויז, האָט זיי גאַנץ פיין אויפגענומען.

אז ר' ישראל האָט זיך פארנאַנדערגערעדט מיט'ן מלמד, האָט ער תיכף דערזעהן, אז פון איהם קען אויסוואקסען אן אדם גדול, ווען ער זאל פאָהרען אין מעזעריטש.

ער האָט איהם אבער גאר ניט געזאָגט. ער האָט זיך פאר־שטעלט פאר א בעל־דרשן אן עם־הארץ, און געוואָלט דער מלמד זאָל אליין אָנהויבען איהם פרעגען וועגען וואס.

אויפ'ן טיש אין קלויז איז געלעגען א מהרש"א, פון וועל־כען דער מלמד פלעגט אמאָל לערנען מיט די קינדער. ר' ישראל האָט גענומען דעם מהרש"א און אין איהם געקוקט כסדר און געמישט א בלאט נאָך א בלאט.

דער מלמד מיט די קינדער זיינען געשטאַנען און האָבען מיט וואונדער געקוקט, ווי ער לערנט כסדר מהרש"א אָהן גמרא. נאָכ'ן לערנען האָט ר' ישראל פארמאכט דעם מהרש"א און דערביי געזאָגט: „סא גוטער מוסר־ספר דאָס איז." דער מלמד מיט די קינדער האָבען זיך זעהר פארנאַנדערגעלאכט, ווייל אלע ווייסען, אז דער מהרש"א איז א פלפול ספר ניט קיין מוסר. האָ־בען זיי זיך געטראכט: „ער מאכט זיך דאס פאר א בעל־דרשן, אָבער ער מוז זיין א גרויסער עם־הארץ, אז ביי איהם איז רעכט, אז דער מהרש"א זאל זיין א מוסר ספר.

ר' ישראל האָט זיך געמאכט, ווי ער פארשטעהט גאָר נישט זייער געלעכטער. ער האָט איבערגענעכטיגט. אויף מאָרגען פריה איז ער אויפגעשטאַנען און זאָגט צום מלמד: „איך וואָלט געוואָלט האָבען א מנין צום דאווגען."

האָט דער מלמד ביי זיך געטראכט, אז מען זאל מאכען א מנין, דארף ער דאָך דאווגען ביים עמוד, ווייל קיין אנדערער איז ניטאָ, וועלען נאָך די קינדער אין מיטען דאווגען דערמאנען דעם

נאָמען מהרש"א, וועט ער זיך נאָך פארנאַנדערלאכען. איז גלייכער פארשפארען דאס האָבען צו טאָן. זאָגט ער צו ר' ישראל'ן: „אין דערוואכען איז ביי אונז שווער צו מאכען א מנין." ר' ישראל האָט אבער פארשטאַנען דעם מלמד'ס כונה און האָט צו איהם געזאָגט: „איך האָב א בעל־עגלה וואס דאווענט זעהר גוט פאר'ן עמוד." איז שוין ביים מלמד דערוועקט געוואָרען ספקות, אז עס איז עפּעס ניט גלאַט. ער אליין זאָגט אויפ'ן מהרש"א א מוסר ספר, און זיין בעל־עגלה קען גוט דאווענען ביים עמוד. מוז מען איהם טאקע פּרואווען. ער האָט אויפגעבראכט א מנין, און ר' עזריאל האָט זיך געשטעלט פאר'ן עמוד.

ווי ר' עזריאל האָט זיך נאָר געשטעלט דאווענען מיט זיין זים קול, זיינען אלע מבולבל געוואָרען. זיי האבען גאר ניט געקענט פארשטעהן וואס דאָ איז. עס איז ביי אלעמען געווען א גרויסער חדוש.

נאָכ'ן דאווענען האָט דער ארענדאר אליין, וועלכער האָט אויך געדאווענט מיט'ן מנין, זיי פארבעטען צו זיך אויף א סעודה. ער האָט געקלערט, אז בעת דער סעודה וועט ער געוואהר ווערען, ווער זיי זיינען.

אין מיטען עסען איז אריין א איד מיט א קליין פּעקעל אויף זיין אקסעל, ווי די בני בית האָבען איהם דערזעהן, זיינען זיי אויפגעציטערט געוואָרען און זיך אויפגעשטעלט פאר איהם. זיי האָבען איהם אלע דערלאנגט שלום און געפרעגט: „רבי, וואָס טוט איהר דאָ? פון וואנען קומט איהר?" דער איד האָט זיי ניט געענטפערט קיין וואָרט, נאָר ער האָט ארומגעזוכט מיט די אויגען. אז ער האָט דערזעהן ר' ישראל'ן, איז ער צו איהם צוגעגאנגען און איהם געגעבען שלום. ר' ישראל האָט איהם געענטפערט שלום און געפרעגט איהם, ווער ער איז. האָט דער איד געזאָגט: זיין נאָמען איז איסר, ער איז א

מלמד ביי דעם גאון אין ווילנא. אז ר׳ ישראל איז געווען אין ווילנא, האָט ער געהערט, ווי ער האָט געלויבט דעם מגיד, איז ביי איהם געבליבען, ער זאָל פאָהרען אין מעזעריטש. נאָר קודם איז ער געגאנגען אין ר׳ ישראל׳ם אכסניה אין ווילנא און גע־פרעגט, אוואו איז ער. האָט ער זיי שוין ניט געטראָפען. האָט ער זיך צוגעקוקט צו די פערדס טריט און איז געגאנגען מיט דעם סליעד (טריט־צייכענס) ביז ער האָט געטראָפען זיי דאָ אין דאָרף.

דערווייל האָבען זיך שוין דער ארענדאר און דער מלמד דערוואוסט ווער זיי זיינען. און זיי זיינען אלע אויף מאָרגען געפאָהרען קיין מעזעריטש צום מגיד, און זיי זיינען אלע גע־וואָרען נאָכדעם צדיקים מפורסמים.

נאָכדעם ווי ר׳ ישראל און ר׳ עזריאל האָבען זיך צושיידט.

דריי יאהר צייט האָבען זיי, ר׳ ישראל מיט ר׳ עזריאל׳ן, צוזאמען ארומגעפאָהרען. וואו נאָר זיי האָבען געזעהן א רעכ־טען מענשען, האָבען זיי געשיקט קיין מעזעריטש. דערנאָך זיי־נען זיי אליין געזעסען אין מעזעריטש דריי יאהר און געלערנט די סודות התורה.

שפּעטער האָט זיי דער מגיד מרמז געווען, זיי זאָלען זיך צוטיילען. איז ר׳ עזריאל אוועקגעפאָהרען מיט ר׳ ליב שרה׳ם און זיך מתדבק געווען אָן איהם און ר׳ ישראל איז אוועקגע־פאָהרען קיין פלאצק.

ר׳ ישראל האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות און איז געגאנגען אפריכטען גלות. ער איז אזוי געגאנגען א לאנגע

צייט ביז עס האָט זיך איהם געטראָפען אמאָל צו נעכטיגען אין א קרעטשמע, וואס דאָרטען האָט מען זיך געריכט אויף דעם גרויסען רבי, ר' חייקעל.

מען האָט די קרעטשמע אויסגעפוצט, אָנגעצונדען א סך ליכט און געגאנגען אנטקעגען דעם רבי'ן ר' חייקעל.

ר' ישראל איז געגאנגען ווי אן אָרימאַן. ער איז אריין אין קרעטשמע און זיך פארשטעקט ערגעץ הינטער דעם אויווען.

ווי ר' חייקעל איז אריין אין קרעטשמע, האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט און געזאָגט: „איך הער א גוטען ריח". ער האָט גע־נומען זוכען ווער עס איז דאָ אין הויז. זאָגט מען איהם, קיינער איז ניטאָ. אבער דער רבי, ר' חייקעל, האָט ניט נאָכגעלאָזט און ווייטער געזוכט, ביז ער האָט געפונען ר' ישראל'ן זיצענדיג אין א ווינקעל הינטער'ן אויווען.

זאָגט צו איהם ר' חייקעל: „ווער ביזטו, און ווי איז דיין נאָמען?" זאָגט ער: „איך בין א שניידערס א זוהן, מיין פאָטער איז געשטארבען, איך האָב מיך די מלאכה אויסגעלערנט, נאָר דעם שניט קען איך ניט. און מיין נאָמען איז ישראל." זאָגט צו איהם ר' חייקעל: „דו ביזט דאס דער ישראל, וואס אויף דיר שטעהט געשריבען, ישראל אשר בך אתפאר". ער האָט איהם אָנגענומען ביים האנט און מיט איהם אריין אין א חדר מיוחד און זיך פארשלאָסען.

גלייך נאָך דעם איז ר' ישראל אוועק אין פלאָצק, אויפגע־הערט צו אפריכטען גלות, און דאָרט איבערגענומען די רבנות.

לאנג איז דער צדיק ר' ישראל אויף כסא הרבנות ניט גע־זעסען.

נאָך דעם מגיד'ס פטירה, איז תיכף נפטר געוואָרען דער מלאך, דעם מגיד'ס זוהן, און איז נקבר געוואָרען אין דער שטאָט כווארטאוו. האָט זיך געטראָפען, אז רבי ישראל איז דורכגע־פאָהרען די שטאָט כווארטאוו, איז ער געגאנגען אויף דעם

מלאך'ם קבר. ווען ער איז צוריקגעקומען פון קבר, האָט ער געשיקט רופען חברה-קדישא און זיי געזאָגט: „איהר זאָלט וויסען, אז ר' אברהם, דער מלאך, האָט מיך געבעטען, אז איך זאָל ליגען לעבען איהם. איך קען עס איהם ניט אָפזאָגען. איהר זאָלט וויסען, אז איך וועל גאר אין גיכען נפטר ווערען, זאלט איהר מיך לעגען לעבען איהם."

אזוי איז טאקע געווען. ער איז תיכף קראנק געוואָרען און זיך געלעגט אין בעט און אין א פּאָר טעג ארום האָט ער צוגעמאכט די אויגען און געשטארבען.

———:———

א מעשה פון הרב ר' ליב, דער שפּאָלער זיידע, און הרב ר' פנחס קארעצער, זכותם יגן עלינו.

עס איז יעדען באקאנט די קדושה פון דעם גרויסען צדיק ר' ליב, וועלכען מען האָט גערופען „דער שפּאלער זיידע."

דער טעם פאר וואס מען האָט איהם גערופען „שפּאלער זיידע" איז געווען צוליעב דעם, ווייל דאמאָלט, ווען ר' ליב איז אָנגעקומען קיין שפּאלע איז די גאנצע שטאָט געווען זעהר פאר-גרעבט. די בעלי-בתים האָבען אליין ניט געקענט קיין עברי און האָבען אויך ניט געגעבען לערנען די קינדער.

ר' ליב האָט מיט זיינע דרשות אלעמען דערוועקט לעבודת השי"ת. ער האָט געדונגען מלמדים און געלאָזט לערנען דעם יונגען דור און אויך די עלטערע אויסגעלערנט עברי. ער האָט אויך געבויט בתי מדרשים וכנסיות. מען האָט איהם דעריבער גערופען זיידע, ווייל ער איז געווען אין דער בחינה פון דעם הייליגען זיידען אברהם אבינו, וואס האָט מגיר געווען א סך גרים און זיי מכנים געווען תחת כנפי השכינה.

דער שפּאלער זיידע האָט געהאט א סך חסידים, וועלכע האָבען איהם פארגעטערט און געזוכט זיין התקרבות.

צווישען זיינע חסידים און מקורבים איז אויך געווען איי־נער, וועלכער האָט ניט געהאט קיין קינדער. ער האָט כסדר געבעטען דעם רבי'ן, ער זאל מתפלל זיין פאר איהם, ער זאל האָבען א קינד. דער שפּאלער זיידע פלעגט איהם מדחה זיין פון טאָג צו טאָג.

איינמאָל האָט דער חסיד אָפּגעמאכט ביי זיך, אז ער וועט ניט אָפּטרעטען פון רבי'ן, ביז דער רבי וועט בעפרידיגען זיין בקשה. ער איז אוועק צום שפּאָלער אין הויז. ווען דער חסיד איז אריינגעקומען, איז דער רבי געווען פארטראכט מיט זיינע מחשבות אין דבקות בהשי"ת. זאָגט צו איהם דער חסיד: „רבי, העלפט מיר, איך זאל האָבען א בן־זכר". ענטפערט איהם דער רבי: „לאָז מיך איצטער אָפּ, ווייל איך בין זיך עוסק אין אַ דבר גדול וועגען כלל ישראל, און ווען מען בעט וועגען כלל איז ניט קיין צייט צו בעטען פאר א יחד.

האָט דער חסיד ביי זיך געטראכט, אז ער וועט איצט דעם רבי'ן ניט אפלאָזען. דאָס וואס דער רבי האָט איצט אין זינען אַ כלל זאך, ווייזט דאס, אז די צייט איז אן עת רצון, איז נאָך בעסער, השי"ת זאָל צוהערען דעם רבי'ס בקשה. האָט דער חסיד דעם רבי'ן ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט איהם געבעטען אַ סך מאָל און דעם רבי'ן זעהר מצער געווען.

פון אָנהויב האָט דער רבי איהם געבעטען מיט גוטען, ער זאָל איהם אָפּלאָזען. אָבער ווען דער חסיד האָט זיך אלץ איינ־געשפּארט, האָט דער רבי מעהר ניט געקענט אויסהאלטען פון איהם און האָט געזאָגט: „איך שווער דיר, אז דו וועסט שוין דיין גאנצען לעבען קיין קינד ניט האָבען, ווייל דו ביזט מיך מצער."

דער חסיד האָט זיך פאַרנאַנדערגעוויינט און איז אַוועקגעפאָהרען. ער האָט זיך שוין גאָר מיאש געווען פון האָבען אַ קינד, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דעם שפאָלער'ס רייד ווערען מקוים.

איינמאָל איז דער חסיד געפאָהרען אויף אַ יאריד אין קאָרעץ. נאָך דעם יאריד, פאַרנאַכט, איז ער געגאַנגען אין בהמ"ד דאווגען מנחה. אין יענעם בית-המדרש איז דאַמאָלט געזעסען און געלערנט ר' פנחס. דער שפּעטערדיגער באַוואוסטער ר' פנחס קאָרעצער. ר' פנחס איז נאָך דאַמאָלסט ניט נתגלה געוואָרען און קיינער האָט פון איהם ניט געוואוסט. דער חסיד איז אבער געווען אַ בעל שכל. ווי ער האָט דערזעהן די התנהגות פון דעם הייליגען צדיק ר' פנחס, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז גאָר אַ גרויסער בעל מדרגה און אַ בעל-רוח קדוש וטהור, האָט זיך דער חסיד נאָכגעפרעגט, וואס איז ר' פנחס'עס פּרנסה. האָט מען איהם געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער אביון.

עס איז דאַן געווען אין חודש ניסן, אַ וואָך פאַר פּסח. ביים צדיק אין הויז איז נאָך ניט געווען קיין זכר פון יום טוב. ער האָט נאָך ניט געהאט קיין מצה און אויך ניט געוואוסט פון וואַנען ער וועט אַלעם האָבען אויף יום טוב. נאָר ר' פנחס האָט זיך ניט מצער געווען. ער האָט געהאט גרויס בטחון, אַז גאָט וועט איהם צושיקען. ער האָט נאָר געזאָרגט, ער זאָל חלילה ניט דאַרפען האָבען קיין בטול תורה צוליעב די הצטרכות אויף יום-טוב.

אַז דער חסיד האָט דערהערט פון דעם, אַז ר' פנחס האָט נאָך ניט אויף יום טוב, האָט ער ר' פנחס'ן גאָר ניט געזאָגט. ער איז אַוועק צו זיין ווייב און איהר געזאָגט, אַז ער איז אַן אורח און וויל זיין ביי זיי יום טוב, און ער וועט באַזאָרגען דעם יו"ט מיט אַלעם פאַר אַלע בני-בית. ר' פנחס ווייב האָט איהם געזאָגט, אַז זי ווייס, אַז איהר מאַן וועט זיין צופרידען צו האָבען אַן אורח ביי זיך יום טוב.

דער חסיד האָט אויפגעטראָגען אין הויז מצה שמורה, וויין, פלייש, עופות און געגעבען געלט ר׳ פנחס ווייב, זי זאל איינקויפען א טיש מיט בענקלאך, און נאָך קלייניגקייטען, און זי זאָל מאכען א פסח בהרחבה, כיד המלך. ער האָט איהר אויך געבעטען, זי זאל פון דעם ניט אויסזאָגען איהר מאן ביז פסח ביינאכט, צום סדר.

זי האָט אלעם געטאָן, ווי ער האָט איהר געבעטען. זי האָט אָנגעגרייט א יום טוב ווי ביי די גרעסטע נגידים. ר׳ פנחס אליין האָט פון קיין זאך ניט געוואוסט. איהם איז אפילו געווען א וואונדער, וואס די ווייב מאָנט איהם ניט אויף יום טוב. ער איז אָבער געווען צופרידען, וואס ער דארף ניט מבטל זיין פון לערנען, און האָט ניט געטראכט וועגען דעם.

ערב פסח איז ר׳ פנחס געגאנגען אין מרחץ און האָט זיך טובל געווען. נאָך דער טבילה האָט ער עפּעס טועם געווען און זיך געזעצט לערנען און געלערנט ביז דעם יום-טוב׳דיגען מעריב.

דער חסיד איז ניט געגאנגען דאווענען. ער האָט פארנאכט געבראכט אויך נייע מלבושים פאר אלע בני-בית און זיך מתעסק געווען מיט׳ן צוגרייטען אלעם צום סדר. אויף די טישען האָט מען אָנגעשטעלט פון כל טוב. גרויסע ליכט האָבען געברענט און באלויכטען די הויז. עס האָט געהערשט פיעל שמחה אין אלע ווינקעלאך. דער צדיק איז געקומען נאָך מעריב אהיים, האָט ער די שטוב ניט דערקענט. די נייע זילבערנע כלים און די ליכט האָבען איהם פארגלאנצט די אויגען. ער האָט מיט גרויס חדוש געפרעגט דער ווייב, פון וואנען קומט דאס אלעם, האָט די ווייב איהם אָנגעוויזען אויף דעם חסיד און געזאָגט: „דער טייערער אורח האָט דאס אלעם פאר אונז אָנגעגרייט“. דער צדיק האָט געגעבען דעם אורח שלום און איהם קיין זאך ניט געפרעגט. דער חסיד האָט אויך געשוויגען און קיין זאך ניט

געבעטען. ר׳ פנחס האָט געמאכט קידוש מיט גרויס דבקות און שמחה, נאָכדעם האָבען זיי געזאָגט צוזאמען די הגדה מיט גרויס התלהבות. נאָך דער הגדה האָט מען זיך געזעצט צו דער סעודה.

אינמיטען דער סעודה זאגט ר׳ פנחס צום אורח: „ווייל דו האָסט מיר מהנה געווען, זאג מיר וואס דו פארלאנגסט, וועסטו געהאָלפען ווערען." האָט איהם דער חסיד דערצעהלט דעם גאנצען אמת, אז ער האָט קיין קינדער ניט, ער האָט געבעטען ביי ר׳ ליב שפּאלער און ר׳ ליב האָט געשוואוירען, אז ער וועט קיינמאָל מעהר קיין קינדער ניט האָבען. איצט איז זיין בקשה, מען זאָל עפּעס צוטראכטען אראָפּצונעמען די שבועה פון שפּאלער זיידע. רופט זיך אָפּ ר׳ פּנחס: „איך נעם צוזאמען אלע מיינע מעשים און וואס פאר א זכות איך האָב נאָר, און איך שווער דיר אז דעם יאהר וועט דיין ווייב האָבען א בן־זכר."

אזוי איז טאקע געווען. צום ענדע יאהר האָט דעם חסיד׳ס ווייב געהאט א בן זכר.

דער סאדיגורער רבי, ווען ער האָט דערצעהלט די מעשה, האָט ער מגלה געווען, וואס עס האָט זיך געטאָן בפמליה של מעלה און ווי אזוי ר׳ פּנחס האָט אויסגעפיהרט געגען שפּאלער זיידען.

ווי ר׳ פּנחס האָט נאָר געשוואוירען, אז דער חסיד זאָל האָבען א קינד, איז געוואָרען א גרויסער טומעל בפמליה של מעלה, ווי זאל מען טאָן, ווייל דער שפּאלער זיידע האָט פּונקט געשווארען פארקעהרט, אז דער חסיד וועט זיין גאנצעם לעבען קיין קינד ניט האָבען.

האָט מען ארויסגעגעבען א פּסק בבית דין של מעלה, אז מען זאָל אויסגעפינען, ווער עס האָט אויף זיין לעבען קיינמאָל ניט געשוואוירען אפילו איין שבועה של אמת, יענעמס שבועה זאָל מקוים ווערען. האָט מען נאָכגעקוקט די ביכער און געפונען

אַז ר' פנחס קארעצער האָט אויף זיין לעבען קיינמאָל ניט גע-שוואוירען. איז געבליבען, אז זיין שבועה זאל אָנגענומען ווערען און דער חסיד זאָל האָבען א קינד.

———:———

אַ מעשה מיט דעם ר"י הקדוש.

דער ר"י הקדוש איז געווען פארבעטען צו א סעודת מצוה ביי א חתונה. דער חתן איז געווען א קדוש וטהור, מפורסם מיט זיין צדקות וחסידות און אויך א גרויסער תלמיד חכם, ווען מען איז געזעסען ביי דער סעודה און דער חתן האָט גענומען עסען א שטיקעל עוף, האָט זיך איהם א ביינדעל פון דעם עוף געשטעלט אין האלז, און ער האָט זיך אָנגעהויבען ווערגען.

מען האָט גערופען דאָקטוירים און מען האָט געפּרואווט דעם ביינדעל ארויסנעהמען, אבער קיין זאך האָט ניט געהאָל-פען און דער חתן איז אזוי דערוואָרגען געוואָרען און גע-שטארבען.

דער גאנצער עולם האָט ביטער געוויינט און געיאָמערט אויף דעם גרויסען אומגליק, נאָר דער ר"י הקדוש איז געבליבען זיצען רוהיג אויף זיין אָרט און נאָך געוויזען א פנים שוחקות.

האָבען זיך אלע געוואונדערט, וואס דעם ר"י הקדוש אָרט עס גאָר ניט דער אומגליק און איהם געפרעגט, פארוואס ער ווייזט נאָך ארוים א פנים שוחקות?

האָט זיי ר"י הקדוש געענטפערט: „איהר זאָלט וויסען זיין, אז דער יונגערמאן, דער חתן, האָט מיט זיין פטירה מתקן געווען זיין שורש נשמה פון זיינע אלע גלגולים." האָט מען דעם הר"י שטארק געבעטען, און ער האָט דערצעהלט די גאנצע מעשה:

„דער יונגערמאן דער נפטר איז נאָך אין ערשטען גלגול גע־וועזן א מורה הוראה, ער פלעגט פסק'נען שאלות און איז געווען מפורסם מיט זיין גרויס צדקות. ער האָט מתקן געווען אלע פגמים פון זיין שורש נשמה. נאָר דאָס, וואס ער איז מגולגל גע־וואָרען אויפ'ם ניי, איז דאָס געווען איבער א סיבה.

אַ איד, א ירא שמים, האָט איינמאָל געקויפט אן עוף לכבוד שבת און האָט דערזעהן אויפ'ן עוף א שאלה. ער האָט געבראכט דעם עוף פאר דעם יוגענמאן דעם מורה־הוראה, ער זאָל איהם זאָגען צו איז דער עוף כשר אָדער טריפה. דער יונ־גערמאן איז דאמאָלט גראדע געווען טרוד אין לערנען און האָט זיך ניט גוט מיישב געווען און גע'פסק'נט, אז דער עוף איז טריפה, כאָטש עפ"י אמת האָט ער אויך געקענט מכשיר זיין דעם עוף. און דאס איז געווען פאר דעם יונגענמאן א גרויסער כשלון ר"ל, ווייל דער עוף איז געווען א גלגול פון א נשמה, וואס איז ארומגעגאנגען אין עולם התוהו. די נשמה האָט אליין ניט געהאט קיין תקון, ביז עס איז ארויס דער פסק פון בית דין של מעלה, אז זי זאל מגולגל ווערען אין אן עוף טהור, און ווען עס וועט האָבען א זכיה, אז א פרומער איד זאָל עסען דעם עוף ביי אַ סעודת שבת קודש, וועט די נשמה האָבען א תקון, און דאס איז געווען דער עוף, וואס דער ירא שמים האָט געקויפט און גע־וואָלט האָבען אויף א סעודת־מצוה לכבוד שבת, נאָר דער מורה־הוראה האָט עס פאלש טרפה געמאכט, און דער ירא־שמים האָט עס ארויסגעוואָרפען. איז די נשמה געקומען פאר בית דין של מעלה און גע'טענה'ט געגען דעם יונגענמאן, דעם צדיק, אז ער האָט איהר קאליע געמאכט, זי האָט געקענט האָבען שוין א תקון און ער האָט ניט עפ"י דין איהר טריפה געמאכט. איז ארויס דער פסק דין פון בית דין של מעלה, אז דאָס איז דעם צדיק'ס שולד, וואס ער איז ניט געווען זהיר מיט'ן פסק־דין, ער דאַרף דעריבער נאָכאמאָל מגולגל ווערען, און די נשמה פון עולם

התוהו דארף איך נאכאמאל מגולגל ווערען אין אן עוף, און אז ער וועט מתקן זיין די נשמה, וועט עס אויך זיין זיין אייגענער תקון. דער עוף, וואס דער צדיק האט געגעסען איז עס געווען מיט דעם גלגול, און ווי דער צדיק האט אנגעהויבען צו עסען פון עוף, האט שוין די נשמה געהאט א תקון גמור און דער צדיק האט שוין מעהר ניט געהאט וואס צו טאן אויף דעם עולם."

„איצט פארשטעהט איהר שוין", האט דער הר"י הקדוש אויסגעפיהרט, „פארוואס איך האב באוויזען א פנים שוחקות און זיך ניט מצער געווען פון דעם יונגענמאנ'ס פטירה, ווייל ער האט מעהר ניט געהאט וואס צו טאן אויף דעם עולם."

מעשה מהרב הצדיק ר' ישראל מרוזין זצ"ל

דאס איז געווען אין דער צייט, וואס דער הייליגער צדיק, ר' ישראל רוזינער, איז געזעסען ביי א צוויי חדשים אין תפיסה. מען האט קיינעם צו דעם רבי'ן ניט צוגעלאזען אפילו אויף אויסצו־ריידען אווארט.

צווישען די זעלנער, וואס האבען געהיט די תפיסה, איז אויך געווען א אידישער יונגערמאן, א חסיד, וואס פלעגט אפט פאה־רען אין רוזין. אז ער האט געהערט, אז דער רבי איז אין תפיסה, האט ער געוואלט אנטאן דעם צדיק א נחת רוח. ער האט שטענ־דיג אויף דער וואך גערעדט מיט'ן רבי'ן דורך די גראטען, האט דער רבי איהם געזאגט: „אויב דו קענסט, אין א פאר טעג ארום, לאז מיך ארויס פון תפיסה אויף א פאר שעה, ביינאכט, איך זאל קענען מחדש זיין די לבנה." דער יונגערמאן, דער זעלנער, האט איהם צוגעזאגט.

אין א פאָר טעג ארום, ביינאכט, איז ער געגאנגען און גע־בעטען דעם זעלנער, וואס איז געשטאַנען אויפ'ן וואַך, ער זאל איהם לאָזען שטעהן אויף זיין אָרט, און האָט איהם דערפאר גע־געבען א האלבע קוואָרט בראנפען.

דער זעלנער האָט איהם געלאָזען, דער יונגערמאן האָט זיך געשטעלט אויפ'ן וואַך און ארויסגעלאָזען דעם רבי'ן פון תפיסה מחדש זיין די לבנה. דער רבי האָט זיך געשטעלט מחדש זיין און איז אזוי געשטאַנען אין דבקות צוויי און דריי שעה און זיך ניט גערירט פון אָרט.

דעם זעלנערס צייט איז דערווייל אויסגעגאנגען, און ער איז געשטאַנען און געציטערט, אַט באלד דארפען קומען אנדערע זעלנער איהם אומבייטען און וועלען טרעפען דעם רבי'ן אויפ'ן הויף.

ער האָט געוואָלט דערמאנען דעם רבי'ן, אבער דער רבי איז אזוי געווען פארנומען אין מחשבות, אז ער האָט ניט מעיז גע־ווען איהם שטערען.

דער יונגערמאן האָט אין הארצען חרטה געהאט אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן, ווייל ער האָט געוואוסט, אז באלד וועלען אָנקומען אנדערע, און מען וועט איהם דערפאר שיסען.

אן ערך פון פינף שעה איז דער רבי אזוי געשטאַנען און מתפלל געווען. קיין אנדערע זעלנער זיינען אויך ניט אָנגע־קומען. ענדליך זאָגט דער רבי צום יונגענמאן: „פיהר מיך אריין צוריק." דער יונגערמאן האָט זיך דערפרעהט, און אזוי געטאָן.

ווי נאָר ער איז ארוים צוריק אויף זיין וואַך, ערשט די אנ־דערע זעלנער זיינען געקומען און זיך ענטשולדיגט פאר איהם, וואָס זיי זיינען ניט געקומען צו דער צייט. זיי האָבען איהם דערצעהלט, אז זיי האָבען געדארפט דורכגעהן א קליינעם וועל־דעל הינטער'ן שטאָט, אבער, זיי ווייסען אליין ניט ווי אזוי, זיי

האָבען פארבלאָנדזשעט און זיך ארומגעדרעהט אין קעלט א גאנצע נאכט.

דער יונגערמאן האָט גלייך פארשטאַנען דעם מופת פון רבי'ן, ווי השי"ת האָט איהם געהאָלפען, ער זאל קענען טאָן זיין עבודה, וויפיעל ער האָט נאָר געוואָלט.

מעשה מיט דעם רמ"א זצ"ל.

אין דעם יאהר שט"ז איז נפטר געוואָרען דער קראקער רב, אַ באריהמטער גאון וצדיק. אז עס איז אריבער א שטיקעל צייט נאָך זיין פטירה, האָבען די פני-העיר אָנגעהויבען זוכען א גאון, וואָס זאל זיין פאסיג צו פארנעמען דעם כסא הרבנות.

דאמאָלט האָט זיך שוין געלאָזט הערען די גרויסקייט פון רמ"א, פון זיין באריהמטען חבור, וואס ער האָט מחבר געווען אויף אלע ארבעה חלקי שלחן ערוך. זיינען צו איהם געפאָהרען די פני-העיר פון קראקא, און איהם געבעטען ער זאָל איבערנע-מען די רבנות. האָט ער זיי לכתחילה אָפגעזאָגט, ווייל ער איז געווען נאָך זעהר יונג און „עס פאסט ניט", האָט ער געזאָגט, „אַז א יונגערמאן זאָל פארנעמען די גרויסע קראקאער רבנות." אָבער די פני האָבען איהם שטארק געבעטען און געזאָגט, אָב-וואָהל ער איז יונג, אבער מען קען ניט געפינען נאָך איינעם, וואָס זאל זיין אזא גאון ווי ער. דער רמ"א האָט מסכים געווען און באשטימט א טאָג, ווען ער וועט קומען איבערנעמען די רבנות אין שטאָט.

דאמאָלסט איז געווען דער געזעץ פון דער רעגירונג אין קראקא, אז די אידען טאָרען ניט נעהמען א רב אָהן דעם בישופ'ס הסכמה. זיינען די שטאָטלייט געגאנגען צום בישוף און איהם דערצעהלט, אז זיי נעמען פאר א רב איינעם ר' משה, וואָס איז

איצט דער גרעסטער גאון און אז ער איז אויך א חכם אין אנדערע חכמות. האָט זיי דער בישוף געענטפערט: „עס פרעהט מיך זעהר, וואס אונזער שטאָט וועט האָבען פאר א רב דעם גרעסטען גאון וחכם פון דער צייט. זאָגט מיר אָן, ווען איהר פאָהרט איהם אנטקעגען מקבל פנים זיין, וועל אויך ארויספאָהרען איהם באַגעגענען." זיינען די שטאָטלייט אוועק פון בישוף מיט גרוים שמחה.

אז עס איז געקומען דער טאָג, ווען דער רמ"א האָט גע־דארפט איבערנעמען די רבנות, זיינען גאנץ שטאָט איהם ארויס אנטקעגען בתופים ובמחולות און מען האָט אויך אָנגעזאָגט דעם בישוף.

דער בישוף האָט געהייסען איינשפאנען זיינע בעסטע פערד מיט דער שעהנסטער קארעטע און איז אויך ארויס אנטקעגען דעם רב.

דער רמ"א איז נאָך דאמאָלט קיין דרייסיג יאהר ניט אלט געווען, און האָט אויך אויסגעזעהן זעהר יונג. אז דער בישוף האָט דערזעהן דעם רמ"א, איז ער איהם גאָר ניט געווען גע־פעלען. איהם האָט פארדראָסען, וואס די פני־העיר האָבען אויס־געקליבען אזא יונגען רב, און נאָך איהם מטריח געווען, ער זאל איהם אָפגעבען כבוד.

ער האָט געשיקט רופען די פני העיר און זיי אויסגערעדט מיט כעס. צום סוף האָט ער זיי געזאָגט: „איך וועל אויסרופען וואו עס וועט זיך נאָר געפינען א חכם אין מיין לאנד, וועט קומען אהער אין א באשטימטען טאָג. איך וועל אלעמען אויפקלייבען צוזאמען און אייער רב וועט מוזען האבען א ויכוח מיט זיי, אויב ער וועט זיי מנצח זיין, איז טוב, ווען ניט, וועל איך איהם ארויס־טרייבען מיט חרפה פון שטאָט און אייך וועל איך שטרענג באַ־שטראָפען."

די פני־העיר זיינען ארויס פון איהם זעהר פארזאָרגט. זיי

האָבען אויפגערופען אַן אסיפה בסוד גדול, זיך צו באראטען, ווי אראָפצונעמען די גזרה.

דער רמ"א האָט זיך באלד דערוואוסט פון דער מעשה, האָט ער געשיקט זאָגען די פני העיר: „זוכט ניט קיין עצות, און לאָזט זיך ניט קאסטען קיין געלט. איך וויל פיהרען דעם וכוח און וועל בעז"ה מנצח זיין."

צו דעם באשטימטען טאָג פון וכוח זיינען אלע חכמים גע־ וועזען פארזאמעלט ביים בישוף. מען האָט געבראכט צופיהרען דעם רב. דער רמ"א איז אריין אין גרויסען חדר, וואו אלע זיי־ נען געזעסען און איז גלייך אַרויף אויבען אָן און פארנומען דעם גרעסטען אָרט.

פרעגט איהם דער בישוף: „איך האָב אליין געטראכט דיך זעצען אויף דעם אָרט, דאָך איז דאָך קיין דרך ארץ ניט, וואס דו ביזט אליין ארויף."

ענטפערט דער רמ"א: „איך וויים דאָך גוט, אז די גאנצע פארזאמלונג איז צוליעב מיר, טויג דאָך פאר מיר ניט, מען זאל מיך אָנווייזען אַן אָרט, נאָר איך אליין דארף אלץ טרעפען."

דעם בישוף איז געווען געפעלען דעם רמ"א'ס ענטפער.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען דער וכוח.

דער רמ"א האָט יעדען איינעם געענטפערט אויף זיינע שאלות. ער האָט אלעמען אויפגעעפענט די אויגען מיט זיין חכמה און אלע האָבען מודה געווען, אז ער איז טאקע דער גרעסטער מענש.

דער בישוף האָט איהם אָפּגעגעבען גרוים כבוד. ער האָט אויפגערופען די פני העיר און צו זיי געזאָגט: „פרעהט זיך מיט אייער רב. איך זעה, אז אייערע רייד זיינען אמת, אז כאָטש דער רב איז א יונגער, איז ער דאָך מעהר גאון און חכם פון אלע אלטע."

———:———

מעשה וועגן דעם רמא"ס פטירה.

אין יאהר פינף טויזענד דריי הונדערט דריי און דרייסיג, אין ל"ג בעומר, פונקט ווי דער רמ"א איז אלט געוואָרען דריי און דרייסיג יאהר, איז זיין הייליגע נשמה ארויסגעגאנגען פון זיין הייליגען גוף.

צו דער לויה זיינען זיך צוזאמענגעקומען אלע מענשען פון דער שטאָט און פון דעם גאנצען ארומיגען געגענד. מען האָט באוויינט דעם גרויסען גאון, וואס איז נפטר געוואָרען אזוי יונג.

מען האָט אָנגעהויבען רעכענען דעם גאונ'ס מעלות. ער איז אלט געווען דריי און דרייסיג יאהר. ער האָט מחבר געווען דריי און דרייסיג ספרים. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען צו רעכענען די אנדערע מעלות פון נפטר, האָט מען אויפגעצעהלט נאָר איין און דרייסיג. האָט מען גענומען נאָכפרעגען ביים עולם, אפשר ווייס ווער פון נאָך צוויי מעלות. האָט זיך איינער פון עולם אָפגערופען: „איין מעלה ווייס איך. אלע פורים ביינאכט, נאָך דער סעודה, פלעגט זיך דער רב איבערטאָן אין קליידער פון אן אָרימאן, ער פלעגט ארומגעהן אין אלע הייזער און בעטען, מען זאָל איהם געבען וואַסער צו וואשען די הענט, ווייל ער האָט נאָך קיין מעריב ניט געדאווענט.

ער פלעגט דאָס טאָן מיט דער כונה, צו דערמאנען די גאנצע שטאָט דאווענען מעריב, ווייל פורים איז דער עולם שכור, קען מען נאָך פארגעסען דאווענען מעריב.

האָט מען שוין געהאט צוויי און דרייסיג מעלות. איצט האָט מען געזוכט נאָך איין מעלה, עס זאל מושלם ווערען די צאָהל דריי און דרייסיג.

זיינען געקומען צוויי חסידים און דערצעהלט אזא מעשה:

„מיט עטליכע יאהר צוריק איז אין קראקא אויסגעבראָכען אן עפידעמיע. א סך מענשען פלעגען יעדען טאָג אויסשטארבען.

האָט זיך דער רמ"א זעהר מצער געווען. איין טאָג האָט דער רמ"א ניט געהייסען מקבר זיין די מתים, נאָר לאָזען זיי ליגען אין שוהל אין פּאָליש. פארנאכט איז דער רמ"א געקומען אין פּאָליש און זיך געהייסען ווייזען יעדען געשטארבענעם.

ער האָט אלעמען געהייסען מקבר זיין אויסער איינעם, א מלמד, וועלכען ער האָט געהייסען לאָזען ליגען ביז מאָרגען. אויף מאָרגען האָט ער געהייסען מען זאל דעם מת צובינדען מיט די פיס צו אן עק פון א פערד און מען זאָל איהם אזוי ארומשלע-פּען איבער די גאסען. נאָכדעם, אז מען האָט אזוי געטאָן, האָט דער רב געהייסען, מען זאל איהם מקבר זיין מיט גרוים כבוד. תיכף נאָך דעם האָט די מגפה גלייך אויפגעהערט. די גאנצע שטאָט געדענקט די מעשה."

די חסידים האָבען ווייטער דערצעהלט, וואס דער רב האָט דערנאָך פאר זיי מגלה געווען די גאנצע זאך. „דער מלמד, דער מת, איז דערנאָך געקומען צום רמ"א צו חלום און איהם גע-פרעגט, פארוואס האָט ער איהם אָנגעטאָן אזוינע חרפּות, וואס איז זיין חטא, ווייל אויפ'ן הימעל ווייס מען ניט וואָס." האָט איהם דער רמ"א געזאָגט: „איך האָב דיר געהייסען אָנ-טאָן די חרפּות, כדי מכפּר צו זיין אויף דער גאנצער שטאָט. איך האָב אויסגעקליבען דיך, ווייל צווישען אלע געשטארבענע האָב איך ניט געפונען אַזאַ צדיק ווי דו. איך האָב אויך פארשטאַ-נען, אז דו וועסט ניט וויסען פארוואס און קומען מיך פרעגען, וועל איך אויף דיר גוזר זיין דו זאלסט מיר אויסזאָגען די זינד פון שטאָט, פארוואס קומט עס די מגפה." האָט דער געשטאר-בענער געזאָגט דעם רב: „אויב איהר ווילט וויסען פארוואס, געהט ביינאכט אונטער'ן שטאָט אין א הייזעל, וועט איהר שוין וויסען."

„מיר זיינען געגאנגען צוזאמען מיט'ן רב", האָבען די חסידים ווייטער דערצעהלט, „און דאָרט געטראָפען אין א פאר-

באהאלטענעם אָרט, ווי אַן עושר פון שטאָט האָט מזנה געווען מיט צוויי אשת-איש ווייבער, וועלכע האָבען געהאט מענער אין דער שטאָט. דער רמ"א האָט א קוק געטאָן אויף דעם עושר און ער איז באלד געשטאָרבען, און תיכף איז איינגעשטילט געוואָרען די מגפה."

האָט מען שוין געפונען די דריי און דרייסיגסטע מעלה. די מעשה איז פארשריבען אין חברה-קדישה בוך פון קראקא לזכרון עולם.

אַ מעשה מיט'ן מהרש"א.

אין דער שטאָט אוסטרא זיינען געווען צוויי שותפים, וועלכע האָבען תמיד געהאנדעלט אין איינעם און זיינען געווען געטריי און איבערגעגעבען איינער דעם אנדערען.

איינמאָל האָבען זיי געהערט, אז ביי א דוכסה, ערגעץ ווייט אין רוסלאנד, איז דאָ צו קויפען לייוואנד זעהר ביליג. זיינען זיי דאָרט געפאָהרען. צו דער דוכסה האָט מען זיי ניט אריינגעלאָזען, האָבען זיי אָנגעזאָגט דורך די באדינער, אז מען זאָל זיי זאָגען דעם מקח, וועלען זיי געבען דאָס געלט. די דוכסה האָט געזאָגט דורכ'ן דינער א פרייז, די שותפים האָבען באַצאָהלט די געלט.

דערווייל האָט די דוכסה געפרעגט די דינער, ווי זעהן דאָס אוים די אידען, ווייל זי האָט קיינמאָל ניט געזעהן קיין אידען. האָבען איהר די באדינער געזאָגט, אז זיי זעהען אוים גלייך מיט אלע מענשען. זאָגט די דוכסה: „אבי מיינע עלטערן האָבען מיר דערצעהלט, אז אידען זיינען רויבער און מערדער און זיי האָבען גע'הרג'עט אונזער הייליגען. איך מוז זיי געהן זעהן."

די דוכסה איז ארוים זעהן די אידען. ווי זי האָט א קוק גע־טאָן אויף די אידען, איז זי געבליבען ווי פארשטיינערט פון גרוים וואונדער. איינער פון זיי איז געווען זעהר א שעהנער און האָט געלויכטען ווי דער מאָרגענשטערן. דער דוכסה׳ס הארץ האָט זיך אָנגעצונדען פון זיין שעהנקייט. זי האָט קיין אויג ניט גע־קענט אראָפּנעמען פון איהם. זי האָט איהם צוגערופען און מיט איהם געשמועסט. זי האָט אויך באוואונדערט זיין גרויסע חכמה און זיין שעהנעם רעדען רוסיש.

די סוחרים האָבען אָפּגעמאסטען די סחורה און געדונגען פוהרען אויף צו אנלאדען דאס און אָפּפיהרען אהיים. איז אין דאָרף ניט געווען גענוג פוהרען. איין שותף איז אוועק אין אן אנדער דאָרף ברייננגען פוהרען און דער שעהנער איז גע־בליבען מיט די סחורה. אז די דוכסה האָט דערהערט אז ער איז געבליבען אליין, האָט זי ביינאכט נאָך איהם געשיקט און איהם מגלה געווען וואס זי פארלאנגט פון איהם. זי האָט איהם אָפּגע־געבען די גאנצע געלט, וואס זי האָט גענומען פאר די סחורה און נאָך אזוי מתנות, וויפיעל ער האָט נאָר געוואָלט.

דער שעהנער שותף האָט ניט געקענט ביישטעהן דעם יצר הרע און איז ביי איהר פארבליבען ביז פארטאג און מיט איהר געזינדיגט.

אויף מאָרגען איז אָנגעקומען דער שותף מיט די איבריגע פוהרען. מען האָט אָנגעלעגט די פוהרען און זיך געלאָזט אין וועג.

דער שעהנער שותף איז אבער אין תוך געווען אן אָרענט־ליכער מאן. ער האָט תיכף חרטה באקומען אויף זיין זינד און איז די גאנצע וועג געפאָהרען און געוויינט. דער שותף האָט איהם געפרעגט, וואָס וויינט ער. האָט ער פון אָנהויב געלייקענט און אויסגעטראכט עפּעס א סיבה, ביז לסוף האָט ער מודה גע־ווען און דערצעהלט דעם שותף די גאנצע מעשה. האָט איהם

דער שותף געוואָלט טרייסטען און געזאָגט: „וויין ניט, דו גיב אָפּ די געלט אַרימעלייט". אָבער ער האָט זיך אלץ ניט גע־טרייסט.

זאָגט צו איהם וויטער דער שותף: „ווייסט וואס, איך וועל ביי דיר אָפּקויפען די עבירה, וואס וועסטו מיר געבען דערפאר?" זאָגט צו איהם דער שעהנער: „איך גיב דיר אָפּ די גאנצע געלט, וואָס איך האָב גענומען און נאָך א האלב סחורה." דער שותף האָט מסכים געווען. זיי האָבען געמאכט א קבלת קנין און א תקיעת כף. ער האָט איהם אָפּגעגעבען די געלט און דער בעל־עבירה איז געוואָרען רוהיג.

אין א קורצע צייט ארום איז דער שותף, וואס האָט אָפּגע־קויפט די עבירה, געוואָרען קראנק און געשטארבען.

אויף דעם עולם האמת, ווען מען האָט גענומען א דין וחשבון פון זיינע מעשים, האָט מען איהם אויך אויסגערעכענט צווישען זיינע עבירות, אז ער האָט בועל געווען א נכרית. האָט ער גע־זאָגט: „איך האָב דאס קיינמאָל ניט געטאָן." זאָגט מען צו איהם: „דו האָסט דאָך געקויפט די עבירה ביי דיין שותף." זאָגט ער: „ווי קען עס זיין, איך זאל ליידען יענעמס אן עבירה. ער האָט געטאָן און מיך זאָל מען מעניש זיין."

נאָך א סך טענות, האָט מען איהם געגעבען רשות, ער זאל האָבען א דין־תורה מיט דעם לעבעדיגען. איז ער געקומען צום לעבעדיגען שותף צו חלום און איהם גערופען, ער זאל האָבען מיט איהם א דין־תורה. זאָגט דער לעבעדיגער: „איך האָב מיט דיר קיין דין־תורה ניט. דו האסט איינמאָל געקויפט, איז פארפאַ־לען." אבער דער מת איז צו איהם געקומען אלע נאכט ביז ער איז קראנק געוואָרען און איז געווען אין סכנה.

אין אוסטרא איז דאמאָלט געווען רב דער הייליגער צדיק, דער מהרש"א ז"ל. האָט דער קראנקער געבעטען, מען זאל איהם

אָפּפּיהרען מיט זיין בעטעל צום מהרש"א, ער וויל איהם עפּעס זאָגען פאר זיין טויט.

מען האָט איהם געבראַכט צום מהרש"א, האָט ער איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה מיט דער מכירה און פון חלום און געבעטען אן עצה, ווי ער זאל איהם רעטען. ענטפערט איהם דער מהרש"א: „געה אהיים, און ווען ער וועט קומען צו דיר נאָך אמאָל, זאָג איהם, אז א דין-תורה איז נאָר אויף דער וועלט, און ווען דער מת וויל, קענען זיי האָבען א דין-תורה דאָ ביים רב, און אויב ער וועט ניט וועלען, זאָג איהם, אז דער רב וועט איהם מחרים זיין, וועט ער אויפהערען געהן צו דיר."

דער חולה האָט אזוי געענטפערט דעם מת. האָט דער מת געזאָגט: „לאָז זיין ווי דו זאָגסט, איך וועל האָבען מיט דיר א דין-תורה ביים רב."

האָט דער חולה געבעטען דעם מת, ער זאל צוּוואַרטען ביי אַ חודש צייט, ביז ער וועט ווערען געזונד, וועט ער מיט איהם א דין-תורה האָבען.

אין א חודש ארום איז דער שותף געזונד געוואָרען און איז געגאנגען צום מהרש"א און איהם געזאָגט, אז עס איז געקומען די צייט, וואס ער דארף האָבען א דין-תורה מיט'ן מת. דער מהרש"א האָט צונויפגערופען אן עולם פון בעלי-בתים חשובים און האָט געהייסען דעם שמש מיחד זיין אן אָרט פאר'ן מת. ער האָט אויך געהייסען דעם שמש געהן אויפ'ן בית עולם און מודיע זיין דעם מת, ער זאל קומען צו דער דין-תורה. נאָכדעם האָבען זיך אָנגעהויבען די טענות. דער לעבעדיגער האָט גע'טענה'ט: „אמת, איך האָב געטאָן אן עבירה, אבער איך האָב דערנאָך גרוים חרטה געהאט. ווען דער מת וואלט ביי מיר ניט אָפּגע-קויפט די עבירה, וואלט איך געוועזן אזוי לאנג תשובה טאָן און מקבל זיין עונשים ביז מען וואלט מיר מוחל געוועזן די זינד. איצט,

אז איך האָב פארקויפט, האָב איך ניט געטאָן קיין תשובה, פאר־וואָס קומט מיר איצט צו ליידען דעם עונש פון דעם חטא?"

דער טויטער האָט גע'טענה'ט: „איך האָב ניט געוואוסט, אז מען קען קויפען אן עבירה אויף אן אמת. איך האָב נאָר גע־קויפט ביי דיר די עבירה, ווייל איך האָב געזעהן, אז דו ביזט גע־ווען אין גרוים צער, האָב איך דיר געוואָלט טרייסטען, דיר זאָל ווערען גרינגער אויפ'ן הארצען. די געלט וואס איך האָב ביי דיר גענומען, וועל איך הייסען מיינע יורשים, וועלען זיי דאָס דיר אָפּגעבען."

דער מהרש"א האָט צוגעהערט ביידענס טענות און האָט גע־זאָגט: „מקח בלייבט מקח, דער לעבעדיגער איז גערעכט. דו האָסט געקויפט און גענומען די געלט, דארפסטו טראָגען די זינד."

ווי דער רב האָט דאס אויסגערעדט, האָבען אלע דערהערט א שרעקליכען געוויין און קלאָג־רייד: „איך האָב געמיינט, אז דער שותף לעבט, קען ער דאָך פאררעכטען, אבער איך קען שוין מיר גאָר ניט העלפען". דער גאנצער עולם האָט מיט איהם געוויינט פון רחמנות. האָט געזאָגט דער מהרש"א: „די דין־תורה איז געענדיגט. געה אין דיין רוה, איך וועל זעהן דיר אָ טובה טאָן, אָבער פסק מוז בלייבען פסק." ווי דער רב האָט דאָס אויסגע־רעדט, האָט דער עולם דערזעהן א רויך אין שטוב און מעהר האָט מען שוין קיין זאך ניט געזעהן.

דער מהרש"א האָט דערנאָך מתקן געווען לערנען א יאהר צייט א פרק משניות פאר דעם שותף'ס נשמה.

———:———

א מעשה נפלא פון א מסור, א בעל-תשובה.

אין שטאָט זבארז איז געווען א מסור. ער איז געווען א גרויסער חשוב ביים פריץ און פלעגט פאר איהם שטענדיג פאר־מסור'ן די גאנצע שטאָט. אסך אידען האָבען צוליעב איהם גע־ליטען זעהר פיעל נגישות פון דער שררה. די גאנצע שטאָט האָט דעם מוסר זעהר פיינט געהאט און געוואָלט זעהן אָן איהם אַ נקמה.

דער מסור האָט מורא געהאט צו געהן אליין אין שטאָט, האָט איהם דער פריץ געגעבען צוויי קאָזאקען, וועלכע פלעגען איהם באגלייטען, אוואו ער איז נאָר געגאנגען

אמאָל איז דער מסור געוואָר געוואָרען פון א גרויסע מסירה. ער האָט געוואוסט, אז ביים פריץ וועט עס זיין זעהר אָנגענו־מען און ער וועט איהם דערפאר זעהר גוט באצאָהלען. ער האָט תיכף איינגעשפאנט די פערד און, באגלייט פון די קאָזאקען, געלאָפען צום פריץ. די קאָזאקען האָבען איהם געפרעגט, וואס לויפט ער אזוי, האָט ער געזאָגט, ער האָט זעהר א וויכטיגע מסירה איבערצוגעבען דעם פריץ.

אויפ'ן וועג איז דער מסור אראָפּ אין א קרעטשמע דאוונען מנחה. ער האָט זיך געשטעלט שמונה עשרה, און ווען עס איז געקומען צו „סלח לנו אבינו כי חטאנו", איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק א חרטה אויף זיינע מעשים. זיין געוויסען האָט איהם געמאָנט, וואס טוט זיך דאָ מיט איהם, ער פאָהרט פאר'מסר'ן אידען, וואס דער פריץ וועט זיי געווים עוקר מן השורש זיין. ווי זאָגט ער דאס „סלח לנו", גאָט זאל איהם פארגעבען זיינע זינד, אַז איצט פאָהרט ער ווייטער זינדיגען.

ער האָט אָנגעהויבען מהרהר בתשובה זיין און האָט גע־זעהן, אז ער איז ווייט פארקראָכען. ער האָט ביטער געוויינט, און אויף זיך מקבל געווען, אז מעהר וועט ער קיינמאָל ניט מסר'ן און וועט ניט זאגען קיין שלעכט ווארט אויף א אידען,

אפילו דער פריץ זאל איהם נויטען און איהם אָנטאָן יסורים. ער איז לאנג געשטאַנען שמונה־עשרה, געדאווענט און געוויינט. די קאָזאקען זיינען געשטאנען און זיך געוואונדערט. זיי האָבען ניט געקענט פארשטעהן, וואס מיט איהם איז עס געוואָרען, ער פלעגט קיינמאָל אזוי פרום ניט דאוונען.

אז ער איז אויסגעגאנגען שמונה עשרה, זאָגט ער צו די קאָזאקען: „איך מוז געהן צוריק אהיים, מיר טוט זעהר וועה די קאָפּ." ענטפערען איהם די קאָזאקען: „ניין, דו מוזט געהן מיט אונז צום פריץ, און איהם דערצעהלען די וויכטיגע מסירה." האָט ער זיי געוואָלט געבען געלט, אבער זיי האָבען זיך איינגע־שפארט, אז ער מוז מיט זיי פאָהרען צום פריץ.

איז ער מיט זיי געקומען צום פריץ. פרעגט איהם דער פריץ: „וואס הערט זיך עפּעס נייעס?" זאָגט ער: „איך האָב ניט קיין נייעס, איך וויל ביי דיר קויפען ווייץ". זאָגען אָבער די קאָזאקען: „אדוננו פריץ! ווען מיר זיינען ארויסגעפאָהרען, האָט ער אונז געזאָגט, אז ער האָט דיר צו זאָגען א סך נייעס, דערנאָך אין קרעטשמע האָט ער זיך געשטעלט דאוונען און געקלאָגט און געוויינט און געוואָלט אינגאנצען זיך אומקעהרען אהיים." ווי דער פריץ האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרען זעהר אין כעס און האָט דעם מסור געשלאָגען, ער זאל דערצעהלען דעם אמת. ער האָט אבער צוגענומען אלע קלעפּ און ניט ארויסגעבראכט קיין שלעכט וואָרט פון זיין מויל.

צום סוף האָט דער פריץ גְעהייסען איהם געבען פופציג שמיץ און איהם ארויסטרייבען פון הויף.

מען האָט איהם אזוי געטאָן, מען האָט איהם געשמיסען און ארויסגעוואָרפען. ער האָט זיך קוים ארויפגעזעצט אויף זיין וואָ־גען און געפאָהרען אהיים מיט שמחה, וואס ער האָט אויסגע־האלטען דעם נסיון.

ער איז אָפּגעפאָהרען ביי א האלב מייל, ערשט ער הערט פון וואלד טראָגט זיך א יאמערליכער געשריי: „ראטעוועט! „האָט רחמנות אויף א אידישע טאָכטער!" ער איז געפאָהרען נאָך דעם קול, ביז ער האָט דערזעהן שטעהן טיעף אין וואלד א נאקעטע אידענע, וועלכע האָט עס געשריען און געקלאָגט מיט אלע כחות.

פרעגט ער איהר, וואס איז מיט איהר, וואס וויינט זי? ענטפערט זי איהם: „איך בין געפאָהרען מיט מיין מאן אהער זיך טובל זיין אין טייך, וויייל ביי אונז אין דאָרף איז ניטאָ קיין מקוה, האָב איך מיך אויסגעטאָן אויפ'ן שליטען און בין אריין אין וואַ-סער. דערווייל איז אנטלאָפען דער פערד מיט'ן וואָגען מיט די זאכען, איז מיין מאן געלאָפען כאפען דעם פערד און איז ניט צוריקגעקומען. ער האָט געווים פארבלאָנדזשעט, און איך בין איצט דערפרוירען און האָב ניט וואס אָנצוטאָן."

דער מסור האָט אראָפּגענומען פון זיך דעם שאפּען-פעלץ און דאָס אָנגעטאָן דער אידענע. ער האָט זי ארויפגעזעצט ביי איהם אויפ'ן וואָגען און איהר אָפּגעפיהרט גלייך צו איהר אהיים. דערנאָך איז ער געפאָהרען צוריק, אָפּגעזוכט דעם מאן און איהם דערצעהלט, אז ער האָט געראטעוועט זיין ווייב און אז זי איז שוין אין דערהיים. דער מאן האָט זיך זעהר געפרעהט און איהם געדאנקט.

אין א קורצע צייט ארום איז דער מסור, דער בעל-תשובה זעהר קראנק געוואָרען. אין שטאָט האָט קיינער פון זיין תשובה ניט געוואוסט, און אז מען האָט דערהערט, אז דער מסור איז קראנק, איז געוואָרען א גרויסע שמחה, ווייל מען האָט געהאָפט, אז ער וועט שטארבען וועט מען פון איהם פטור ווערען.

ס'האָט געדויערט ביז נאכט און דער מסור איז טאקע גע-שטאָרבען. שטאָט האָט געוואָלט אָנטאָן איהם בזיונות, אָבער דער רב פון שטאָט, ר' וועלוועלע, א גרויסער צדיק, האָט עס ניט

געוואָלט ליידען און געשיקט זאָגען ,אז מען זאל זיך ניט דער־וועגען טאָן קיין שום שלעכטס צו דעם מת. מען האָט איהם תיכף באגראבען הינטער'ן פארקאן און אלע האָבען זיך גע־פרעהט, וואס מען איז פון איהם פטור געוואָרען.

אויף מאָרגען איז געקומען דער מאן פון דער אידענע, וואס דער מסור האָט געראטעוועט, און געפרעגט דעם רב א שאלה: אזוי ווי ער איז א כהן, צו מעג ער וואוינען מיט זיין ווייב, ווייל זי איז געוועזן ביינאכט אליין מיט'ן מסור, טאָמער האָט ער איהר מאנס געוועזן, ווייל אויב ער איז א מסור, איז ער אויך חשוד אויף אלע עבירות.

דער רב האָט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען. האָט ער געמאכט א שאלת חלום מכח דער אשה, מען זאל איהם ענטפערען מן השמים, צו איז זי מותר לבעלה צו ניט, האָט מען איהם מן השמים געענטפערט, אז זי איז מותר, און מען האָט איהם אויך מגלה געווען אלץ וואס מיט דעם מסור האָט געטראָפען, ווי ער האָט געטאָן תשובה באמת און דערפאר האָט מען איהם מזכה געווען מיט דער מצוה פון פקוח נפשות. נאָר מען האָט מורא געהאט, ער זאל ניט אמאָל צוריק קאליע ווערען, — האָט מען מקרב געווען זיין פטירה.

האָט מען איהם אויסגעגראבען פון זיין קבר הינטער'ן פאר־קאן און געלעגט איהם אין איין שורה מיט אלע יראים ושלמים.

אַ מעשה מיט ר' יצחק לאנדוי ז"ל פון צפת.

ר' יצחק לאנדוי איז געווען זעהר א גרויסער עושר. ער האָט געהאלטען אין ארענדע א קרעטשמע און דערפון געצויגען זיין פרנסה. ער איז אויך געווען א גרויסער למדן און פארמאָגט געראָטענע קינדער. מיט איין וואָרט, גאָט ברוך הוא האָט איהם געבענשט מיט אלעם גוטעם.

איין גרויסען חסרון האָט אבער ר' יצחק געהאט, ער איז געווען זעהר קארג. זיין קארגשאפט האָט איהם אויך געפיהרט צו דעם, דאס ער האָט פארוועהרט אַ אידען אריינצופאָהרען אין זיין קרעטשמע. ער האָט מורא געהאט, אויב ער וועט אריינ־לאָזען אידען, קען אָפט טרעפען, אז עס זאָלען צו איהם קומען אויך אָרימעלייט, וועלכע וועלען ניט האָבען פאר וואס צו באַ־צאָהלען; אויך האָבען אידען ליעב צו עסען אויף קרעדיט, און ניט באצאָהלען במזומן, דערפאר האָט ער באשלאָסען, אז קיין איד זאָל ניט האבען ביי איהם קיין דריסת הרגל און ער וועט נאָר האנדלען מיט גוים. פאר די גוים האָט ר' יצחק שוין קיין דרך ארץ ניט געהאט און געבעטען די געלט פאָראויס.

אלע אידען פון ארומיגע שטעט און דורכפאָהרער האָבען שוין געוואוסט אז ר' יצחק לאָזט צו זיך קיינעם ניט אריין און פלעגען איהם אויסמיידען.

ויהי היום, זיינען איינמאָל געפאָהרען עטליכע בעלי־עגלות מיט פאַסאַזשירען און געפיהרט פיעלע טייערע סחורה. ווען זיי איז אויסגעקומען דורכפאָהרען פארביי ר' יצחק'ס קרעטשמע, האָט אויסגעבראכען א שרעקליכער שטורם. עס האָט זיך א לאָז געטאָן א שרעקליכער האָגעל און די הימלען זיינען געוואָרען באַ־דעקט מיט שווארצע געדיכטע וואָלקענס.

די אידען זיינען געשטאַנען פאַרצווייפעלטע אויפ'ן פרייען פעלד און ניט געהאַט קיין שוץ ניט פאַר זיך און ניט פאַר די סחורה. זיי האָבען געקוקט מיט קנאה אויף ר' יצחק'ס קרעטש־מע, אבער זיי האָבען געוואוסט, אז ר' יצחק וועט זיי בשום אופן דאָרט ניט אריינלאָזען.

פלוצלונג האָט זיך אבער געעפענט די טהיר פון קרעטשמע און ר' יצחק אליין האָט זיך באַוויזען אויפ'ן שוועל. ער איז צו־געגאַנגען צו די פוהרען און זיי געבעטען פאַרפאָהרען צו איהם און פאַר די זיידענע סחורה האָט ער אָפּגעגעבען א חדר מיוחד ביי זיך אין הויז.

די אידען האָבען זייערע אייגענע אויגען ניט געגלויבט. זיי זיינען מיט מורא אריין אין הויז און זיך געזעצט אין א ווינ־קעלע אָפּרוהען. ערשט ר' יצחק איז ווידער אריין צו זיי און זיי גערופען עסען. אין אַן אַנדער חדר האָבען זיי פאַר זיך געזעהן געדעקטע טישען מכל־טוב. זיי האָבען מיט שמחה געגעסען און געדאַנקט דעם בעל־הבית און איהם געוואונשען די בעסטע ברכות. זיי האָבען איהם אויך געפרעגט, וואס איז די מעשה, וואָס ער איז געוואָרען אַנדערש, וואס האָט איהם געבראַכט דערצו. האָט זיי ר' יצחק געזאָגט: „עסט און טרינקט, זייט זיך גוט משמח, און נאָכ'ן עסען וועל איך אייך דערצעהלען די גאַנצע מעשה."

נאָכ'ן עסען האָבען זיי זיך אלע אויפגעקליבען איז מיטען שטוב און ר' יצחק האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

„דאָס איז געווען מיט א חודש צוריק. איך האָב זיך ווי אלע טאָג געלעגט אין דער צייט שלאָפען און אזוי אָפּגעש־שלאָפען ביז אינמיטען דער נאכט. אין מיטען דער נאכט האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אז איך ליג קראַנק. מיינע בני־בית האָבען געשיקט פריהער נאָך א פעלדשער, נאָכהער נאָך א דאָקטאָר, זיי האָבען מיר געגעבען פאַרשיעדענע רעצעפּטען, אבער קיין

זאך האָט מיר נישט געהאָלפען. עס זיינען אריבער עטליכע טעג און איך בין געשטארבען אין גרויס יסורים. די ווייב און קינדער האָבען מיך באוויינט זעהר שטארק, און נאָך האלבען טאָג האָט מען גענומען קלערען וועגען מיין קבורה. מען האָט גערופען מיין עלטסטען משרת, געהייסען איהם איינשפאנען פערד און וואָגען און מיך אָפּפיהרען אויפ'ן בית-עולם. מען האָט מיך איינגעוויקעלט אין עטליכע ליילאכער און ארויפגעלעגט אויפ'ן וואָגען. פונקט אין האלבע נאכט איז דער משרת אָנגעקומען מיט מיר צום בית עולם. אלע זיינען שוין געשלאָפען, האָט דער משרת אָנגעקלאפּט ביים גבאי פון חברה-קדישא און איהם דערצעהלט וועגען וואס ער איז געקומען. דער גבאי, אז ער האָט דערהערט מיין נאָמען, איז געוואָרען אין כעס און געזאָגט: „פאר אזא מענשען, וואס האָט קיינמאָל אין לעבען קיין צדקה ניט געגעבען און איז געווען אזוי שלעכט צו זיינע אייגענע ברידער אידען, און האָט זיי אין זיין קרעטשמע ניט אריינגעלאָזען, וויל איך ניט וויסען ווי טויזענט רובעל."

דער משרת איז פון איהם אוועקגעפאָהרען אין א צווייטע שטאָט, צו אן אנדער גבאי פון חברה-קדישא, אבער אויך יענער האָט געענטפערט דאָס זעלבע וואס דער ערשטער. ער איז געפאָהרען אין א דריטע שטאָט, אָבער דאָרטען, אז מען האָט געהערט מיין נאָמען, האָט מען פאר קיין געלט ניט געוואָלט באגראָבען.

דער משרת האָט ניט געוואוסט וואס צו טאָהן און איז געפאלען אויף אן עצה. ער האָט אונטערגעווארט ביז האלבע נאכט און מיך אריינגעלעגט אין דער ווייבערשער שוהל און איז האסטיג אליין אוועקגעפאָהרען אהיים.

צומאָרגענס, אז מען האָט מיך געפונען ליגען אין דער ווייבערשער שוהל איז געוואָרען א גרויסער טומעל. דער גבאי האָט צוזאמענגערופען אלע נכבדי העיר און געמאכט אן אסיפה.

עס איז ביי זיי געבליבען, אז מען זאָל מיך ניט מקבר זיין, כל זמן מיין פאמיליע וועט ניט געבען קיין אכט הונדערט רובעל. מען האָט געדונגען א גוי, איהם גוט אָנגעטרונקען, מיך אריינ־געלעגט אין א זאק און איהם געהייסען מיך אָפּפיהרען צוריק אין מיין קרעטשמע.

אז די בני־בית האָבען געזעהן אז מען האָט מיך געבראכט צוריק, האָבען זיי קיין אנדער ברירה ניט געהאט, זיי האָבען אויפגעצעהלט די אכט הונדערט רובעל און מיך אָפּגעשיקט צו־ריק אין שטאָט צו מקבר זיין.

די בעלי־מתעסקים האָבען זיך גענומען מיך מטהר זיין. יעדער איינער האָט זיך בשעת מעשה געוויצעלט און מיר צו־געקלאפּט, דער אין קאָפּ, יענער אין פלייצע. איך האָב שוין געוואָרט מיט אומגעדולד פאר דער רגע, ווען איך וועל פּטור ווערען פון די בזיונות און מיך ארייינלעגען אין קבר.

ענדליך האָט מען מיך מקבר געווען. איך בין געלעגען אין קבר און געוואַרט אז באלד וועט קומען א מלאך מיך פיהרען פאר'ן בית דין של מעלה. איך בין אָבער אָפּגעלעגען צוויי טאג און קיינער איז צו מיר ניט געקומען. אויפ'ן דריטען טאָג איז געקומען א מלאך, דערלאנגט א קלאַפּ איבער'ן קבר, דער קבר האָט זיך אויפגעשפּאלטען אין צווייען און ער האָט מיר געהיי־סען איהם נאָכגעהן.

ער האָט מיך געבראכט פאר'ן בית דין של מעלה, דאָרט האָט מען מיך אָנגעהויבען אויספרעגען. דאס ערשטע צו האָב איך געלערנט תורה לשמה. זיינען געקומען טויזענטער מלאכים און עדות געזאָגט, אז איך האָב געלערנט יומם ולילה. מיין שמחה איז געווען זעהר גרוים דערפון. נאָכדעם האָט מען מיך א פרעג געגעבען צו האָב איך געגעבען עפּעס צדקה. איך האָב א ציטער געטאָן מיט גרוים שרעק. עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו באוויי־זען טויזענטער נשמות. איינע האָט געזאָגט, אז צוליעב מיר איז

זי געשטארבען, די אנדערע האָט געזאָגט, אז איך האָב איהר ניט אריינגעלאָזען אין הויז, זיינען געקומען גזלנים און איהר גע'הרג'עט. אנדערע האָבען דערצעהלט מעשיות, ווי זיי האָבען געליטען פון קעלט און נעטץ און איך האָב זיי געטריבען פון מיין הויז.

מען האָט מיך גלייך א פרעג געגעבען וואס וויל איך בעסער: צו נאָך אמאָל געבאָרען ווערען, אָדער ליידען א חודש אין גיהנם. האָב איך אויסגעקליבען פון אָנפאנג א חודש גיהנם, איידער צו מגולגל ווערען און ליידען א גאנצען לעבען.

באלד איז צו מיר געקומען א שווארצער מלאך, מיך צו פיהרען אין גיהנם. ער האָט מיך געפיהרט איבער מיסטען און שלאנגען טעג און וואָכען, ביז ער האָט מיך געבראכט דאָרט. ערשט אין גיהנם איז געקומען די העכסטע אקטאווע צו מיינע צרות. מען האָט מיך געברענט און געבראָטען. איך האָב זיך אָנגעהויבען צו בעטען רחמים, אז איך וויל שוין בעסער צוריק מגולגל ווערען איידער אזוינע צרות. האָט מען מיך צוריק געבראכט צום בית דין של מעלה און דאָרט האָט מען באוויליגט מיין בקשה.

גלייך איז צו מיר צוגעקומען א בייזער מלאך מיט א פייערדיגע רוט אין האנט און מיר דערלאנגט א שמיץ איבער'ן לייב. איך האָב געמאכט א גוואלד און זיך מיט די קולות אויפגעכאפט פון חלום. איך בין געקומען צו זיך און פארשטאַנען, אז דאס איז מעהר ניט געווען ווי א חלום."

„פון יענע נאכט אָן" האָט ר' יצחק פארענדיגט די מעשה „האָב איך אויף מיר גענומען צו זיין א מכנים אורח מיט'ן גאנצען הארצען און צו געבען צדקה. איך האָב אָנגעהויבען אריינרופען יעדען אידען וואס איך פלעג באגעגענען לעבען מיין הויז."

———:———

מעשה מיט ר' אברהם מרדכי מפינטשעוו ז"ל.

ר' אברהם מרדכי איז איינמאָל געפאָהרען אין א שיף אויפ'ן ים און מיט זיך געפיהרט פיעל סחורה. פלוצלונג האָט אויסגעבראָכען א גרויסער שטורם און אָנגעהויבען אומוואַרפען די שיף הין און צוריק. אויפ'ן שיף איז געוואָרען א גרויסער טומעל. מען איז געווען אין גרוים סכנה, מען זאָל נאָך ח"ו דערטרונקען ווערען און אלע האָבען אָנגעהויבען מתפלל זיין צו גאָט ברוך הוא ער זאל שטילען דעם שטורם.

ר' אברהם מרדכי האָט זיך אויך געשטעלט מתפלל זיין. אָבער עס האָט קיין זאך ניט געהאָלפען. דער ים איז אלץ געוואָרען מעהר רוישיגער. דאמאָלט האָט ר' אברהם מרדכי געזאָגט צום רבונו של עולם: „העלף אונז אוים אין זכות פון מיין ווייב, די צנועה". דער ים איז תיכף געוואָרען שטיל.

אויפ'ן שיף איז אויך געווען א פינטשעווער גוי, וועלכער האָט גוט געקענט ר' אברהם מרדכי'ס ווייב. האָט ער זיך אָפּגערופען: „דו בעטסט אין דיין ווייב'ס זכות און דו מיינסט, אז זי איז באמת א פרומע פרוי. אָט וועל איך דיר ווייזען ווי פרום זי איז. דו וועסט זעהן, אז זי וועט מיט מיר עובר זיין אן עבירה."

האָט ר' אברהם מרדכי גאר ניט געוואָלט צוהערען צו זיינע רייד, אבער דער גוי האָט פאר אלעמען זיך באריהמט, אז ער קען מאכען ר' אברהם מרדכי'ס ווייב זינדיגען. האָט ר' אברהם מרדכי איהם געשיקט רופען און געזאָגט:

„וויבאלד דו וועסט מיר ברייגגען איהרען א פינגערל, וואס זי טראָגט אויף איהר האנט, וועל איך וויסען, אז דו האסט ס'דייניגע אויסגעפיהרט און זי איז ניט קיין אָרענטליכע."

דער גוי האָט מסכים געווען.

אין א וואָך ארום איז געקומען דער גוי צו ר' אברהם מרדכי'ן אין שטוב אריין און בפני כל קהל ועדה איהם געוויזען זיין ווייב'ס פינגערל ביי איהם אין האנט, און איהם געזאָגט „נו, זעהסטו ווי פרום דיין ווייב איז."

ר' אברהם מרדכי האָט גוט א קוק געטאָן דעם גוי אין פנים און געזאָגט:

„געהט, רופט אריין מיין דיענסט."

מען איז אוועק און גלייך געבראכט דער דינסט.

ר' אברהם מרדכי האָט גלייך אָנגעהויבען אויף איהר זיך צו בייזערען:

„זאָג מיר, ווי האָסטו דאָס צוגענומען מיין ווייבס פינגערל און ווען האָסטו דאָס אָפּגעגעבען?"

די דינסט האָט זיך תיכף פארנאַנדערגעוויינט און איז געבליבען אין חלשות. שפּעטער האָט זי זיך מודה געווען און דערצעהלט די גאנצע מעשה, אז זי האָט דאָס גע'גנב'עט ביי ר' אברהם מרדכי'ם ווייב דעם פינגערל, און געגעבען דעם גוי. ער האָט איהר דערפאר באצאָהלט א סך געלט.

האָבען אלע געזעהן די חכמה פון ר' אברהם מרדכי'ן און געוואוסט אז זיין ווייב איז געווען אן אשה כשרה.

—:—

מעשה מיט ר' מאיר פראנקפורטער ז"ל.

אין פראנקפורט איז געווען א גרויסער רשע, וועלכער האָט עובר געווען אלע עבירות אין דער וועלט ר"ל. ער האָט אבער געשטאמט פון בעל-הבת'ישע עלטערן, וועלכע זיינען געווען אָרענטליכע לייט. די עלטערען זיינען פון די בזיונות פון זייער זוהנ'ם שלעכטע אויפפיהרונג געשטאָרבען. דער זוהן האָט אָבער אלץ ניט אויפגעהערט צו זינדיגען און געזונקען אלץ טיפער און טיפער.

אין א צייט ארום האָבען זיך צו דעם פושע באוויזען זיינע עלטערען אין חלום. מיט פארוויינטע אויגען זיינען די פאָר גע־שטאַנען און געבעטען זיך ביי זייער זוהן, ער זאל אוועקוואָרפען זיין שלעכטען וועג און חוזר זיין בתשובה. זיי האָבען זיך גע־קלאָגט, אז זיי האבען צוליעב איהם קיין רוה ניט אויף יענער וועלט. מען האלט זיי אין איין אומשליידערען אין כף הקלע. דער פושע איז זעהר געוואָרען גערירט פון זיין מאמעס געוויין. ער האָט זיך אויך פארנאַנדערגעוויינט און זיי געפרעגט: „וואָס פאר א תשובה קען איך אבער האָבען אויף אזוינע שווערע זינד, אַז איך האָב אלץ עובר געווען?" האָבען איהם די עלטערען גענטפערט: „געה צו ר' מאיר'ן, וועט ער דיר שוין זאָגען."

אויף מאָרגען פריה איז דער רשע גלייך אוועקגעגאנגען צו ר' מאיר'ן און איהם געפרעגט: „רבי, קען איך נאָך האָבען א תשובה אויף מיינע זינד?" האָט איהם ר' מאיר גענטפערט: „גאָט ברוך הוא האָט אין זיך די מדה פון רחמים און תשובה פועלט שטענדיג הן צו גרויסע והן צו קליינע עבירות."

האָט דער רשע אויסגעבראָכען אין א געוויין און גע־זאָגט: „רבי, איך בין זיך מתודה אויף מיינע זינד, איך וויל

תשובה טאָן, זאגט מיר וואס פאר אן עונש זאָל איך אויף זיך נעמען?"

זאָגט איהם ר' מאיר: „פאר דיר איז ניטאָ קיין אנדער תשובה אויסער מיתה, דו זאָלסט זיך לאָזען אויספיהרען מיתה אויף דער וועלט, פון דעם וועסטו זיין זיכער, אז דו וועסט זיין ריין פון זינד קומענדיג אויף יענער וועלט."

דער רשע האָט נאָך שטארקער געוויינט און געזאָגט:

„הייליגער צדיק, איך בין גרייט צו נעמען אויף זיך דעם עונש, אבי ריין צו ווערען פון מיינע זינד. איך וועל לאָזען אויס־פיהרען איבער מיר מיתה נאָר מיט דעם תנאי, אז איהר, רבי, זאָלט מיר שווערען, אז איך וועל האָבען צוזאמען מיט אייך א חלק אין גן־עדן."

דער הייליגער צדיק איז געוואָרען שטארק גערירט פון דעם רשע'ס וויינען. ער האָט געזעהן, אז ער איז באמת א חוזר בתשובה מיט'ן גאנצען הארצען און ער האָט צו איהם געזאָגט:

„איך שווער דיר, אז נאָכדעם ווי מען וועט איבער דיר אויספיהרען מיתה וועסטו האָבען צוזאמען מיט מיר א חלק אין גן־עדן."

דער רבי האָט איהם געהייסען קומען אין עטליכע טעג ארום וועט ער איבער איהם אויספיהרען די מיתה, דערווייל זאל ער קיינעם פון דעם ניט דאכטען, כדי ניט צו מאכען א טומעל אין שטאָדט.

אין עטליכע טעג ארום איז דער רשע פינקטליך געקומען צו ר' מאיר'ן און איהם געזאָגט, אז די צייט איז געקומען און ער איז גרייט צו שטארבען.

דער רבי האָט מיט זיך גענומען דעם שמש און די נויטיגע כלים און איז מיט דעם חוזר בתשובה אוועק אין דער גרויסער פראנקפורטער שוהל. די גרויסע שוהל איז געווען געפאקט מיט מענשען, וועלכע זיינען געזעסען און געלערנט תורה, אז

זיי האָבען דערזעהן ר' מאיר'ן אריינקומען, האָבען זיי זיך פאר זיין כבוד אויפגעשטעלט פון די ערטער. האָט זיי ר' מאיר גע־זאָגט: „געהט קיינער ניט אוועק פון דאנען, איך געה דאָ אויס־פיהרען אן עונש פון מיתה איבער א רשע, וואס וויל חוזר בתשובה זיין, דארפט איהר דאָ אלע זיין."

דערנאָך האָט ר' מאיר אויסגערופען צום פושע:

„דיין פסק וועל איך אויספיהרען אויף דעם אופן: איך וועל אויפקאָכען בליי און דיר אריינגיסען קאָכעדיגע בליי אין מויל אריין, און דו וועסט גלייך שטארבען. ביזטו מסכים אָדער ניט?"

„איך בין מסכים" האָט דער חוזר בתשובה געזאָגט.

„טו זיי זיך מתודה אויף דיינע זינד" האָט איהם ר' מאיר געהייסען.

דער בעל־תשובה האָט גענומען אויסרעכענען זיינע זינד איינע נאָך די אנדערע. ר' מאיר האָט דערווייל ארויסגענומען א שטיק בליי און דאס געשטעלט קאָכען. ער האָט לאנג געקאָכט ביז די בליי האָט זיך צושמאָלצען און אָנגעהויבען קאָכען. דער רבי האָט געהייסען דעם בעל תשובה זיך לעגען אויף דער בימה מיט'ן פנים ארויף און עפענען דעם מויל. ער האָט אזוי גע־טאָן. דאמאָלט האָט דער רבי ארויסגענומען א לעפעל און אידום אָנגעגאָסען מיט די קאָכעדיגע בליי.

„זאָג שמע ישראל!" האָט ער אויסגעשריען צום בעל־תשובה.

„שמע ישראל!" האָט דער בעל־תשובה אויסגעשריען מיט א ווילדען קול.

דער עולם איז געשטאַנען ווי פארגליווערט אין טויטען־שרעק און געקוקט ווי דער רבי טראָגט די לעפעל הייסע בליי צו דעם בעל־תשובה אין מויל.

ר' מאיר האָט געבראכט מיט גרוים פאָרזיכטיגקייט די לעפעל צום מויל און — פלוצלונג אויסגעדרעהט די האנט און א

וואָרף געטאָן די לעפעל מיט די בליי אָן א זייט אויף דר'ערד. ער האָט גיך אריינגערוקט די האנט אונטער זיין מאנטעל און פון דאָרט ארויסגענומען אן אנדער לעפעל מיט א פלעשעל וויין און געגעבען טרינקען דעם בעל-תשובה, און דערביי געזאָגט „וסר עונך וחטאתך יכופר". דער בעל-תשובה איז געלעגען מיט פארמאכטע אויגען האלב טויט און ניט געוואוסט, וואָס קומט דאָ פאָר. ער האָט געווארט אויפ'ן טויט, ווען דער רבי וועט אריינ־גיסען די בליי צו איהם אין מויל.

באלד האָט דער רבי איהם אָנגענומען פאר די הענט און געהייסען אויפשטעהן. ער האָט איהם געזאָגט, אז דאס איז זיין עונש, וואס ער האָט געהאט די שרעק און דאַרף ניט גע'משפט ווערען דורך מיתה.

ער האָט זיך פון שמחה פארנאַנדערגעוויינט און געבעטען דעם רבי'ן, ער זאל זיין זיין וועג-פיהרער, אז ער וועט זיך פאר־נעמען נאָר מיט תורה ועבודה, משלים זיין אלץ וואס ער האָט פריהער פוגם געווען.

אין עטליכע יאהר ארום איז דער הייליגער צדיק ר' מאיר ז"ל נפטר געוואָרען און אין די שבעה טעג נאָך ר' מאיר'ס פטירה איז אויך דער חוזר בתשובה קראנק געוואָרען און איז באלד געשטארבען. פאר זיין פטירה האָט ער א געשריי גע־געבען : „מאַכט אָן אָרט פאר דעם הייליגען צדיק ר' מאיר ז"ל, ווייל ער איז צו מיר געקומען מקיים זיין הבטחה."

נאָך זיין טויט איז ער געקומען צו בעקאנטע אין חלום און דערצעהלט, אז ער איז צוזאמען מיט ר' מאיר'ן אין גן עדן און אז זיי האָבען דאָרט ביידע גרויס כבוד.

פון דער רבנישער וועלט

מעשיות אנעקדאָטען, תורות, משלים און שיחות-חולין של תלמידי חכמים

צוזאמענגעשטעלט

— פון —

ב. פּרנס

דער בוך איז פול מיט שעהנע חריפות׳דיגע וויצען, גוט-ווערט-לאך און המצאות, וועלכע באציהען זיך אויף דעם לעבען פון די „כלי-קודש" ווי: רבנים, רביים, חזנים, מגידים, א. ז. וו.

דורך די דאָזיגע קלוגע און שארפזיניגע איינפאלען האָבען אָפּט די דערמאנטע כלי-קודש געוואונען די הערצער פון זייערע קהלות, און נאָך היינט איז עס א טייערער אוצר פאר דער רבנישער וועלט, פון וואנען צו שעפּען א גוט וואָרט צו יעדער געלעגענהייט.

פאר דעם אלגעמיינעם לעזער איז עס בכלל א בוך, וואס פאר-שאפט פארגעניגען צו לעזען, די הייטערקייט פון די וויצען און המצאות פרישען אָפּ דעם גייסט און דערקוויקען דאס הארץ.

פרייז $1.50

STAR HEBREW BOOK CO.
54-58 Canal Street, New York

אידישע נשמות

פון א. ליטווין

6 ביכער, געבונדען אין פיער פראכט־בענדער

(ביי 400 זייטען יעדער באנד)

די זעקס ביכער שריפטען פון א. ליטווין איז דער רעזולטאט פון א שטודיען־רייזע וואס דער מחבר האט געמאכט איבער שטעט און שטעטלאך פון ליטע, פוילען און גאליציען אין א משך פון ניין יאהר.

די „אידישע נשמות" שטעלען מיט זיך פאר א וואונדערליכע פאנאראמע פון די מערקווירדיגע טיפען, בילדער און געשטאלטען אין די מערקווירדיגסטע אידישע געטאס.

עס איז כמעט ניטא קיין איין אריגינעלער טיפ פונ׳ם אלטען און נייעם אידישען לעבען, וואס איהר באגעגענט ניט אין א. ליט־ווין׳ס בילדער־גאלעריען.

דריי פון די זעקס ביכער „אידישע נשמות" פארנעמט ליטע; איין בוך פוילען; איין בוך גאליציען און איין בוך איז ספעציעל גע־ווידמעט די חסידישע רביים פון ליטע, פוילען און גאליציען, און די פארשיידענסטע טיפען וואס ווימלען ארום דעם רבין׳ס טיש.

די „אידישע נשמות" זיינען געשריבען אין א לייכטען פאלקס־טימליכען סטיל און דינען אלס אנציהענדער לעזע־שטאף פאר אלע סארטען לעזער. צו דער זעלבער צייט שטעלען די „אידישע נשמות" פאר א רייכען קולטור־היסטארישען מאטעריאל פונ׳ם אידישען לע־בען און ווערען געלעזען מיט א באזונדער אינטערעס פון דעם אינ־טעליגענטערען טייל אידישע לעזער.

פרייז 5 דאלער.

צו באקומען ביי די ארויסגעבער

סטאר היברו בוק קא.

54-58 קאנעל סטריט ניו יארק

פון דאָס ניי איבערגעדרוקט

קולטור-געשיכטע

דער מענש און זיין ארבייט זינט ער האָט זיך באַוויזען אויף דער וועלט ביז אונזער צייט.

פון

פיליפּ קראַנץ

דיזע קולטור-געשיכטע איז געשריבען נאָך די בעסטע און גרינדליכסטע וויסענשאַפטליכע נאָכפאָרשונגען וועגען דעם לעבען און פיהרונגען פון די נאָך פאַרבליבענעווילדע פעלקער און פון די פאַרצייטיגע פעלקער אין אַלע לענדער. לעזענדיג די קולטור-געשיכטע זעהט מען פאַר זיך די גאַנצע פאַרצייטיגע וועלט און מען פאַרשטעהט דאַן, ווי אַזוי די מענשהייט האָט דערגרייכט פון אַ ווילדען צושטאַנד, וואָס איז ניט פיל העכער פון צושטאַנד פון אַפען, ביז דער הויכער ציוויליזאַציאָן פון אונזער צייט. — די קולטור-געשיכטע פון פיליפּ קראַנץ, פון אָנפאַנג ביז'ן סוף, איז געשריבען אַזוי איינפאַך, קלאָר און אויפקלעהרענד, אַז יעדער איינער קען אַלעם פאַרשטעהן ווי אַ געוועהנליכע מעשה. פּראָבירט נאָר דורכלעזען אַ פּאָר קאַפּיטלען, וועט איהר זיך שוין ניט אָפּרייסען, ביז איהר וועט ענדיגען די גאַנצע קולטור-געשיכטע. ענטהאַלט 1000 זייטען, מיט 100 ערקלעהרענדע בילדער. געדרוקט אויף פיינעם פּאַפּיר מיט די בעסטע אילוסטראַציאָנען. שעהן געבונדען אין אַ פּראַכט-באַנד.

פּרייז $2.00

STAR HEBREW BOOK CO.

54-58 Canal Street, New York

נייע ביכער
(נייע איבערגעדרוקטע)

גאונים און גדולים זייערע לעבענסבאשרייבונגען
שעהן געבונדען אין א פראכט-באנד — $1.50

גרויסע מענער זייערע לעבענסבאשרייבונגען
שעהן געבונדען אין א פראכט-באנד — $1.50

(דר.) הערצל'ס געזאמעלטע שריפטען
אלעס וואס ער האט גערעדט איבער דעם ציוניזם
געבונדען אין א פראכט-באנד — $1.50

גארקי'ס ערצעהלונגען און אינטערוויוס
פיין געבונדען אין א פראכט-באנד — $1.00

מארים ראזענפעלד'ס ערשטע ליעדער
א פאלשטענדיגע זאמלונג פון זיינע
ערשטע פאעטישע שאפונגען
פרייז — $1.00

תחית המתים, פון ל. טאלסטאי
דער וועלט-באריהמטער ראמאן, וועלכער האט אויפגעשטורעמט די וועלט מיט זיין רעאליזמוס. ענטהאלט ביינאהע 600 זייטען.
פראכטפאל געבונדען — $1.50

STAR HEBREW BOOK CO.
54-58 Canal Street, New York